YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i14

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 14
April 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 14)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/53

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. PRICE 3 CENTS Friday, April 18, 1919. .1919 פרייטאג, דעם 18טען אפריל No. 14

דעבס אין פריזאן!

True translation filed with the Postmaster at New York City on April 18, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דעבס, דער מענש, וועלכער האט ניט געהאט קיין אנדער ציעל, קיין אנדער גע־דאנק אין זיין גאנצען לעבען, זינט ער האט דערפיהלט דעם גרויסען ריס אין דער געזעלשאפט, וועלכער צושפאלט איהר אין צוויי קלאסען, ווי די ערהויבונג און די באפרייאונג פון דעם געטראטענעם און בארויבטען ארבייאער־קלאס — דער מאן איז איצט אין מאונדסוויל פריזאן אין וויר־דזשיניא.

ער איז פאראורטיילט געווארען צו צעהן יאהר פריזאן פאר איינינע פראזען אין איינער פון זיינע גלענצענדע רעדעס מיט א צייט צוריק אין קענטאן אהייא. ער האט זיך שטארק פארזינדיגט. ער האט געזאגט, אז דער ארבייטער פאסט זיך פאר עפעס בעסערעס, ווי צו זיין א שקלאף און שפייז פאר קאנאנען, און עהנ־ליכע אזעלכע ווערטער.

מען האט געמיינט, אז מען וועט מיט דעבס'ען אביסעל ווייכער האנדלען, ווי מיט אלע אנדערע עהנליכע „פארברע־כער". ער איז דאך פארט דער גרויסער דעבס, וואס איז אזוי וועלט־באריהמט און אזוי אלגעמיין געאכטעט און געליעבט. ער איז דאך פארט דער דעבס, וועלכער, ווען ער איז אין 1912 „געלאפען" אלס פרעזידענט־קאנדידאט פון דער סאציא־ליסטישער פארטיי, האט ער געצויגען א גענויע מיליאן שטימען. מען האט דארום געמיינט, אז פאר איהם וועט דער שטרענ־גער, אונערבארמליכער געזעץ געפינען א זכות. מען האט געגלויבט, אז אין זיין פאל וועט זיך פרעזידענט ווילסאן אליין ארייןמישען און ניט דערלאזען, אז דעבס זאל געהן אין פריזאן. אבער עס איז גאר־ניט געווארען פון די אלע חשבונות; דער אלטער דעבס, וועלכער איז שוין 63 יאהר, איז שוין איצט אין פריזאן.

און די ארבייטער וועמען ער האט זיין גאנצען לעבען, זיין גאנצע גרויסע בערעד־זאמקייט, אלע זיינע גלענצענדע פעהיג־קייטען אלס שרייבער געווידמעט? און אלע די, וועלכע ליעבען איהם און אכטען איהם? און דער גאנצער מיליאן מענשען, וועלכע האבען פאר איהם געשטימט?

זיי שווייגען דערווייל. עס שווייגען די אייזענבאהן־ארבייטער, וועמען ער האט ארגאניזירט נאך אין די זיבעציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, און פאר וועמען ער איז אין 1894 געגאנגען אין פריזאן. און עס שווייגען דער מי־ליאן ארבייטער, וואס האבען געשטימט פאר איהם אלס פרעזידענט אין 1912. און עס שווייגען די מיליאנען, וועמעס הערצער ער האט געריהרט מיט זיינע ריה־רענדע און צינדענדע רעדען.

און אט דאס שווייגען איז שרעקליך. ניט פאר דעבס'ען. ער וועט דורך דעם אויף א האר זיך ניט ענדערען. ער וועט בלייבען דער זעלבער גרויסער, איבערגע־בענער ארבייטער־פארקעמפפער אין גע־פענגניס, ווי ער איז עס געווען אויסער'ן געפענגניס. שרעקליך איז עס פאר די ארבייטער גופא, וואס זיי קענען שוויי־גען — אויב עס ארט זיי איבערהויפט — ווען איינער פון זייערע גרויסע און בעס־טע ווערט אוועקגעריסען פון זיי אהן איר־גענד וועלכער שולד פון זיין זייט, און זיי זעהען ניט אין דעם פאר זיך די ערג־סטע שטראף, די ערגסטע באליידיגונג, וואס זיי, אלס קלאס, האבען נאר געקענט קריגען.

וועט אבער דאס דאזיגע שרעקליכע שווייגען פארהאלטען זיך? מיר גלויבען עס ניט, מיר קענען עס ניט גלויבען. דער ארבייטער־קלאס אין אמעריקא מוז מיט עטוואס ענטפערען אויף דעם, און ער וועט ענטפערען.

מיר זיינען זיכער, אז באלד וועט דאס גאנצע לאנד פארהילכט ווערען פון א מעכטיגען פראטעסט צוזאמען מיט א דרינגענדער, שטרענגער פאדערונג פאר די באפרייאונג פון דעבס.

די ארבייטער דארפען עס טאן, מוזען עס טאן, אום ניט צו דארפען שעהמען זיך פאר זיך אליין. זאלען זיי, חלילה, שטיל־שווייגען און גארניט טאן פאר די בא־פרייאונג פון דעבס'ען, וועט עס זיין דער גרעסטער זיעג פאר דער רעאקציע און דער טויטליכסטער קלאפ פאר אלעס, וואס איז פראגרעסיוו.

אין דער דעבס־אנגעלעגענהייט קען ניט גענומען ווערען אין אנבאטראכט דער פאקט, דאס ער איז געווען אזא און ניט קיין אנדער מין סאציאליסט, אזא און ניט קיין אנדער מין טרייד־יוניאניסט, אז ער האט מעהר געארבייט פאר דער אינדוס־טריעלער פארמע פון יוניאניזם, ווי פאר דער פאך־פארם. דעבס, דער גרויסער ארבייטער־טריבון און פרייהייטס־קעמ־פפער, וועמעס יעדער פולס־שלאג האט גע־קלאפט פאר די ארבייטער און זייער ער־הויבונג און באפרייאונג, קען ניט געמאס־טען ווערען מיט אזא קליינער מאס. דעבס געהערט ניט צו דעם אדער יענעם „איזם". ער געהערט אין אלגעמיין צום גרויסען באפרייאונגס־קאמפף. ער, מעהר פון אלע אנדערע, האט אויפגעטרייסעלט דעם אמעריקאנער ארבייטער צו א נייעם בא־וואוסטזיין, און עס איז ניט די אדער יענע שולע, די אדער יענע ארבייטער־אר־גאניזאציע, וואס קען מאנאפאליזירען דעם גרויסען קעמפפער. דער קעמפפער גע־הערט צו דער גאנצער ארבייטער־באווע־גונג, צו דער גאנצער סאציאליסטישער און ראדיקאלער באוועגונג, און אלע צו־זאמען מיט אלע כחות מוזען אויסשרייען פאר דער וועלט זייער פראטעסט און זייער פאדערונג פאר דער זאפארטיגער באפריי־אונג פון געג. יודזשין וויקטאר דעבס און אויך פון אלע אנדערע, וועלכע זיינען, ווי ער, פאראורטיילט געווארען צו לאנגע יאהרען פון געפענגניס נאר דערפאר, ווייל זיי האבען אין דער צייט פון דער מלחמה באנוצט זיך מיט זייער קאנסטיטוציאנע־לעם רעכט פון פרייע רעדע און געגעבען אויסדרוק צו זייערע געדאנקען און גע־פיהלען.

עס שמעקט מיט קאמף

דערוויל, לויט די פארהאנדלונגען פון די ביידע קאנפערענצען, וואס זיינען אפ־געהאלטען געווארען צווישען די פארשטע־הער פון די קלאוקמאכער און פון די באסעס, זעהט זיך ניט אן, אז די באסעס זאלען זיין פ ר י ד ל י ך געשטימט, און אז מען זאל מעגען האפען, אז זיי וועלען נאכגעבען אהן א קאמף די פאדערונגען פון די ארבייטער, די פאדערונגען, וועלכע די צייט אליין האט אויסגעארבייט.

שוין געגען די סאמע ערשטע, די וויכ־טיגסטע פאדערונג, די איינפיהרונג פון וואך־ארבייט, שטעלען זיך די באסעס מיט אלע זייערע כחות. געגען דער פאדערונג האבען זיי ארויסגעשטעלט זייערע שטארקסטע קאנאנען: די הערען לאכמאן, געטצקי, ראפאפארט, אפשר וועלען זיי קענען איבעררייידען די ארבייטער פאר־שטעהער, אז זיי־זאלען אט די וויכטיגסטע פאדערונג אין גאנצען לאזען פאלען.

און ווען נאך די אלע רעדען האט ב. שלעזינגער ערקלעהרט, אז ערשט איצט, נאך זייערע רעדען, זיינען די ארבייטער־פארשטעהער נאך שטארקער איבערצייגט געווארען אין דער נויטווענדיגקייט פון דער וואכען־סיסטעם סיי פאר דעם אר־בייטער און סיי פאר דער גאנצער קלאוק־אינדוסטריע, און דאס די יוניאן קען און וועט פון איהר פאדערונג ניט אפלאזען, איז דער פרעזידענט פון דער אסס'ן, הערר סינגער, געוועזן „העכסט־איבערראשט" פון אזא האנדלונג. ער האט געמיינט, אז די ארבייטער קומען זיך באראטען מיט די באסעס, איז ער געווען, נאטירליך, אזוי פריינדליך צו קומען אלס עצה־געבער, אבער עס איז איהם גאר ניט איינגעפאל־לען, אז די יוניאן זאל קומען פאדערען!

געוויס, דערוויל געהען נאך אן די קאנפערענצען. און כדי די פארהאנדלונ־גען זאלען קענען זיין וואס שנעלער, זיי־נען אויסערוועהלט געווארען פון ביידע זייטען סאב־קאמיטעס פאר א וויטערער דיסקוסיאן סיי איבער וואך־ארבייט און סיי איבער די אנדערע פאדערונגען פון דער יוניאן. אבער, צי די פארהאנדלונ־גען וועלען פיהרען צו א פריעדליכער אויסגלייכונג, דאס איז שווער צו זאגען. די באסעס באגרייפען פיעל בעסער, לייי־דער, ווי מאנכע ארבייטער, וואס פאר א גרויסער קלאפ עס וועט זיין פאר זייערע פראפיטען די איינפיהרונג פון וואך־אר־בייט. איז אין אירגענד אן אנדער צייט וואלטען די באסעס לחלוטין זיך ענטזאגט צו פארהאנדלען מיט די ארבייטער ווע־

(שלוס אויף זייט 20)

אינהאלט־פארצייכנים

נומער 14 „גערעכטיגקייט"

זייט 1.—דעבס אין פריזאן! עס שמעקט מיט קאמפף. עס פרעסט זיך אוים. — רעדאקציע.
זייט 2.—וואס הערט זיך אין אונזער מדינה? — נ. בוכוואלד.
זייט 3.—דער זיעג פון די ווייסט און דרעס־מאכער יוניאן — אב. באראף. צו אלע ווייסט און דרעסמאכער.
זייט 4.—די פארשטעהענדע ענדערונגען אין דער קלאוק אינדוסטרי — ל. פינקעל־שטיין.
זייט 5.—לעבען און טעטיגקייט צווישען די קלאוקמאכער אין קליוולאנד—מ. פערל־שטיין.
זייט 6. — קארל סאנדבורג און זיין פאעזיע — א. גלאנץ. די רויז און דער דיכ־טער — י. אדלער.
זייט 7. — אינגעבורג (ראמאן) — ב. קע־לערמאן. „ראפענירטע לוידיעס" — עלען א. קענאן.
זייט 8. — סעטעלמענט אגרימענט אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטרי.
זייט 9. — צום יובילעאום פון די משולד־רענס שוז ווארקערס יוניאן—ס. זיידעל.
זייט 10. — פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 11. — טעאריע און פראקטיק — הלל ראגאף.
זייט 12. — וועלען מיר האבען אינטערווענ־ציע אין מעקסיקא? — מ. קאלטשין. אויף'ן וויליאמסבורגער בריק (געדיכט) — נפתלי גראס. פריהלינג און ליע־בע (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. — די דעזיינערס יוניאן — ל. לאנ־גער. קורצע שמועסען צווישען רעדאק־טאר און די לעזער.
זייט 14. — אין א פרעמדער וועלט (ער־צעהלונג) — ש. ערדבערג. דער שטע־קען — ב. ראטהשטיין.
זייט 15. — די פרויען וועלט — ראזע בעדריק.
זייט 16. — א פאלקס־טעאטער — דזשא־זעף קאוען. אינטערנעשאנאל עדיו־קיישאנאל דעפארטמענט — ס. ליבערטי.
זייטען 17, 18 און 19. — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. — מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער. קלאוקמאכער יוניאן גרייט זיך צו א קאמפף. די פראטעסט באווע־גונג געגען מעיאר הייל'ן'ס גזירה. עס שמעקט מיט קאמפף — שלוס פון זייט 1.

עס פרעסט זיך אוים

מיט יעדען טאג, וואס געהט אוועק, ווערט די לאגע אין די געסעטעלטע ווייסט שעפער נאך דעם סטרייק און נאך דעם ווירקליך וואונדערבארען זיעג אלץ בע־סער. און מען מעג ערווארטען, אז אין דעם משך פון דער נעקסטער וואך וועט די לאגע, אויב ניט אין גאנצען ווי גע־וואונשען, געוויס נאך בעסער ווערען.

מען דארף נאר האבען אין זינען, אז דער סטרייק האט זיך געענדיגט ערשט דאן, ווען דער סיזאן איז שוין כמעט פאר איבער, און ווען אין פיעלע שעפער איז שוין טאקע ניטא וואס צו טאן. די סטריי־קער, וואס געהען איצט ארום לעדיג, דאר־פען פארשטעהן, אז זייער ארבייטסלאזיג־קייט האט גארניט צו טאן מיט די אויס־געפיהרטע גוטע באדינגונגען, נאר פשוט מיט דער אלטער סלעק־קרענק.

אחוץ דעם, ווי מיר האבען שוין ער־קלעהרט לעצטע וואך, זיינען נאך פיעלע שעפער אין סטרייק. מאנכע באסעס, וואס האבען פריהער געהערט צו דער אסס'ן, קענען ביי זיך ניט פועל'ען נאכ־צוגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן, גענען זיי פיהרט אן די יוניאן דעם קאמפף מיט דער זעלבער שטארקייט, ווי פריהער, ביז זיי וועלען זיך אונטערגעבען.

דאס אלעס איז פארשטענדליך און איז ניט פון אזא גרויסער באדייטונג. אזוי איז עס נאך יעדען סטרייק: עס נעהמט א געוויסע צייט ביז אלעס קומט אין ארדנונג. אבער פון דעם סטרייק איז אויסגעוואקסען פאר דער יוניאן די גרוי־סע פראבלעם פון קאנטרי־ארבייט. די קאנטרי קאנקורירט מיט ניו יארק: די קאנטרי איז די לאך, וואו עס רינט אויס די ארבייט, וואס געהערט צו ניו יארק. די לאך מוז אונבאדינגט פארשטאפט ווע־רען. ד. ה., דער שאפ אין דער קאנטרי מוז פונקט אזוי ארגאניזירט ווערען, ווי דער שאפ אין ניו יארק. דער ארבייטער אין דעם קאנטרי־שאפ מוז ווערען א יוני־יאן־מאן און ארבייטען די זעלבע שטונ־דען און קריגען דעם זעלבען פרייז, ווי אין ניו יארק. דאן ערשט וועט ווערען קלאר די גאנצע באדייטונג פון דעם גרויסען זיעג פון דעם לידיעס ווייסט מאכער סטרייק.

פארשטעהט זיך, אז דאס איז ניט קיין לייכטע ארבייט, און ניט אן ארבייט פון א טאג. צו דער ארבייט פאדערען זיך די בעסטע ארגאניזאטארישע כחות, די בעסטע געדאנקען־ארבייט און ענערגיע, וואס די אינטערנעשאנאל פארמאגט. און מען האט שוין זיך גענומען צו דער אר־בייט.

כדי אבער די ארבייט זאל געקרוינט ווערען מיט דעם גרעסטען ערפאלג און וואס שנעלער, איז נויטיג, אז די לידיעס ווייסט מאכער יוניאן אין ניו יארק זאל אנשטרענגען אלע איהרע כחות צו בליי־בען ביי איהר געוואונענער מאכט. וואס בעסער עס וועלען בלייבען ארגאניזירט די מייסטע לידיעס ווייסט־שעפער, און וואס מעהר עס וועלען אפגעהיט ווערען אלע באדינגונגען, וואס די ארבייטער האבען געוואונען דורך דעם סטרייק, דאס לייכטער וועט זיין צו ארגאניזירען די קאנטרי. קיין ארגומענט קען ניט אזוי אפעלירען צום ארבייטער אין דער קאנ־טרי, ווי דער פאקט, אז פאר די זעלבע ארבייט קריגט דער ארבייטער אין ניו יארק פיעל מעהר באצאהלט און ארבייט פיעל ווייניגער שטונדען און אונטער אזעלכע סאניטארע און אנדערע באדי־נונגען, וואס זיי, אין דער קאנטרי, קענען גארניט האבען.

אזא שטענדיגע אונערמידליכע [illegible] טאציע און טיכטיגע ארגאניזא[illegible] בייט מוז מיט דער צייט [illegible] שטארקסטע ווירקונג.

אינטערנעשאנאל קריעגס דעפארטמענט

פון א סטעף רעפארטער.

אונטער דערזעלבער קעפעל האבען מיר די לעצטע צייט איינינע מאל געשריבען וועגען דער טעטיגקייט אין אונזער אינטערנעשאנעל אפיס אין באצוג די פיעלע סטרייקס, וואס זיינען אויסגעפאכטען געווארען אין די לעצטע 2-3 מאנאטען און אלע האבען זיך געענדיגט מיט א זיעג פאר די סטרייקער, מיט א זיעג פאר די מיט־

ש. יאנאווסקי
ווי דער ארטיסט האט איהם געמאלען פון ברון. זיין טיטעל איז: עדיטאר אין טשיעף פון „גערעכטיגקייט".

גליעדער פון די אלע לאקאל יוניאנס, וועלכע זיינען לעצטענס אין סטרייק געווען.

מיר גלויבען קוים, אויב אירגענד ווער פון דרויסען וואס באטראכט די זאך אביעקטיוו קען האבען א קליינעם באגריף אפילו פון דער קאלאסאלער יוניאן־ארבייט וואס איז אויפגעטאן געווארען אין אפיס פון דער אינטערנעשאנעל אין די לעצטע דריי מאנאטען!

עס איז נאך איצט ניט די צייט אפצושאצען ריכטיג און גענוי דעם ווערטה פון דער גאנצער אויפגעטאנענער ארבייט, עס איז נאך צו פריה ריכטיג אפצושאצען די פולע באדייטונג פון אלע געוואונענע סטרייקס, פאר דעם גרויסען מאטעריעלען נוצען און דער גייסטיגער ערהויבונג ניט נאר פון די צעהנדלינגע טויזענדער ארבייטער, וואס האבען זיך דירעקט אין די סטרייקס באטייליגט, נאר אויך פאר דער גאנצער מעמבערשיפ פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן אין איהר גאנצער גרויס. אמת טאקע, די סטרייקס זיינען געפיהרט געווארען אין ניו יארק, אבער די הערצער פון אלע מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאנעל איבער'ן גאנצען לאנד האבען געשלאגען אין טאקט מיט די הערצער פון די בראווע סטרייקער פון די ניו יארקער לאקאלס; אלע האבען געהאלטען אנגעשטעלט די אויגען צו דעם ניו יארקער קאמפף־פלאץ און מיט דער גרעסטער אומגעדולדיגקייט געווארט אויף דעם אויסגאנג פון די אלע קעמפע, אויף דעם זיעגרייכען ענד פון אלע אונזערע סטרייקס, וואס זיינען דא אין די לעצטע דריי מאנאטען אויסגעפאכטען געווארען.

מיר וועלען, אלזא, די אפשאצונג פון דעם אלעם לאזען אויף שפעטער, ווען די אנגעשטרענגטע נערווען וועלען זיך אביסעל בארוהיגען און דער מוח וועט זיין מעהר מסוגל צו דענקען, צו באטראכטען קאלטבלוטיג וואס דא איז ווירקליך פארגעקומען. איצט ווילט זיך בלויז אויסדריקען די ווארימע געפיהלען, וואס זיינען ארויסגערופען געווארען דורך דעם זיעגרייכען שלום פון דעם גיגאנטישען וועיסט און דרעסמאכער סטרייק! עס ווילט זיך זאגען א ווארט וועגען די העכסט דראמאטישע סצענען וואס זיינען פארגעקומען ביי די מיטינגען פון די סטרייקער דעם מאנטאג ביי טאג אין וועבסטער האל און אין בעטהאווען האל, און שבת נאכ־מיטאג אין מאנהעטען לייסעאום, ביי דעם שלום־אקט פון דעם סטרייק, ווען די פונקטען פון דעם נייעם אגרימענט זיינען פון פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטער באראף און ברודער עליאס ליבערמאן קלאר געמאכט געווארען פאר די סטרייקער, און זיי, די סטרייקער, האבען געדארפט זאגען דאס לעצטע ווארט: צו זאל דער אגרימענט מיט דער אסס'ן אנגענומען אדער צוריקגעוויזען ווערען. שבת און מאנטאג זיינען ווירקליך געווען צוויי וויכטיגע און אינטערעסאנטע טעג.

און וויסען דארפט איהר, דאס דער לעצטער טאג פון א גרויסען סטרייק איז אימער דער שטורעמדיגסטער טאג! דאס רוב איז דאס א טאג פון אלגעמיינער נערוועזיטעט, פון אלגעמיינער אויפרעגונג. עס פיהלט זיך עפעס א ניט זיכערקייט אין יעדער זאך וואס דארף און מוז געטאן ווערען. דאס איז דער טאג ווען עס דארף אונטערשריבען ווערען א וואפען־שטילשטאנד און עס דארף ווידער אריינטרעטען אין לעבען פון דער ארגאניזאציאן „פרידליכע באדינגונגען". און דאס איבערגעהן פון „קריעג צו פרידען" נעהמט מעהרסטענס צו גאנץ שווערלעך אויפ'ן עקאנאמישען געביט, פונקט ווי אויפ'ן פאליטישען געביט.

די מאסמיטינגען פון די סטרייקער, וואס ווערען אפגעהאלטען יענעם טאג זיינען אימער זעהר שטורמדיג. א מערקווירדיגען בילד שטעלען מיט זיך פאר אט די מיטינגען, ווען די סטרייקער דארפען זאגען דאס לעצטע ווארט. דאס איז אן אויסערגעוועהנליכער, פסיכאלאגישער מאמענט. פיליכט מעהר ווי אין דער גאנצער צייט, וואס דער סטרייק איז אנגעגאנגען, דערפיהלט דער ארבייטער ריעז זיין אמת'ע קראפט! דעמאלט איז שוין קלאר פאר איהם אז דער שונא איז גע־

ל. פינקעלשטיין
דער סטעף־רעפארטער, וועלכער דערצעהלט דער וועלט אלעס, וואס ער זעהט און הערט, און ניט מעהר.

שלאגען; עס איז שוין זיכער, אז דער שונא, וועלכער האט געגעבען דער יוניאן אזא שטארקען ווידערשטאנד, ליעגט שוין א באזיעגטער און ערשט דאן דערפיהלט ער ווי אומבאזיעגבאר עס איז די אייזערנע מאכט וואס שטעקט אין דער איינינקייט פון די ארבייטער מאסען! אין דעם מאמענט, מעהר ווי אלע מאל, דערפיהלען די ארבייטער די קראפט פון דער יוניאן, די מאכט פון ארגאניזאציאן און אלעמענס געמיטער ווערען אויפגעשטורעמט. אין די מוחות פון די סטרייקער לויפט דורך די גאנצע קייט פון פאסירונגען דורך דער צייט פון'ם קאמפף. זיי דערמאנען זיך אן אלע צרות און לייד וואס דער סטרייק האט געבראכט פאר זיי און עס איז נאטירליך עס זאל זיך וועלען דערפאר א בעסערע פארגיטיגונג... אלץ א בעסער סעטלמענט צו באקומען פון געשלאגענעם שונא אלס מעהר הכחות פאר זיין שרעקליכער, הארצלאזער ביזוויליגקייט!

און דער פועל יוצא דערפון איז, דאס די גרויסע קאמפאקטע מאסע אויף אט די מיטינגען שטעלט ניכער מיט זיך פאר א ברויזענדען, אויפגעקאכטען ים, וועלכער איז אויפגעשטורעמט געווארען פון עפעס א בייזען געוויטער און איז גרייט צו פארשלינגען אין זיין תהום אלעס און אלעם וואס שלאגט זיך אן די צורודערטע, מעכטיגע בוואליעס. עס שיינט דאן, דאס אין דעם מאמענט איז קיינער פון די פארזאמעלטע ניט מסוגל צו באטראכטען ריכטיג די לאגע, צו פארשטעהן די ערנסטקייט פון'ם מאמענט און צו פיהלען דאס איין פאלשער טריט קאן נאך אמאל פיהרען צו דעם, דאס די גאנצע אנשטרענגונג, די גאנצע שווערע ארבייט אין צייט פון קאמפף קאן, חלילה, פארלארען געהן! די לופט אין די האלס שמעקט מיט פולווער... עס דוכט זיך ווי מען וואלט זיצען אויף א פאס דינאמיט, וואס איין פונק קען אלץ אויפרייסען און פארניכטען.

און עס פאסירט ניט זעלטען, דאס א טייל פון די סטרייקער פארגעסען אין

עליאס ליעבערמאן
פריהעריגער טשיעף־קלירק פון דער לײדיעס וועיסט מייקערס יוניאן, איצט מענעדזשער פון „גערעכטיגקייט".

דעם מאמענט, צוליעב וואס, אייגענטליך, מען איז ארויס סטרייקען, — ווער און וואס עס האט דעם סטרייק פאראורזאכט, און פאר זיי איז דאן קיין סעטלמענט ניט גענוג, און קיין געווינס איז ניט ווערטה צו באצייכענען אלס א זיעג.

און דיעזע מענשען פאנגען אן מיט ווילדקייט אלעס צו פארקלענערען, צו גארנישט מאכען אלעם וואס מען האט געוואונען, און זיי פאנגען אן צו דינגען זיך מיט די פיהרער פון סטרייק, מיט דער קאנפערענץ קאמיטע וואס האט געבראכט דעם סעטלמענט פון דעם קאנפערענץ־טיש, נאך א וואך צייט ענערגיע, נאך א סך הארץ עסעניש, נאך א סך אומרוהיגע טעג און ניט דערשלאפענע נעכט!

אבער וואס קימערט דאס יענע לייט? דאס געהט זיי גארניט אן!

און מען פאנגט זיך אן דינגען מיט דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, מיט די פיהרער פון סטרייק, עפעס אזוי ווי זיי וואלטען קאנען קריגען פון די באסעס מעהר און האבען גענומען ווענינער!

און די פיהרער פון סטרייק זיצען,

ע. רענדרע
פארטייטשט די באדייטונג פון דעם סטרייק און פון יוניאניזם אויף איטאליעניש אין דער „דזשוסטיציא".

הערען דאס צו און דאס הארץ ווערט פארלאפען מיט בלוט! זיי וויסען גאנץ גוט אז זיי האבען געטאן אלעס וואס זיי האבען נאר געקענט, דאס זיי האבען קיין זאך ניט דורכגעלאזען, גארניט פארנאכלעסיגט, דאס מען האט געארבייט איבער די כחות, דאס מען האט אנגעשטרענגט יעדען נערוו, זיך באנוצט מיט אלעם וואס נאר מעגליך געווען צו באקומען אלץ א שעהנערען און א בעסערען סעטלמענט, און דא שטעלען זיך אויף מיידלאך און בחורים, דאס רוב אזעלכע, וואס האבען נאר פאר'ן סטרייק ווייניג וואס געטאן; וועלכע האבען נאר, אזוי צו זאגען, דורך דער צייט פון סטרייק זיך אפגעגעבען מיט „אייגענע זאכען", מיט זייער „אייגען אינטערעס", וועמעס הויפט טעטיגקייט אין צייט פון סטרייק איז נאר געווען צו פארשפרייטען זייער גערודער צווישען די סטרייקער. דאס מעג זיך און פאר זיך זיין גאנץ גוט, אבער וואס האבען זיי געטאן פאר'ן סטרייק?... פון וואנען נעהמען זיי זיך דאס רעכט אין דער לעצטער מינוט, אין דעם קריטישען מאמענט פון סטרייק צו ווערען די אדוואקאטען פאר'ן „פאלק"?

און איינע נאך די אנדערע קומען זיי ארויף אויפ'ן פלאטפארם, אט דיעזע לייטע, און ווייזען אויף גאלע חסרונות. זיי זאלען אין דעם סעטלמענט געפינען כאטש איין גוטע זאך, כאטש איין גוטען פונקט!

מען האט געוואונען פינף שטונדען א וואך וועניגער ארבייט און פון דריי דאלאר ביז איין דאלאר א וואך מעהר אין שכירות. אבער דאס איז פאר זיי נאר ניט שבי גארניט! דאס איז פאר זיי נאך גוט געווען איידער מען האט דאס געקראגען... איצט אבער, ווען מען האט דאס שוין באקומען, טו וואס טויג דאס שוין?...

דאס גליק איז נאר וואס בכלל האבען די לייטע א פינסטער מזל... מען אפלאדירט, דאכט זיך, ווען זיי רעדען, אבער מען שטימט נעגען זייערע עצות!... דאס פאלק פיהלט דאך ווער עס טוט עפעס פאר איהם און ווער עס שרייט פאר איהם. זיין געזונטער אינסטינקט זאגט איהם אונטער דאס שטימען דארף ער לויט דער רעקאמענדאציע פון די טוער, און ער טוט דאס כאטש ער אפלאדירט די שרייער...

יא, עס איז ניט גאר לייכט א סטרייק אנצופאנגען, אבער נאך פיעל, פיעל שווערער איז עס זיעגרייך צו ענדיגען. און דער וועיסט און דרעסמאכער סטרייק האט זיך ווירקליך זיעגרייך געענדיגט און פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטער באראף און אונזער גאנצע אינטערנעשאנעל — אלע, אלע מעגען זיך הארציג גראטולירען מיט'ן פיעל באדייטענדען זיעג!

אפגעלעגט

די עדיוקיישאנאל קאמיטע האט אפגעלעגט די אפעיר וואס האט געזאלט זיין אין וואשינגטאן אירווינג הוי סקול דיזען שבת, דעם 12טען, אויף דעם 19־טען אפריל, אויך א שבת, און מיר קענען פארזיכערען דאס די מעמבערס וועלען האבען גרויס פערגעניגען קומענדיג און ברענגענדיג מיט זיך זייערע פריינד.

אט איז דער פראגראם:

א כאר פון 60 שטימען וועלכע וועלען זינגען ארבייטער ליעדער אין ענגליש און רוסיש, געפיהרט פון מר. לאקנער פון רענד סקול.

מרס. דזשעין אלפרעד וועט זינגען אירישע פאלקסליעדער.

דר. נארמאן טאמאס וועט לעקטשורען איבער „דער וועג צו דער צוקונפט."

א רעפארט פון דער עדיוקיישאנאל ארבייט פון סיזאן.

א ספעציעלע מאווינג פיקטשור.

מיסס פאניא מ. קאהן טשערמאן.

טיקעטס צו דיזער אפעיר פריי פיר אונזערע מעמבערס. צו בעקומען אין אפיס פון דער יוניאן אדער ביי אייער לאקאל.

אונזערע מעמבערס קאנען נאך אלץ געהן אין דער בראמהאל פלעיהויז, וואו עס ווערט געשפיעלט „דעם פארצווייפעלטען'ס שיקזאל."

מיר האבען טיקעטס פאר וועלכע אונזערע מעמבערס צאהלען נאר 30 סענט אנשטאט 2.00 דאלאר, און דאס איז שוין צוזאמען מיט דעם וואר טעקס. די פיעסע האנדעלט מיט רעליגיאן, ארבייט און סעקס, און ווערט געשפיעלט פון זעהר גוטע אקטיארען. געהט עס זעהן, איהר וועט זיך אמוזירען. איהר קענט קריגען דיעזע טיקעטס אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער, אדער ביי אייער סעקרעטער פון לאקאל.

אונזערע מעמבערס נעהען יעצט צו דער אפערא פאר מעסיגע פרייזען, און דאס וויכטיגסטע איז דאס מיר קריגען סיטס ווען אנדערע קענען קיין סיטס ניט קריגען.

די וואך פון פסח וועלען אונזערע יוניטי סענטערס זיין פארמאכט. די יוניטי סענטערס וועלען צוריק זיך אויפמאכען דעם 21טען אפריל, 1919.

ם. ליבערטי, ארגאניזער.

דער זיעג פון די וויסט און דרעס מאַכער יוניאָן

פון אב. באראף.

א הערצליכע גראַטולאַציאָן צו דער אינטערנעשיאָנאַל און איהר גרויסע מעמבערשיפּ מיט דעם גרויסען זיעג וואָס זי האט ווידער צו פאַרצייכנען אין דעם אויסגאַנג פון דעם גרויסען סטרייק פון די וויסט מייקערס.

א גראַטולאַציאָן פון טיפען הארצען רייסט זיך אַרויס צו די וויסט מייקערס פאַר דעם בראַווען הערליכען קאַמף וואָס זיי האָבען אָנגעפיהרט נעגען זייערע עקשנות'דיגע בעלי בתים און דעם גרויסען זיעג וואָס זיי האָבען געוואונען.

א גראַטולאַציאָן צו דער גאַנצער ארבייטער באַוועגונג איבער דעם גרויסען נצחון, וואָס דער אידעאַל פון ארבייטער־אחדות האָט געהאַט איבער די פאַראייניגונג פון קאַפּיטאַל, וועלכער איז אויסגעפאַכטען געוואָרען מיט אַזאַ העלדענמוט, אַזאַ טרייהייט און אויסדויער פון די וויסט מייקערס פאַר גאַנצע צוועלף וואָכען און וועלכע האָבען דורך זייער סאָלידאַריטעט געצוואונגען די מאַנופעקטשורערס נאָכצוגעבען דער יוניאָן די גערעכטע פאָדערונגען.

נאָר, עס שווימען אויף אין מיין זכרון די עטליכע שטירמישע מיטינגען פון די וויסט מייקערס, דאָרט וואו איך האָב ערוואַרטעט צו זעהן די קעמפענדע ארבייטער מיט פלאַמענדע געזיכטער פון זיעג, מיט א יובעל געשריי פאַר דעם נצחון וואָס זיי האָבען געהאַט איבער זייערע בעלי בתים, אָבער אנשטאָט דעם, זעה איך געזיכטער פול מיט ענטוישונג, אויגען פול מיט צער, און עס פאַרדריסט אַזוי שטאַרק, די הארץ פאַרדריקט, און עס רייסען זיך יאוש געדאַנקען, און עס פרעגט זיך: זיינען דאָס די אינטעליגענטע וויסט מייקערס? אויב יא, האָבען זיי דאָך געדאַרפט קאָנען אָפּשעצען דעם אויסגאַנג פון דעם בראַווען סטרייק, און צו קיין אַנדער רעזולטאַט האָבען זיי דאָך ניט געקאָנט קומען, אַז דער סעטעלמענט פון דעם סטרייק איז א גוואַלדיגער זיעג פאַר דער יוניאָן, און א פאָלקאָמענע נידערלאַגע פאַר די באָסעס. טאָ פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ קאַלטקייט, און עס דאַכט זיך מיר, פיליכט איז נויטיג נאָך אַמאָל אַנאַליזירען די אורזאַכען, וואָס האָבען אַרויסגערופען דעם סטרייק, און דאַן פיליכט וועלען די וויסט מייקערס קאָנען אָפּשעצען דעם זיעג, ווייל עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק, אַז די וויסט מייקערס זאָלען זיך צוריק קעהרען אין די שעפּער מיט שטאָלץ געהויבענע קעפּ און מיט א פולען גלויבען אין דער מאַכט פון ארבייטער אחדות.

לאָמיר זעהען וואָס האָט פּאַסירט.

עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין א געוויסען טאָג פאַרשטעהער פון די בעלי הבתים, אין א שענעם האָטעל, זיצענדיג אין א רייך־באַפּוצטען צימער האָבען זיי געשמידעט פּלענער ווי אַזוי צו צוברעכען די אָרגאַניזאַציאָן פון זייערע ארבייטער, יענע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט די ארבייטער געלערנט דעם אידעאַל פון סאָלידאַריטעט. יענע אָרגאַניזאַציאָן וועלכע האָט אין די ארבייטער געוועקט דעם באַוואוסטזיין אין זייערע רעכטע און מאַכט, האָט דעם הילפלאָזען ארבייטער באַגייסטערט צו העכערע, שענערע פאַרלאַנגען, יענע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט געזעעט מיט ערפאָלג גלויבען אין די הערצער פון ארבייטער אין דער מאַכט פון אחדות.

זיי, די מאַנופעקטשורערס, זיינען מיעד געוואָרען צו פאַרהאַנדלען מיט די ארבייטער אַלס א גלייכער צווייטער צד, זיי האָבען זיך פאַרביינקט צוריק צו יענער צייט, ווען זייערע ארבייטער האָבען קיין יוניאָן ניט געהאַט, דאַן ווען זיי זיינען געווען די פרייע הערשער, און ער, דער ארבייטער, איז געווען הילפלאָז, אליין, ווען ער האָט געמוזט טאָן, וואָס זיין הערשער האָט געוואָלט, און זיי זיינען געזעסען און פאַרפערטיגט פּלענער מיט וועלכע זיי האָבען געגלויבט און געהאָפט, אַז זיי וועלען קאָנען דורכפיהרען זייער טייפעלשען פּלאַן, און צוברעכען די יוניאָן.

זייער פּלאַן איז געווען איינפאַכער, דער אָפּמאַך מיט דער יוניאָן ענדיגט זיך, און זיי האָבען אויסגעאַרבייט א רייהע פאָדערונגען צו דער ארבייטער־יוניאָן, פאָדערונגען וועלכע זיי האָבען געוואוסט, אַז די יוניאָן קאָן זיי ניט נאָכגעבען, ווייל דאָס וואָלט מיינען זעלבסטמאָרד... און זיי האָבען [illegible] אַז די יוניאָן וועט ניט קאָנען נאָכקומען זייערע פאָדערונגען און וועט זיין געצוואונגען ערקלערען א סטרייק, און זיי, די באָסעס, האָבען געוואוסט ווי פינאַנסיעל הילפלאָז זייערע ארבייטער זיינען, זיי האָבען כמעט געהאַט א פולען חשבון פון די פינאַנסען פון זייערע ארבייטער, זייער רעכנונג איז געווען א ריכטיגער: לאַנגע סלעק, הויכע הויז־שינדערישע פרייזען פאַר נויטיגע לעבענס־מיטלען האָבען זיכער ביי זייערע ארבייטער ניט איבערגעלאָזען קיין סענט פון זייערע פאַרדינסטען, זייער יוניאָן איז אָרים, נו, טאָ ווי לאַנג וועלען זיי סטרייקען? דער הונגער וועט זיי טרייבען צוריק אין די שעפּער, זיי וועלען פאַרלאָזען זייער יוניאָן, און אַזוי האָבען זיך די מאַנופעקטשורערס ביי יענעם קאָנפערענץ דערזעהן פרייע הערשער, וועלכע וועלען קאָנען געוועלטיגען נאָר אויף דעם אַמאָליגען שטייגער.

און וועלכע זיינען עס געווען די פאָדערונגען פון די באָסעס צו די פאַרטרעטער פון די ארבייטער?

ערשטענס — אַז זיי, די באָסעס, זאָלען האָבען א פרייע האַנד צו סעקען ארבייטער, און די יוניאָן זאָל ניט קאָנען זאָגאָר פרעגען: „פאַרוואָס?"

צווייטענס — אַז צוויי מאָל א יאָהר, ביי ענדע פון יעדען סיזאָן, זאָלען די ארבייטער וויסען, אַז דער פאַקט אַליין, וואָס עס איז די ענדע פון סיזאָן אַז זיי אַלע, די ארבייטער, זיינען שוין ניט באַרעכטיגט צום דזשאָב, און אַז דער באָס האָט דאַן א רעכט צו האַנדלען ווי ער וויל.

דריטענס — קיין צוטיילונג פון ארבייט אין סלעק, נאָר דער באָס זאָל האָבען דאָס רעכט אויסקלייבען די, וועלכע ער אַנערקענט פאַר טרייע און גוטע ארבייטער און זיי באַשעפטיגען דורך דער צייט פון סלעק.

פירטענס — קיין דאַבעל פּיי פאַר אָווערטיים, און אויב די יוניאָן וועט זיי נאָכגעבען זייער פאַרלאַנג, דאַן זיינען די מאַנופעקטשורערס בארייט צו געהן אין קאָנפערענצען מיט די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן וועגען די פאָדערונגען פון דער יוניאָן, וועגען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך און די אַנדערע פאָדערונגען.

און די יוניאָן האָט געגעבען די באָסעס דעם ריכטיגען ענטפער, און א סטרייק איז ערקלערט געוואָרען אין דער וויסט אינדוסטרי.

די מאַנופעקטשורערס האָבען געמאַכט דעם רעכנונג אָהן די בעלי בתים, די ארבייטער, זיי האָבען ניט געוואוסט דעם אונענדליכען אויסדויער־כוח און טרייהייט מיט וועלכע אונזערע וויסט און דרעס מייקערס זיינען באַזעעלט; זיי האָבען ניט געוואוסט און ניט געקאָנט פאַרשטעהן יענע סאָלידאַרישע געפיהלען מיט וועלכע נאָר ארבייטער ווערען אָנגעפילט, זיי האָבען ניט געוואוסט און ניט געקאָנט פאַרשטעהן יענע אידעאַלען, וועלכע הייבען אויף דעם מענש העכער און וועלכע צינדען אָן אין די הערצער פון די ארבייטער יענע באַגייסטערונג, וועלכע מאַכט זיי מעכטיג און שטאַרק אין אַלע זייערע קעמפע מיט זייערע אויסבייטער, און די וויסט מייקערס האָבען אָנגעפיהרט א בראַווען, הערליכען קאַמף, א קאַמף וועלכער קאָן זיך גאָר ניט שעמען נעגען יענע קעמפע וועלכע ווערען געפיהרט אויף די באַריקאַדען אין די גאַסען פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער אין אייראָפּאַ.

די פּאָליציי האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר ברוטאַליטעט אין דיזען סטרייק, די ריכטער, וועלכע האָבען געדאַרפט אויסטיילען גערעכטיגקייט צו די סטרייקערס, האָבען ניט באַהאַלטען זייערע סימפּאַטיען צו די בעלי בתים, און אונזערע בראַווע קעמפערינס זיינען אויך אין דעם הויז פון גערעכטיגקייט מיאוס פאַרפאָלגט און באַהאַנדעלט געוואָרען; און די אונטער־וועלט חברה, וואָס די באָסעס האָבען געדונגען צו ממית'ען די סטרייקערס, דיזע פינסטערע חברה האָבען געטאָן זייער פאַראַכטעטע פליכט צו די מאַנופעקטשורערס. זיי, דיזע ווילדע, מיאוסע נפשות, האָבען געמאַכט דעם לעבען פון די סטרייקערס כמעט אונערטרעגליך, און נאָר דער גרויסער אידעאַל פון אחדות פאַר וועלכען אונזערע ארבייטער זיינען באַגייסטערט, האָט זיי געגעבען דעם נויטיגען כוח, איבערצוטראָגען אַלע אונמענשליכע יסורים אום צו באַשיצען זייערע הייליגע מענשליכע רעכט.

בראַוו, הערליך איז געווען דער קאַמף, די באָסעס האָבען זיך אַרומגעזעהן אַז ניט די פינסטערע ברואים, ניט די פּאָליציי און אפילו ניט די ריכטער מיט זייערע סטראַשונקעס קאָן ברעכען די ענטשלאָסענהייט פון די סטרייקערס, זיי האָבען אפילו זיך אַרומגעזעהן אַז אפילו דער הונגער קאָן ניט צוברעכען די טרייהייט פון די ארבייטער צו זייער יוניאָן, און זיי האָבען זיך געפונען געצוואונגען צו ענדערן אַלע זייערע פּלענער, און קומענדיג זיך צוזאַמען מיט פאַרטרעטער זיינען זיי געווען געצוואונגען צוריקצוציהען אַלע זייערע פאָדערונגען וואָס זיי האָבען געשטעלט דער יוניאָן, און דער אַגרימענט וועלכער איז געסיינט געוואָרען מיט דער צושטימונג פון די סטרייקערס מיט די מאַנופעקטשורערס, האָט ניט איבערגעלאָזען קיין ברעקעל סימן פון די באָסעס פאָדערונגען.

יעדער דיסטשאַרדזש מוזען ווערען רעוויוד, די מאַנופעקטשורערס קאָנען זיך ניט וואַרפען מיט די ארבייטער ווי זיי האָבען געפּלאַנט. יעדער אַקטיווער מעמבער איז אַבסאָלוט געזיכערט מיט א פולער פּראָטעקשאָן פון דער יוניאָן ווען ער איז נאָר גערעכט; די 44 שטונדען ארבייטס־וואָך איז פאָלקאָם געוואונען געוואָרען, אַלע אַנדערע פאָדערונגען פון דער יוניאָן זיינען געוואונען געוואָרען.

די וויסט מייקערס האָבען געוואונען א פאָלקאָמענעם זיעג; זיי האָבען געוואונען א גוואַלדיגען זיעג איבער די פּלענער פון זייערע באָסעס, די וויסט מייקערס האָבען אַלע אורזאַכען זיך צו גראַטולירען מיט דעם זיעג, און איך האָף אַז נאָך דעם, ווען זיי, די וויסט מייקערס, וועלען אַנאַליזירען די אורזאַכען וואָס האָבען אַרויסגערופען דעם סטרייק און דעם רעזולטאַט פון דעם סטרייק, וועלען זיי זיכער זיין שטאָלץ מיט זייער אָרגאַניזאַציאָן און וועלען זיך גראַטולירען מיט דעם גרויסען זיעג.

א לעבעדיגער קאַמפּיין פאַר די בלומען טעג פון לאָס אַנדזשעלעס סאַניטאַריום רעליעף אסס'ן.

דער קאַמפּיין פאַר די בלומען טעג צוגונסטען די אומגליקליכע קאָנסאָמפּטיווס אין לאָס אַנזשעלעס סאַניטאַריום איז אין פולען ברען.

די ארבייט ווערט אָנגעפיהרט פון אַלע כוער מיט גרויס ענטוזיאַזם. יעדען טאָג קומען אריין באַריכטען פון אָרגאַנאַזאַציאָנען וואָס זייערע מיטגליעדער גרייטען זיך אַקטיוו צו באַטייליגען אין די בלומען טעג.

ספּעציעל הערשט א גרויסער ענטוזיאַזם צווישען די בראַווע לידיס וויסט מייקערס, ווייט גודס און מילינערי ארבייטערינס אין די שעפּער. די טשערליידיס פון די שעפּער זיינען העכסט פאַראינטערעסירט אין דעם קאַמפּיין, און זיי זעהען צו ווירקען אַז זייערע מיטאַרבייטערינס זאָלען זיין דער לידינג עלעמענט צווישען די וואָלונטירען.

די בלומען טעג וועלען זיין דאָנערשטאַג, דעם 1טען מאַי, שבת אָוונד, דעם 3טען און זונטאַג, דעם 4טען מאַי.

די קאָלעקשאָנס וועלען פאָרקומען אין אַלע טיילען פון גרייטער ניו יאָרק.

אין גיכען וועלען מיר פאַרעפענטליכען די אַדרעסען פון אַלע אונזערע וואָלונטירען סטיישענס, וואָס מיר גרייטען צו אין פאַרשיעדענע דיסטריקטען פון שטאָדט.

אַלע די יעניגע וואָס ווילען זיך באַטייליגען אין דער נאָבעלער ארבייט אָפּצוגעבען עטליכע פרייע שטונדען פון זייער צייט אַלס וואָלונטירען פאַר אונזערע ליידענדע קאָנסאָמפּטיווס, קענען זיך פאַרשרייבען אין אונזער הויפּט אָפיס, 194 באָוערי, קאָרנער ספּרינג סטריט, קאָמערשעל ביינק בילדינג, אָדער אין אונזער הויפּט וואָלונטיר סטיישאָן דאַון טאַון, אין די מעקעניקס פּרעס, 177 איסט בראָדוויי.

לאָס אַנדזשעלעס סאַניטאַריום רעליעף אסס'ן, דייוויד אייבראַהאַמס, עקזעקוטיוו [illegible]

צו אַלע וויסט און דרעס מאַכער!

לויט דעם נייעם אַגרימענט מיט די מאַנופעקטשורערס אין דעם וויסט און דרעס טרייד, דאַרף די ארבייט פאַר מאַקינג און העמסטיטשינג געגעבען ווערען בלויז אין געסעטעלטע יוניאָן שעפּער און די ארבייטער פון די וויסט שעפּער דאַרפען אויפּפּאַסען, דאָס די מאַקינג און העמסטיטשינג זאָל ניט געמאַכט ווערען אין קיין אַנדערע שעפּער. מיר דרוקען דאָ די ליסט פון אַלע געסעטעלטע יוניאָן שעפּער פאַר מאַקינג און העמסטיטשינג. שניידט אויס דעם ליסט און האַלט איהם ביי זיך.

די ארבייטער אין די וויסט שעפּער ווערען געבעטען אויף דעם גאַנץ גענוי אויפּצופּאַסען. אויב איהר געפינט אויס אַז אייער פירמע שיקט אַרויס די ארבייט אין אַנדערע שעפּער, אין אַזעלכע וואָס געפינען זיך ניט אין דער ליסט וואָס מיר דרוקען דאָ, זאָלט איהר דאָס גלייך לאָזען וויסען אין אָפיס פון דער וויסטמאַכער יוניאָן, 21 וועסט 16טע סטריט, און עס וועט גלייך געגעבען דעם גענומען ווערען א שטעלונג.

דאָס איז די ליסט פון די יוניאָן מאַקינג און העמסטיטשינג שעפּער:

ל. און י. העס, 430 א. 9טע סט.
גאַטפריעד, 8 וועסט 13טע סט.
מ. ראָטמאַן, 48 וו. 15טע סט.
סענטראַל פּליטינג, 127 וו. 17טע סט.
לאַנדרעאַן בראָס., 41 וו. 17טע סט.
י. ד. מאַנופ. (טאָק) 14 וו. 17טע סט.
איגל העמסט. 10 א. 17טע סט.
י. סמיט און סאָן, 12 וו. 18טע סט.
טשעלניק און שאַפּיראָ, 16 א. 18טע סט.
דזשאָזעף און סינעל, 36 וו. 21טע סט.
פּראָגרעס טאַקינג, 48 וו. 21טע סט.
רינאַל טאַקינג, 31 וו. 21טע סט.
לינקאָלן טאַקינג, 162 וו. 21טע סט.
האַראָוויץ און האַמער, 169 וו. 21טע סט.
דזש. וויים, 41 וו. 21טע סט.
ט. און ר. 149 וו. 22טע סט.
ס. ראָזנער און סאָן 14 וו. 22טע סט.
פייוואָריט העמ. און טאַק. 20 וו. 22 סט.
ה. שטיין, 55 וו. 24טע סט.
שיפּמאַן און שטערנבערג טאַק., 41 וו. 24טע סט.
וויזענטאַל טאַקינג, 152 וו. 25טע סט.
ענטערפּרייז פּליעט, 173 וו. 25טע סט.
סטאַנדאַרד, 158 וו. 26טע סט.
ל. קאָפּ, 113 וו. 27טע סט.
פּריים פּליטינג קאָ. 113 וו. 28טע סט.
אידיעל טאַקינג, 36 וו. 28טע סט.
אָרלאָף, 56 וו. 28טע סט.
גודשטיין'ס פּלענט, 145 וו. 28טע סט.
פּענסטער בראָס., 14 וו. 28טע סט.
אינטערנעשאָנאַל העמ., 54 וו. 28טע סט
ד. און ד. טאַקינג, 134 וו. 29טע סט.
קאָלאָמביא פּליטינג, 128 וו. 29טע סט.
ראַפּאַפּאָרט פּליטינג, 126 וו. 29טע סט.
קויפמאַן און זוסמאַן, 346 — 6טע עוו
וועלמייד נאָוו. קאָ., 438 — 6טע עוו.
ב. גרינבערג, 453 — 6טע עוו.
ראָטמאַן פּליטינג, 332 — 6טע עוו.
ליבערטי טאַקינג, 404 — 6טע עוו.
רייזענבערג טאַקינג, 89 וואָוסטער סט.
בעסט מייד טאַקינג קאָ. 128 וואָוסטער ס.
רעלייבל טאַקינג קאָ. 145 ספּרינג סט.
סיטי פּליטינג קאָ. 168 וו. 23טע סט.
פיניקס פּליטינג, 149 וו. 23טע סט.

וויכטיג פאַר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאָקאַלס!

מיר ווילען דאָ באַקאַנט מאַכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אַלע אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס פון ניו יאָרק, אַזוי גוט ווי פון די קאַנטריס, דאָס די באַריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאָקאַלס, וואָס זיי ווילען האָבען געדרוקט אין דעם קומענדען נומער, מוזען מיר האָבען אין רעדאַקציע ניט שפּעטער ווי דינסטאַג. דאָס זעלבע באַציהט זיך אויך אויף קאָרעספּאָנדענצען, בריעף־שרייבער און אַזוי ווייטער.

וואס הערט זיך אין אונזער מדינה?

פון נ. בוכוואלד.

שווער צו מאכען קאנספיראציעס.

שווער היינטיגע צייטען צו מאכען פארשווערונגען. ניט מחמת דער פאליציי, צו דעטעקטיווס, און די צייטונגען, עס איז שווער צו מאכען אפילו אזוינע פאר־שווערונגען אין וועלכע די פאליציי, די דעטעקטיווס און די גאנצע מאשינערי פון די אפיציעלע און ניט־אפיציעלע „געזעץ־היטער" העלפען גערן ארויס. אין אמערי־קא, א לאנד פון ערפינדונגען און אלער־ליי אונגלויבליך ריזיגע אונטערנעמונגען קען מען ניט דורכפיהרען אזא פשוט'ע זאך ווי א קאנספיראציע געגען א מחנה מיזעראבלע „פארעינערס", מענשען וואס זיינען געקומען פון דער שווארץ־יאהר וויסט וואו, אזיאטען, אנאלפאבעטען, סי־ריער, גרעקען, רוטענער, רומעניער און נאך אזעלכע ווילדע שבטים און אומות.

ניין, נישט דעם נויארקער מעיאר היילען מיינען מיר דא; נישט זיין אידיא־טישע אטאקע אויף רעדע־פרייהייט. היי־לען וויל מסתמא אליין ניט, אז מען זאל איהם נעמען ערנסט. א גוטער מעיאר, וויל ער אמוזירען דעם עולם, און וואס קאן זיין מעהר אמוזאנט ווי זיינע בריוו־לעך? ניין, מיר רעדען דא וועגען דער אונגעלונגענער פארשווערונג אויף די לארענס'ער וועבער.

א רחמנות, באמת, אויף די קאנספי־ראטארס פון באסטאן, לארענס און אומ־געגענד. דאכט זיך אזוי שווער געארבייט, אזוי פיעל געלד אויסגעגעבען, אזוי פיעל כוחות אוועקגעלעגט, און פון אלצדינג האט זיך אויסגעלאזט גארניט מיט גאר־ניט. ניין, נאך ערגער ווי גארנישט, ווייל אי מען האט דעם צוועק ניט דערגרייכט, אי זיך א שלעכטען שם אנגעמאכט.

מילא אין דער היים, אין לארענס, הייסט עס, איז מען שוין ווי עס איז אויסגעקומען, דארט האט מען געקענט קעמפען געגען די ווילדע אזיאטען, די סטרייקער, אהן פארשווערונגען. די פאלי־ציי האט געטאן איהר ארבייט טיכטיג, האט געשפאלטען קעפ, געשאסען אויף די סטרייקערס, זייערע פרויען און קינדער, האט פארצאמט גאסען און ניט געלאזט די סטרייקערס געהן אויף זיי, האט פאר־ווערט די האלקיפערס צו פארדינגען מי־טינג האלס פאר זיי. דעם סטרייק ברעכען האט זיך דער פאליציי אפילו ניט איינ־געגעבען. די סטרייקערס, די אזיאטען, האבען אפילו געפיקעטעט נישט קוקענ־דיג אויף די מעשענע קנעפ, די קלאבס, די רעוואלווערען און די גענגסטערס, אבער דאך דער געוויסען איז געווען ריין — געטאן, הייסט עס, די פליכט צום גע־זעץ און די לארענסער מאגנאטען.

פאר דער אויסערליכער וועלט אבער זיינען די גענגסטער מיט די מעשענע קנעפ ניט געווען ווירקזאם גענוג. עס איז דאך א פיזישע אומעגליכקייט צו שיקען גענג־סטערס און געטרייע פאליציסטען איבער דעם גאנצען לאנד און מיט קלאבס און רעוואלווערען פראקלאמירען די גערעכטע זאך פון די סילק מאנופעקטשורערס. די פרעסע, די עפענטליכע מיינונג, איז דער איינציגער מיטעל אנצופיהרען א קרייץ־צוג געגען די פארדארבענדע, פארניכטענ־דע „פארעינערס".

פון אנהויב איז אלצדינג געגאנגען ווי געוואונשען. מען האט געוואוסט אין יעדער שטאדט און שטעדטיל, וואו עס איז נאר דא א צייטונג, אז אין לארענס געהט אן א שרעקליכע, גרויזאמע מלחמה. פון איין זייט שטעהט די לארענסער רעגי־רונג, וועלכע פארטיידיגט דאס לעבען און אייגענטום פון די לארענסער בירגער, פון דער אנדערער — א מחנה ווילדע בלוט־דורשטיגע באלשעוויקעס, וואס פיהרען כלומרשט אן א סטרייק פאר אן 8 שטונדיגען ארבייטס־טאג, אבער וועלכע זוכען אין דער אמת'ן צו פארניכטען יע־דע פארם פון רעגירונג און געזעץ.

דער עולם וואס לייענט צייטונגען איז געווארען אומרוהיג; די פרעסע איז געווארען נאך אומרוהיגער — א סימן האט איהר די שרייענדע קעפלעך, אז אין לא־רענס ווערט געלעגט דער פונדאמענט פון א סאוויעטסקער אנארכיע אין די פער־איינינגטע שטאאטען.

געפינען זיך אבער עטליכע אפיקורסים וואס זיינען גראדע נויארקער, אבער וואס האבען די סקאנדאליעזע טבע פון די מי־זורי'ר, אז אלצדינג ווילען זיי זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, אז ניט גלויבען זיי ניט. נעמען אט ד' נויארקער און גרינדען א „נויארקער קאמיטע וועגען לאר־ענס", מיט דעם צוועק אויסצוגעפינען וואס דארט טוט זיך. די קאמיטע באַ־שטעהט גראדע ניט פון „פארעינערס" און באלשעוויקעס נאר פון פראמינענטע ניו־יארקער כלל־טוער און זשורנאליסטען. לעצטע וואך איז די קאמיטע ארויס מיט איהר ערשטען באריכט.

די „איווינינג פאסט" איז געווען די ערשטע צייטונג דעם רעפארט אפצודרו־קען.

צום באדויערן קאנען מיר, אויס מאנגעל אין פלאץ, דעם באריכט ניט אי־בערדרוקען. אבער איהר מעגט אונז גלוי־בען אויפ'ן יווארט, אז דארט געפינט איהר גאר א נייע מעשה, ניין, טאקי דיזעלבע אלטע מעשה וועגען דער זעלבער אלטער לארענס.

„איך האב געזעהן אייראפעער ארי־מע קווארטאלען, און אמעריקאנער ארימע קווארטאלען", שרייבט העללען טאד, איי־נע פון דער קאמיטע, „אבער אזא עלענד ווי אין לארענס האב איך נאך קיין מאל ניט געזעהן. די צושטענדען דארט זיינען פארצווייפעלטע. פאקט אן א טריין מיט מענשען, עס מאכט ניט פון וועלכען שטאנד זיי קומען, שיקט זיי אוועק קיין לארענס, זאלען זיי מיט זייערע אויגען זעהן וואס דארט קומט פאר, זאלען זיי א קוק טאן אויף די פנים'ער פון די לארענ־סער קינדער, און די איצטיגע באדינגונ־גען וועלען נישט קאנען מעהר עקזיס־טירען".

די סטרייקערס מעגען זיך האבען אן אנדער פלאן ווי אזוי צו ענדיגען די אונ־מעגליכע באדינגונגען אין לארענס, אבער פון דעם באריכט קען מען זעהן, אז די לארענסער באלשעוויקעס זיינען נאך ער־גער פון באלשעוויקעס: זיי קעמפען ניט געגען דער לארענסער רעגירונג, זיי קעמ־פען גאר געגען ארימקייט, עלענד, שמוצי־גע טענעמענטס, פארפעסטעטע קווארטא־לען! ס'ארא שרעקליכע קראמאלניקעס!

און אז ס'איז ניט באשערט, געהט ניט. דאכט זיך, פון אייגענע מענשען האט מען שוין זיכער געמעגט ערווארטען עפעס אנשטענדיגקייט און טרייהייט. קומט צוגעהן אן אייגענער מענש, א באַ־אמטער פון מאסאטשוסעטס סטייט, טש. א. וואוד, פון דער „סטייט באארד און קאנסיליאיישאן ענד ארביטריישאן" און שרייבט אריין אט אזא ידידי ברייוועל צו דעם טשערמאן פון דער קאמיטע וואס דער מעיאר פון לארענס האט אפאינטעט צו זוכען סטעלען דעם סטרייק:

„ווערטהער הערר:

„די באסטאנער צייטונגען באריכ־טען אז איהר האט מיר געראטען ניט אנ־צופיהרען די אונטערזוכונג וואס איך האב געפלאנט לויט דעם געזעץ. דאס איז ווירקליך אמת. איהר האט מיר טאקע גע־ראטען דאס ניט צו טאן, איהר האט גע־וואלט דורכאויס אז איך זאל אננעמען אזוינע מעטאדען וואס וואלטען איבער־טראטען דעם געזעץ וואס איך האב גע־שווארען אפצוהיטען. ווארום זענט איהר געווען געגען אן עפענטליכע אונטערזו־כונג? אויב דער לארענסער סטרייק איז ווירקליך א באלשעוויסטישע פארשווע־רונג, ווארום זענט איהר געווען דאגעגען אז איך זאל די פארשווערונג אונטערזו־כען? דאס וואלט דאך געווען דער בעס־טער מיטעל ארויסצוברענגען די שווארצע פלעקען, אויב אזוינע עקזיסטירען. דער איינציגער וועג ווי אזוי א פארשווערונג זאל האבען ערפאלג, איז צו פארדעקען זאכען און זיי האלטען אין דער פינסטער. ווארום ווילט איהר, אז איך זאל איבער־טרעטען איין געזעץ און פאלט אן אויף די סטרייקער ווען זיי איבערטרעטען א צווייטען? איז אייער האנדלונג אזא וואס וועט באגייסטערען מיט צוטרויען די יענע וואס צווייפלען אין אונזערע רע־גירונגס פארמען?

מיט אכטונג,

טשארלס א. וואוד".

נו, געה ענטפער אויף אזא בריי־וועל. און ס'ארא גראביאן דער וואוד איז! פארשטעהט ער דען ניט, אז עס איז ניט שען פאר אן אייגענעם מענשען ארויס־קומען מיט זאכען וואס קאנען שטעלען די געזעץ־היטער אין א פארלעגענהייט? אי, אי, אי! מען קען זיך היינטיגע צייטען אויף קיינעם ניט פארלאזען.

אונזערע געזעצגעבער האבען א פאר־שטערעט יום טוב.

אויב איהר זענט א בירגער און וואהנט אין נויארק סטייט, מעגט איהר זיין שטאלץ, זעהר שטאלץ. און אפילו ווען איהר זענט ניט קיין סיטיזען, מעגט איהר זיין שטאלץ וואס אייך ערווארטעט דער כבוד פון צו ווערען א בירגער פון דעם ערשטען, דעם גרעסטען, דעם בעס־טען סטייט אין אמעריקא. און אונזער געזעץ־פאבריק אין אלבאני איז ניט אבי וואסערע פראווינציעלע „לעדזשיסליי־טשור". ניין, און טויזענד מאל ניין. אונ־זער „הויז" און אונזער סענאט זיינען אויף א האר ניט ערגער פון דעם סאמע אויבען־אן, דעם וואשינגטאנער קאנגרעס. א סימן האט איהר — דער פיליבוסטער.

וואס איז פיליבוסטער, פרעגט איהר? גארניט. וואס הייסט, גארניט? גארניט. פארט? מען רעדט. וואס רעדט מען? גאר ניט. וואס הייסט גארניט? אט דאס הייסט: מען רעדט און מען רעדט און מען רעדט און מען מיינט גארניט. ווארום־זשע הייסט עס פיליבוסטער? נו, און אז עס וועט הייסען קאלאמאזו, וועט איהר גליקליך זיין. פיליבוסטער איז אלרייט.

וועלען זיך געפינען חכמים צווישען די לעזער און זאגען: „וואס פאר א כייעס דערצעהלט איהר אונז? מיר ווייסען דען ניט אז אונזערע געזעצגע־בער רעדען און רעדען און עס קומט פון דעם גארניט ארויס? ס'איז דען ווען אנדערש געווען, וואס?"

אויף דעם וועלען מיר ענטפערן, אז רעדען צו רעדען איז ניט גלייך. אז מען רעדט וועגען געזעצגעבונג, מישטיינס גע־זאגט, מאכט מען כאטש דעם אנשטעל, אז מען איז ערנסט; און א פיליבוסטער אבער מאכט דעם אנשטעל אויך ניט. פיליבוסטער איז א צוללהכעים־זאך.

זאגען אונזערע דעמאקראטען צו די רעפובליקאנער: „וואס, איהר ווילט פארנאנדערלאזען די אסעמבלי און דעם סענאט און ניט דורכפיהרען די געזעצען וואס אהן זיי קאנען מיר זיך אין אונזערע קווארטאלען ניט באווייזען? איהר ווילט אונז פארשטערען דעם יום טוב? וועלען מיר רעדען. פון וואס? ס'ארט אייך, מיר וועלען שוין געפינען פון וואס צו רעדען". און די דעמאקראטען פון סע־נאט צוזאמען מיט עטליכע רעפובליקא־נער וואס זיינען ארויס פון די אגלאבליעס האבען זייער סטראשונאק דורכגעפיהרט. מען האט ניט נאר גערעדט, מען האט גע־לייענט פון דער ענציקלאפעדיע. מיר ווייסען ניט געגוי וועלכע ענציקלאפעדיע דאס איז געווען, אבער אויב עס איז גע־ווען די „ענציקלאפעדיע בריטאניקא" איז דאס זעהר א שווערער ענין — א פאר דו־צענד טאמ'ען, און יעדער טאם וועגט אודאי א פונט פופצעהן. מען קען לייענען און לייענען און קיינמאל ניט פארטיג ווערען. אין גאנצען האט מען געפילו־ביסטערט אכטצעהן שעה נאכאנאנד, נא־טירליך מיילער האבען זיך געביטען. מען קען דאך ניט לאזען איין מענשען רעדען אדער לייענען כמעט א מעת לעת צייט. לייענט איינער וועגען דער ענטשטעהונג פון דעם כינעזישען צאפ, לייענט א צווייטער וועגען דער פארבינדונג צווישען צי־בעלע־שאלאכץ און ציוויליזאציע, און אזוי כסדר.

ווארום האבען זיך עפעס די דע־מאקראטען איינגעשפארט, און ווארום האבען זיך אייניגע רעפובליקאנער צו־בונטעוועט און שיעור ניט צובראכען דעם דישעל? איז דאס טאקי שווער צו פאר־שטעהן, ווייל אין גאנצען האנדעלט זיך דא וועגען ארבייטער־געזעצגעבונג, און וועגען אזא קלייניגקייט צו מאכען סקאנ־דאלען איז אליין דער גרעסטער סקאנ־דאל. הערט זיך אקארשט איין. די ארבייטער פרויען פון אונזער סטייט הא־בען זיך אריינגענומען אין קאפ אז זיי דארפען האבען א געזעץ וועגען אן אכט שטונדיגען ארבייטס־טאג פאר פרויען, א מינימום לוין פאר פרויען, העכערען גע־האלט פאר לעהרערינס און נאך אזעלכע שטיסערייען. און זיי זיינען ניט געווען פויל און געשיקט דעלעגאציעס נאך דע־לעגאציעס קיין אלבאני, און זיי האבען אזוי דערעסען אונזערע געזעצגעבער, און האבען זיי אזוי ערנסט געסטראשעט מיט די נעקסטע עלעקשאנס, אז מעהרסטע פון זיי האבען איינגעשטימט צו שטיצען אט די באלשעוויסטישע ארבייטער־געזעצען.

דער סענאט האט זיי שוין גוט געהייסען, און אין דער אסעמבלי זיינען געווען גע־נוג שטימען פאר זיי. האט אבער די אסעמבלי א „ספיקער", הייסט ער, סוויעט און ער איז גראדע א ביטערער יונג. זאגט סוויעט, אז די גאנצע אסעמבלי זאל שטעהן מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף, וועט ער ניט לאזען מען זאל די דאזיגע געזעצען דורכפיהרען. זאגען די אסעמבלי־לייט, סיי די רעפובליקאנער און סיי די דעמאקראטען, אז עס איז אן עולה אז איין מענש זאל זיך שטעלען געגען כלל. זאגט סוויעט, אז זיי זיינען באלשעוויקעס און אז די גאנצע מעשה איז א באלשעוויסטישע קאנספיראציע, א סימן האט איהר — עס איז באוואוסט, אז די באלשעוויקעס האבען אריינגעשמו־געלט א שרעק מיט געלד כדי אומצו־ווארפען די רעגירונג. וואס־זשע האט דאס צו טאן מיט א מינימום לוין וואס די ארבייטער פרויען פארערען? איז אייך דעם אויך דא אן ענטפער: ווען עס זאלען ניט זיין קיין באלשעוויקעס אויף דער וועלט וואלטען די פרויען ניט געפא־דערט אזוינע זאכען.

א חוץ דעם וויל סוויעט זיין א דזשענ־טעלמאן און האלטען ווארט. ער האט צו־געזאגט די גרויסע ארבייטס־געבער פון נויארק, אז ער וועט די געזעצען ניט לא־זען דורכפיהרען. עס זיינען דא עדות, און מען דארף גאר קיין עדות ניט, ווייל ער האט דאס געזאגט אין אן עפענטליכער רעדע.

הכלל, אונזערע געזעצגעבער האבען א פארשטערטען פסח און שולדיג זיינען נאטירליך די פארפלוכטע באלשעוויקעס.

היילען שרייבט ברייוולעך.

„מיין צונג איז מיין שונא", זאגט דער רוס. און טינט און פעדער איז מעיאר היילען'ס ערגסטער ביטערסטער שונא. דער מעיאר אונזערער האט ליעב שרייבען ברייוולעך. א ליידענשאפט אזא. שוין ניט איין מאל האבען איהם די ברייוועלעך אריינגעפיהרט אין א בלאטע. דער מענש איז אבער זינדיג און דער נסיון איז גרויס.

נאך זיין וויסטינגען ברייוועל וועגען רעדע פרייהייט, האט היילען אנגעשריבען נאך א ברייוועל־צו דעם פאליס קאמישיא־נער ענרייט, לאמר אזוי צו זאגען: דער פאליציי דעפארטמענט איז א מוסטער־האפטע איינריכטונג און קיין פארברע־כענס־כוואליע איז אין נויארק ניטא. אי די טעגליכע באריכטען וועגען רויבערייען אין מיטען העלען טאג? האבען דאס די צייטונגען אויסגעטראכט. א באווייז האט איהר — סטאטיסטיקע. דער פא־ליציי דעפארטמענט קען באווייזען דורך סטאטיסטיקע אז אלצדינג איז אלרייט. קומט אבער צוגעהן אן עקספערט און בא־ווייזט אז די סטאטיסטיקע טויג ניט, אז מען האט זי אין דעם פאליציי דעפארט־מענט „צוגעפיקסט".

היילען קלייבט זיך שרייבען נאך א ברייוועלע.

א פארלוסט וואס קאן ניט גוט געמאכט ווערען.

„יעדער טאג וואס געהט אוועק און מען קאן ניט די ענגלישע שפראך, מיינט א פארלוסט פון צייט און געלט".

נויארק, דעם 11טען אפריל, 1919.

דאס ניט קאנען רעדען ענגליש פאר־אורזאכט א סך אונאנגענעמליכקייטען און פינאנציעלע פארלוסטען. די שפראך קאן איצט לייכט און שנעל געלערנט ווערען ביי אייך אין דער היים, אין אייערע פרייע מינוטען. עס איז ערשינען א בוך וואס זאגט ווי אזוי מען קאן זיך אויסלערנען ענגליש מיט דער וואונדערבארער מעטא־דע, דורך וועלכער איהר לערנט זיך רע־דען, שרייבען און לעזען קארעקט ענגליש דורך ספעציעל פארפארטיגטע רעקארדס וואס מען קאן געברויכען אויף יעדער מאשין. די פאבלישער פון'ם בוך, די קארטינא אקאדעמי, 12 איסט 46טע סט. דעסק י. נ. ב., נויארק, אנאנסירט דאס פאר א באשרענקטער צייט וועט דער בוך אוועקגעגעבען ווערען פריי צו אלע די וואס וועלען שרייבען אז זיי ווילען דעם בוך. (אדוו.)

GERECHTIGKEIT. Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. Friday, April 18, 1919. No. 14

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

לעבען און טעטינקייט צווישען די קלאוק מאכער אין קליוולאנד

פון מ. פערעלשטיין.

אין אונזער אלגעמיינער טעטינקייט האבען מיר די וואך אויפגעטאן א גוטע שטיק ארבייט מיט דעם וואס מיר האבען די וואך ארגאניזירט דעם שאפ פון לאנדעסמאן און הירשהיימער, וועמעס ארבייטער מיר האבען נים געקאנט אריינקריגען אין דער יוניאן פאר די לעצטע 4 — 5 יאהר.

אין אונזער לעצטען סטרייק האבען א גאנץ קליינע צאהל ארבייטער פון דיזען שאפ מיטגעסטרייקט. וואס מיר האבען נים געטאן פאר די לעצטע פאר יאהר בעפאר דעם סטרייק און נאך דעם סטרייק האבען מיר זיי, נים נאר געקאנט אריינקריגען אין דער יוניאן, נאר אפילו זיך צוזאמענגערעדען מיט זיי, און דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז געווען, אז די גרעסטע צאהל פון זיי זיינען אידען. זיי האבען נעקראנגען זעהר א ביטערען לעסאן נאך דעם סטרייק פון 1911, און פון דאן אן האט מען צו זיי וועגען יוניאן נאר נים געטארט רעדען.

די לאנדעסמאן און הירשהיימער פירמא איז איינע פון די דריי גרעסטע קלאוק פירמאס דא אין שטאדט, און זיכער איינע פון די גרעסטע און רייכסטע קלאוק פירמאס אין לאנד, און האבענדיג יעצט ארגאניזירט די ארבייטער אויך פון דיזען שאפ, מיינט פאר דער יוניאן א גרויסער שריט פארווערטס.

די ארבייטער האבען אפגעהאלטען א מיטינג אין אפיס פון דער יוניאן לעצטע וואך, האבען באשלאסען צו ווערען מעמבערס, און אויך צוגעזאגט צו זיין גוטע יוניאן לייט.

אנערקענונג פאר ארגאניזירען דעם שאפ קומט צו דער ספעציעלער ארגאניזיישאן קאמיטע וואס מיר האבען פאר דיזען שאפ ערוויילט, אונטער דער טשערמאנשיפ פון דעם שאפ־טשערמאן פון פרינץ וואולף, ברודער סעם ריידער, האט די קאמיטע זיך גענומען צו דער ארבייט, האבען אליין צוטראגען סירקולארס, וועלכע איז א גאנץ גרויסע זאך אין קליוולאנד צו טאן, און זייער ארבייט איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג.

די ה. בלעק פירמא איבעררארשט

די פירמא ה. בלעק קאמפ. איז לעצטע וואך איבערראשט געווארען. פאסירט האט פאלגענדעס: אזוי שנעל ווי די יוניאן האט אנגעפאנגען אגיטירען פאר א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, האבען די צוויי הויפט פירמעס פון דיזער שטאדט אנאנסירט צו זייערע ארבייטער, אז זיי גיבען דאס נאך. די ערשטע איז געווען פרינץ ברידערמאן, א נאן־יוניאן שאפ און די צווייטע האט נאכגעפאלגט די ה. בלעק קאמפ.. ביי דיזער פירמא ארבייטען אבער העכער דריי הונדערט יוניאן לייטע. ווען די פירמא האט דאס אנאנסירט האט דער מענעדזשער פון דער פירמא געפרעגט די ארבייטער צו זיי זיינען צופרידען. די קאמיטע פון די יוניאן ארבייטער האבען אבער געזאגט אז ניין. זיי האבען געענטפערט אז עס איז נאך א פראגע פון ווייידזשעס, און זיי ווילען אז די פירמא זאל איינלאדען פרעזידענט שלעזינגער און דעם שרייבער פון דיזע צייל‏ען און אויסצוגלייכען די אלע זאכען.

בלעק אליין איז יעצט ניטא אין שטאדט, ער איז אין יוראפ. ווען דער מענעדזשער האט דאס דערהערט, האט ער נים געגלויבט זיינע אייגענע אויערן, און ער איז פון אנפאנג אזוי צוטומעלט געווארען, און האט זיי געענטפערט, אז ער וועט זיי וועגען דעם לאזען וויסען. אויף מארגען האט ער צוזאמענגערופען די קאמיטע און האט זיי געזאגט, אז וועגען ווייידזשעס וועט ער זיך טרייען אויסגלייכען, אבער איינלאדען די בעאמטע פון דער יוניאן, אזא רציחה, ארבייטער זאלען דאס נאר האבען די חוצפה און פארלאנגען, און ער האט זיך אנגעפאנגען גאנץ שטארק צו קאכען. האבען זיך די יוניאן ארבייטער אויך אנגעפאנגען קאכען, איז דער מיטינג אפגעבראכען געווארען און מען האט דערווייל די גאנצע פראגע צורוה געלאזען און מיר ווארטען, ווי עס ציינט אויס, ביז בלעק וועט צוריק קומען.

יעס, אונזערע מאנופעקטשורערס האבען זיך, נעבאך, אויף דעם נאך נים געריכט.

ארבייטער פארלאנגען א 6 שטונדיגען ארבייטס טאג.

אונזער שטעטיל פראגרעסירט פארט און אונזערע צייטונגען הייבען שוין אן צו שרייען באלשעוויזם.

פאסירט האט דאס פאלגענדע:

די ארבייטער פון קונטץ, איינער פון די גרעסטע טול־פעקטאריס אין שטאדט, זיינען ארויס אין סטרייק, פארלאנגענדיג א 6 שטונדיגען ארבייטס־טאג און א העכערונג אין ווייידזשעס. איבער צוויי טויזענד ארבייטער ארבייטען אין דיזער פעקטארי, און די פירמא איז איינע פון די אנגעזעהענסטע אין שטאדט. די ארבייטער האבען מיט א פאר יאהר צוריק אויך געהאט א סטרייק, אבער צו קיין ארגאניזאציאן האבען זיי זיך נים אנגעשלאסען, און יעצט בעלאנגען זיי אויך ניט צו קיין ארגאניזאציאן, נאר האבען זיך פאר זיך ארגאניזירט און זיינען ארויס אין סטרייק, שטעלענדיג דיזע פאדערונגען.

די פעקטארי איז אין גאנצען צוגעמאכט געווארען, און ווערט באוואכט פון סקאדראנען פון פארשידענע דעטעקטיווס לאקאלע און פעדעראלע. די צייטונגען שרייען קאראאול, עס שמעקט מיט באלשעוויזם, ווייל עס איז דער ערשטער פאל אין לאנד אז ארבייטער זאלען ארויסשטעלען אזעלכע פאדערונגען.

פיהלען זיך איבערגליקליך.

אונזערע קלאוק מאכער דא פיהלען זיך איבערגליקליך מיט דעם וואס זיי האבען לעצטע וואך געקענט אוועקשיקען א טשעק פון טויזענד דאלער צו די ווייסט און דרעס סטרייקערס פון נויארק. עס איז דאס ערשטע מאל זינט קליוולאנד איז קליוולאנד, אז אונזערע קלאוק מאכער דא, זאלען קאנען חאטש ווי ווייניג העלפען אנדערע. און ווען עס איז אנגעקומען דער לעטער פון ברודער באראף באדאנקענדיג זיי פאר די טויזענד דאלער, און צוזאגענדיג זיי, אז די ווייסט מאכער וועלען דאס זיכער נים פארגעסען, זיינען זיי געווען איבערגליקליך.

דיום קאלעקטען פון'ם אסעסמענט אין די שעפער.

וואס הייסט קאלעקטען איין אסעסמענט אין אונזערע יוניאנס און נאך א 5 דאלער אסעסמענט באגרייפען זיכער נאר די יעניגע, וועלכע דארפען דאס קאלעקטען. מיר ריידען דא פון קאלעקטען אסעסמענטס אין יוניאן שעפער, דאס הייסט, אין שעפער וואו מען קען אהן א יוניאן ביכעל נים ארבייטען, אין אפען־שעפער איז דאך אפגערעדט. מיר וואלטען איין אסעסמענט, און אזא אסעסמענט נים געוואגט ארויפצוליי‏גען, מיר האבען דאס אבער באוויזען אין קליוולאנד וואו אפילו מיט א גוטען יוניאן ביכעל איז אויך אמאל שווער צו קריגען א דזשאב, און זיכער צו קריגען א גוטען באנדעל. מיר האבען אבער אין קליוולאנד עטליכע יאהר אגיטירט און מיר האבען ערצויגען מענשען, אפילו נים קיין גרויסע צאהל, אבער א צאהל וועלכע זיינען שטענדיג צופרידען דורכצופיהרען דאס וואס די יוניאן האט באשלאסען.

און דעם אסעסמענט קאלעקטען האבען מיר זיך א נעם געטאן גאנץ פעסט, און די בעלי הבתים האבען געמוזט שטעהן און קוקען ווי מען רייזט די פרייז פאר דער ארבייט, מען פאדערט גוטע ווייידזשעס, און מען צאהלט אסעסמענטס. אין פינף וואכען צייט האבען מיר קאלעקטעט ביי א 4 טויזענד דאלער און געלד קומט נאך אריין, און א גרויסע צאהל פון די יעניגע וואס האבען געצאהלט, וואטשען טאקע גאנץ גוט דער יוניאן מיט די פאר דאלער וואס זיי האבען איינגעצאהלט.

מאנופעקטשורערס שרייען אז מיר טארען נים סטרייקען.

לעצטע וואך האבען אונזערע שאפ־טשערלייטע און עקזעקוטיוו באארד מעמבערס אפגעהאלטען א מיטינג און דיסקוטירט די פאדערונגען וואס זיי דענקען פארליי‏גען בעפאר זייערע מאנופעקטשורערס צו דעם קומענדען סיזאן. אויף מארגען האבען דאס געהערט די צייטונגען אז מיר ארבייטען אויס פאדערונגען און דענקען צו סטרייקען, עס איז באלד געקומען א שטארקער סטייטמענט פון מר. פרענקעל, דער סעקרעטער פון די היגע מאנופעקטשורערס, אז מיר טארען נים סטרייקען, אז די לאגע פון היגען קלאוק טרייד איז אין די הענד פון דער רעגירונג. אמאל פלעגען די מאנופעקטשורערס אזעלכע סטייטמענטס איגנארירען און נאר נים ענטפערן, ווייל זייער פאליסי איז געווען צו איגנארירען אלעס וואס האט נאר עטוואס א שייכות צו יוניאן, יעצט ווייזט אויס האבען זיי דערפיהלט, אז זיי קענען שוין דאס מעהר נים טאן, שרייען זיי אז מיר טארען נים סטרייקען (ווייל די אראנזשאמענטס וואס מיר האבען מיט די רעפעריס, וואס זיי רופען גאווערנמענט), ווייל די רעפעריס זיינען אפאינטעט געווארען פון דעם סעקרעטער די און וואר. אי וואס, די רעפעריס, האבען געפעהלט אין דריי פערטעל פון זייער ארבייט, זיי האבען געגעבען א סקייל און וויידזשעס און האבען נים געגעבען קיין מאשינערי ווי אזוי דעם סקייל צו איינפארסען, א. ז. וו. וואס ארט דאס אונזערע מאנופעקטשורערס. ווייטער איז די אראנזשאמענטס מיט די רעפעריס געווען, אז עס זאל געדויערן ביז 6 מאנאט נאך דער מלחמה, זאגען מיר, אז עס איז שוין נאך דער מלחמה, זאגען די מאנופאקטשורערס, אז די מלחמה ענדיגט זיך דאן ווען די טריטי וועט געסיינט ווערען, און נאכהער דארפען מיר נאך ווארטען 6 מאנאטען, און ביז דאן טאר מען נים סטרייקען.

נו, אז אונזערע מאנופעקטשורערס שרייען שוין חאטש, איז שוין אויף דאנקען גאט, עס איז א סימן אז עס הייבט זיי אן וועה טאן. און אז עס טוט וועה, ווילען זיי זוכען א רפואה, און מיר האבען די דראג סטאר, יעצט וועלען זיי שוין מוזען צו אונז אנקומען.

די צייטען וואס זיי זיינען אונז פארביינגאנגען פאריסען דעם נאז, נים דערקאנענדיג אונז אז מיר זיינען נאר דא אויף דער וועלט, זיינען שוין אוועק, אוועק צוזאמען מיט ניקאלאי דעם צווייטען פון רוסלאנד.

לינקע רעכטע, רעכטע לינקע — עס איז לעבעדיג.

אין דער היגער סאציאליסטישער וועלטעל קאכט זיך דאס, עס רוישט, מען קעמפט רעכטע נעגען לינקע, לינקע נעגען רעכטע, עס איז א לעבעדיגע וועלט. היינט קענט איהר הערען א גרופע יונגע מענשען שטעהען און קאכען זיך, אז רוטענבערג, דער פיהרער פון דער היגער באוועגונג, איז א רעכטער, א קאנסערוואטיווער, און מען דארף איהם פייטען, קומט פלוצלינג רוטענבערג און שטימט איין אויף דער פלאטפארמע פון די לינקע, און די רעוואלוציאנערען ווערען פלוצלינג אפהענגיג, ניטא וועמען צו פייטען... ווייל מען געהן העכער, צו דער נעשיאנאל עקזעקוטיוו קאמיטע, הילקוויט, זיכער א רעכטער, א קאנסערוואטאר, דערהערען זיי אבער פלוצלינג, אז די פירמא הילקוויט און לעווין, זיינען די לאיערס פאר דעם נאך נים אנערקענטען באלשעוויסטישען אמבאסאדאר, ווייטער ארויסגענומען די זעגלען פון די הענט. קומט מען צו די מיטינגען און מען שרייט, און מען קערט וועלטען, רעכטע — לינקע, לינקע — רעכטע, און איהר הויבט נים אן צו באגרייפען און צו אונטערשיידען ווער עס זיינען ביי זיי די לינקע און ווער עס זיינען די רעכטע.

פרעהען זיך מיט דער יוניאן.

שעהן איז געווען לעצטען שבת צוצוזעהן ווי ארבייטער פון דעם שאפ פון קעלער און קאהן זיינען געזעסען אין אפיס פון דער יוניאן מיט זייערע פעי־ענוועלאפס אין די הענט און האבען זיך געפרעהט מיט זייער יוניאן.

ווען די צוואנציג אפרייטארס פון דעם שאפ האבען אנגעפאנגען איבערצעהלען די צעהנערלאך אין זייערע פעי־ענוועלאפס, האבען עטליכע פון זיי געפונען אין די ענוועלאפס נים ווייניגער ווי צעהן און צוועלף צעהנערלאך, די איבריגע האבען געפונען צו 7, 8 און 9 צעהנערלאך און אזוי ווייטער. די זעלבע ארבייטער האבען פאר־א־יאהרען און פאר־צוויי־יאהרען, ווען זיי זיינען נים געווען ארגאניזירט, אויך אריינגעקוקט אין זייערע פעי־ענוועלאפס און זיי פלעגען דארט אויך געפינען צעהנערלאך, אבער העכסטענס 5. אלזא, יעצט ווען זיי האבען אויסגעפונען אז די יוניאן איז אזא מאשינקע וואס קען ארייינליי‏גען אלע שבת א 4 אדער 5 צעהנערלאך אין ענוועלאפ, פרעהען זיי זיך מיט זייער יוניאן און קוקען אלע ווייל אויף זייערע יוניאן ביכלעך צו וועהן צו זיי דיינען האטש קיין דיוס נים שולדיג, ווייל זיי ווייסען, אז אין די נאן־יוניאן שעפער קענען די ארבייטער קיין צעהן, עלף צעהנערלאך אין זייער פיי־ענוועלאפ נים געפינען.

אונזער סענטראל לייבאר יוניאן.

די פראגע וועגען ארגאניזירען א לייבאר פארטיי, איז שוין כמעט אזוי ווי טויט. אונזערע רעפובליקאנער און דעמאקראטישע ארבייטער פאליטישענס האבען שוין דאס פארזארגט. דער ערשטער מאל שטימען האט נים געטויגט. די בארטענדערס יוניאן, צום ביישפיעל, וועלכעס באשטעהט פון 557 מעמבערס, האט זייער ביזנעס איידזשענט, א געוועזער מייק גאלדסמיט, אריינגעבראכט זייער וואוט פאר און נעגען דער פארטיי, איז 554 שטימען געווען נעגען דער פארטיי און קיין איינער נים פאר דער פארטיי. איהר קאנט זיך פארשטעלען אלע זייערע מעמבערס זיינען אנוועזענד געווען צו א מיטינג און מען האט דאס באשטימט אז נים. אלזא, יעצט שטימט מען דאס נאך אמאל. די לייבאר פארטיי אין קליוולאנד איז טויט, און אויב אפילו די מעמבערשיפ וועט דאס גוט הייסען, וועט דאס ניי־געבארענע קינד זיכער זיין א קריפעל, און אויב א קריפעל, זאל דאס בעסער נים געבארען ווערען.

די וויכטיגסטע ביזנעס וואס ווערען פארגענומען אויף די מיטינגען, זיינען פראגען וואס האבען צו טאן מיט טריידס, ווי צום ביישפיעל, צו מעג א מעמבער פון לאקאל 1009, וואשען א באטעל וואס באלאנגט צו לאקאל 1674. אזעלכע וויכטיגע פראגען ווערען דיסקוטירט און בעשלאסען ביי אונזער סענטראל לייבאר יוניאן.

ווען עס איז אנגעקומען א צושריפט פון דעם קארפענטערס דיסטריקט קאנסול אז די סענטראל לייבאר יוניאן זאל פראטעסטירען נעגען די פאראורטיילונג פון דעבס'ן, האט דער טשערמאן נערולט דעם צושריפט אויסער ארדער, ווייל אויף דעם צושריפט איז נים געווען דער סטעמפ פון דער ארגאניזאציאן, און אלע האבען אזוי אנגענומען דעם רולינג פון דעם טשערמאן אזוי קאלט און נעלאסען.

עהרענליסט פון די הונדערט פראצענט יוניאן קלאוק שעפער.

ווייטערע קוויטירונגען.

סקוירט און דרעס שעפער:

ביזנעס איידזשענט ביילינסאן'ס ליסט:

אלבי דרעס קא. 107 וו. 28טע סט.
לאווענסטיין און ראזענבערג, 141 וו. 28טע סט.
פאריז סקוירט און דרעס קא. 118 וו. 29 סט.
לוסטבערג און ליפשיץ, 118 וו. 27טע סט.
ג. און ס. סקוירט קא. 129 וו. 27טע סט.
ב. רובעל, 11 וו. 29טע סט.
דזשעסי שולמאן, 44 א. 32טע סט.
קליער בעל דרעס קא. 31 א. 32טע סט.
גלאזער און קנאפף, 31 א. 32טע סט.
רעש און קאנטראוויץ, 45 וו. 28טע סט.
פאראמן בראס. 158 וו. 26טע סט.
לאווענבערג און באראש, 131 וו. 28טע סט.
סטיין; 162 וו. 26טע סט.
בענ. סמיטה, 14 וו. 27טע סט.
לאנג און בארנעט, 134 וו. 29טע סט.
רודין און סיעמאן, 134 וו. 29טע סט.
שאפירא בראס. 208 א. 27טע סט.
ג. העלמאן, 110 וו. 27טע סט.
קוזיוטרוים סקוירט קא. 37 וו. 28טע סט.
י. און ל. שאוסער, 135 וו. 27טע סט.
לאטנער און מאוטנער, 236 — 5טע עוו.
פאריז סקוירט און דרעס קא. 118 וו. 29 סט.
דזשעם סקוירט קא. 25 וו. 26טע סט.
א. דזש. קריסטאל, 137 וו. 27טע סט.
שמערצלער, 46 וו. 26טע סט.
ה. וו. גינזבורג, 25 וו. 31טע סט.
נאהא ליווי, 135 וו. 29טע סט.

ביזנעס איידזשענט שעהנפעלד'ס ליסט:

בלומענפעלד, 176 — 6טע עוו.
פאדאווער, 406 — 6טע עוו.
ספעקטאר, 419 — 6טע עוו.
שולמאן בראס. 408 — 6טע עוו.
מאדערן סקוירט קא. 63 א. 11טע סט.
זאראוויץ, 628 — 6טע עוו.
פייענסאן און מאסלער, 450 — 6טע עוו.
גלאזער, 419 — 6טע עוו.
וויקטארי דרעס הויז, 109 א. 12טע סט.
שעהנהויז און גאלדשטיין, 17 א. 12טע סט.
גארדאק דרעס קא. 510 — 6טע עוו.
טשאס. גרייסמאן, 100 וו. 13טע סט.
זענקא, 30 א. 12טע סט.

נאך קוויטירונגען נעקסטע וואך.

די פאַרשטעהענדע ענדערונגען אין קלאָוק אינדוסטרי

פון ל. פינקעלשטיין.

3.

אין דעם פאָריגען אַרטיקעל האָבען מיר געזעהן, ווי שעדליך און רעאַקציאָנער עס האָט געווירקט דער שטיק־סיסטעם אין די קלאָוק שעפּער אין באַצוג דער אַרבייטס־צייט ; ווי די באַזונדערע אומנאָרמאַלע אינטערעסען פון די שטיק אַרבייטער אין די שעפּער האָט געווירקט אויף דער יוניאָן ניט צו פאָדערען קירצערע אַרבייטס־שטונדען, וואָס פאַרביי־בעהענדיג, דאָס איז דאָך דער סאַמע פונדאַמענט פון׳ם טרייד יוניאָניזם. לאָמיר איצט זעהן ווי אַזוי אַט דער רעאַקציאָנערער גייסט האָט געווירקט אין באַצוג די שכירות, אין באַצוג די פאַרדינסטען פון די פאַרשידענע מינים אַרבייטער אין די שעפּער.

אַלע וויסען דאָס דער פונדאַמענטאַלסטער פּרינציפּ פון טרייד יוניאָניזם אין דער גאַנצער וועלט איז אויסגעדריקט אין דעם זאַץ „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם“. אָבער אַז אָך און וועה ווי אַט דער פּרינציפּ איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין די קלאָוק און סקוירט שעפּער, אונטער דעם טאָפּעלטען סיסטעם פון שטיק און וואָך־אַרבייט ! אונטער אַט דעם ווילדען, משוגענעם סיסטעם האָט דער פּרינציפּ ניט געקאָנט אַרבייטען, ניט נאָר צווישען די וואָך און שטיק אַרבייטער אין שאַפּ, נאָר אפילו ניט צווישען די שטיק אַרבייטער אַליין. אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע, ווען יעדער איינער באַזונדער זוכט אַריינצוכאַפּען אַלץ מעהר באַנדעלס ! אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע, ווען מען אַרבייט אונטער אַזאַ פאַרשאָלטענעם סיסטעם, ווען מען דאַרף, ניין, מען איז פשוט געצוואונגען, יעדען טאָג צו שמייכלען, צו חנפ׳ענען, „צו לעקען“, דעם באָס, דעם פאָרמאַן, און אפילו דעם באַי וואָס טיילט אויס די טרימינגס. ווי קאָן מען גאָר ערוואַרטען אַז דער פּרינציפּ זאָל אַרביטען אונטער אַזאַ סיסטעם וואו איינער זוכט אויסצוכאַפּען פון׳ם צווייטען די „לייכטערע אַרבייט“, די „גרינגערע סטיילס“, די באַנדעלס פון איין קאָליר וואַרע און די באַנדעלס, וועלכע „לאָזען זיך נעהען“? איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם ווען מען דאַרף זיצען ביים מאַשין און ממש צופוקעט ווערען, צוזעהענדיג ווי יענער האָט אַריינגעכאַפּט דעם „בעסערען לאָט אַרבייט“!

ניין, אונטער אַזעלכע אומשטענדען קאָן דער יוניאָן פּרינציפּ בשום אופן ניט אַרבייטען. אונטער אַזעלכע אומשטענדען מוז אַט דער יוניאָן־פּרינציפּ פאַרשוועכט ווערען. אונטער אַזאַ משוגענער, שעדליכער סיסטעם פון אַרבייט ווערט די יוניאָן אין שאַפּ אַן א י ב ע ר י נ ג ע ז אַ ך. עס קומט דאַן אויס, דאָס די יוניאָן פּלאָנטערט זיך דאָרט אונטער די פיס און ווערט, אַזוי צו זאָגען, אַ סטראַשידלע צו פּלאָגען דעם אַרבייטערס געוויסען. וואָרום נאָך אַלעם קאָן מען דאָך זיך אַליין אייביג ניט נאַרען ; נאָך אַלעם ווייס דאָך יעדער „ביי זיך אין האַרצען“, אַז ער באַגעהט עולות געגען זיינע ברידער מיט־אַרבייטער און געגען ז י י ן י ו נ י אָ ן כמעט יעדען טאָג ווען ער אַרבייט און דאָס מוז האָבען אויף איהם אַ גאַנץ שלעכטע ווירקונג. אונטער אַזאַ שעדליכען, אונאָרמאַלען צושטאַנד פון אַרבייט מוז קומען צו אַט די אַרבייטער דער קרומער, פאַלשער געדאַנק, דאָס די יוניאָן טוט, אייגענטליך, פאַר איהם גאָר ניט, אין באַצוג זיינע פאַרדינסטען. עס אַרבייט זיך ביי איהם אויס דער טרויעריגער געדאַנק, דאָס אַלעס וואָס ער קאָן באַקומען אין שאַפּ מוז קומען דורך חניפה, דורך צושמייכלען זיך צו דעם און צו יענעם, און טיילווייז אויך דורך׳ן פשוט׳ן פאַרראַט צו זיינע מיטאַרבייטער, צו זיינע ברידער און שוועסטער. אונטער אַזאַ סיסטעם פון אַרבייט מוז דער ווייניג באַוואוסטזיניגער אַרבייטער אַרונטערזינקען צו דער מדרגה פון פונקט דאָס פאַרקעהרטע פון דעם פונדאַמענטאַלען יוניאָן פּרינציפּ ; אנשטאַט איינער פאַר אַלע פאַנגט אַן אַרבייטען דער געדאַנק פון א י י נ ע ר ג ע ג ע ן א ל ע, אין בעסטען פאַל „פּריוועט“ יעדער איינער בלויז פאַר זיך און דאָס פאַרגיפטעט די יוניאָן אַטמאָספערע אין שאַפּ, דאָס פאַרניכטעט אין שאַפּ דעם גייסט פון איינינקייט, דאָס צושטערט די סאָלידאַרישע געפיהלען און מוז ווירקען אונטערצוגראָבען דעם פונדאַמענט פון דער יוניאָן, וואָס איז אין דער אמת׳ן די איינציגע מאַכט וואָס די אַרבייטער האָבען, לויט דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער איינריכטונג. אויב ער אַליין געהט אַהיים מיט אַ גרויסער „פיידע“ ערט איהם שוין גאַנץ ווייניג, און אפשר גאָר ניט, וואָס זיין „ברודער“, וועלכער זיצט ביי דער מאַשין אַנטקעגען איהם, געהט אַהיים מיט אַ קליינער „פיידע“, מיט אַ מאָגערען „פיי־ענוועלאָפּ“.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. מיר האָבען דאָ בלויז באַריהרט די פראַגע אין דעם זין וואָס איז שייך פון איין שטיק־אַרבייטער צום צווייטען, דאָס הייסט, די שייכות, אָדער פאַרהעלטניסע מכוח די פאַרדינסטען צווישען די שטיק־אַרבייטער גופא. אָבער אַזוי ווי אין די קלאָוק שעפּער זיינען דאָ אי שטיק אַרבייטער און אי וואָך־אַרבייטער, איז די שייכות אין באַצוג די פאַרדינסטען פון אַט די צווייערליי באַזונדערע מינים אַרבייטער נאָך אַ סך אַן ערגערע.

ווען עס קומט צום סעטלען די פּרייזען פאַר שטיק־אַרבייט האָבען דאָך אַט וויינינגסטענס אַלע שטיק אַרבייטער אין שאַפּ דעם זעלבען אינטערעס, צו שטעלען דעם פּרייז פאַר׳ן בגד וואָס העכער, מען זאָל קאָנען פאַרדינען. אין דעם זיינען דאָך די אַלע שטיק - אַרבייטער גלייך פאַראינטערעסירט. כאָטש עס פּאַסירט ניט זעלטען, דאָס אין דער פּרייז־קאָמיטע, אויף וועלכער אַלע פאַרלאָזען זיך מיט׳ן סעטלען דעם פּרייז, געפינט זיך אַמאָל אויך אַזעלכער וואָס צוליעב געוויסע הנחות וואָס ער באַקומט פאַר זיך אַליין, העלפט ער דער פירמע סעטלען די אַרבייט פאַר אַ קלענערען פּרייז. אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס זיינען בלויז זעלטענע אויסנאַמען, און דאָס אין אַלגעמיין זיינען אַלע מיטגלידער אין דער פּרייז־קאָמיטע ערליך און אַרבייטען איבערגעבען פאַר אַלע אַרבייטער אין שאַפּ.

איז אָבער פאַראַנען דערביי נאָך אַ צרה. די פּרייזען דאַרפען געסעטעלט ווערען פאַר׳ן אָפּרייטען באַזונדער און פאַר׳ן פינישען באַזונדער. עס איז צוויי באַזונדערע מלאכות, און די פּרייזען דאַרפען באַזונדער געסעטעלט ווערען.

וואָס־זשע קומט דעמאָלט פאָר ?

די פירמע, ווען זי געהט מיט דער פּרייז־קאָמיטע סעטלען אַ געוויסען גאַרמענט, האָט זי שוין דאָס רוב אַ פריהער אויסגערעכענט וויפיעל דער גאַרמענט דאַרף איהר קאָסטען פאַר׳ן אויפמאַכען, און דאַן איז אַזוי, וויבאַלד עס געלינגט אַמאָל די אָפּרייטאָרס אַריבערצוציהען 5 אָדער 10 סענט אויף׳ן גאַרמענט רייסט עס די פירמע אַרונטער ביי די פינישער, אָדער פאַרקערט, עס ווענדעט זיך וועלכער בּרענטש עס סעטעלט אַ פריהער דעם פּרייז. און וויפיעל מאָל פּאַסירט עס ביים סעטלען פּרייזען ווען די אָפּרייטאָרס רופען אָפּ אַן אַ זייט די פינישער און ראַטען זיי ניט זיך איינצו׳עקשן׳ען פאַר דעם ניקעל אָדער די 10 סענט כדי דער סעטעלמענט זאָל זיך ניט פאַרציהען צו לאַנג ? און עס קומט ניט זעלטען פאָר, דאָס אנשטאַט דעם וואָס מען זאָל זיך דינגען מיט דער פירמע, געהט אָן אַ דינגעניש צווישען די פינישער מיט די אָפּרייטאָרס. די אָפּרייטאָרס טענה׳ן, אַז די פינישער „ווילען צופיעל אַרויספּציהען“, און די פינישער טענה׳ן, „אַז די אָפּרייטאָרס האָבען צופיעל אַרויסגעריסען“. דער פועל יוצא דערפון קאָן יעדער זעהן, עס ווערט דורכדעם אַ שנאה צווישען די אָפּרייטאָרס און פינישערס; עס באַשאַפט זיך אַ סיטואַציע דאָס איין צד זאָל דעם צווייטען פיינט האָבען, און דאָס איז ווידער אַ גרונד, אויך צו באַשאַפען אין שאַפּ אַ שלעכטע לאַגע, אַרויסצורופען שלעכטע, בעזע געפיהלען צווישען די אָפּרייטאָרס און פינישערס אין שאַפּ, און ניט ווייניג ליידעט דערפון די יוניאָן. דאַכט זיך יעדער איינער קאָן זעהן, אַז דאָס מוז שטערען די איינינקייט אין שאַפּ.

דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרען מכח די באַציהונגען פון די צווייערליי שטיק־אַרבייטער אין די שעפּער. אָבער אין דיזעלבע שעפּער זיינען דאָך אויך דאָ, ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעמערקט, וואָך־אַרבייטער, די פּרעסער, קאַטער, סעמפּעל מאַכער, בושלער, א. ז. וו., איז פאַראַן אונטער דעם איצטיגען סיסטעם אירגענד וועלכע שייכות צווישען די שטיק־אַרבייטער און די וואָך־אַרבייטער אין שאַפּ אין באַצוג זייערע פאַרדינסטען ? איז פאַראַן אין שאַפּ עפּעס אַ גרונד, וואָס די פאַרדינסטען פון ביידע סאָרטען אַרבייטער זאָל אַלעמען אָנגעהן, זאָל אַלעמען גלייך אינטערעסירען?

אין באַצוג די פאַרדינסטען, וואָס, דאָס איז דאָך פאַר׳ן אַרבייטער, נאָך אַלעמען, די הויפּט פראַגע פון עקזיסטענץ, — איז אונטער דעם איצטיגען טאָפּעלטען סיסטעם פון אַרבייט ניט פאַראַנען אפילו די מינדעסטע שייכות. ס׳איז ניט פאַראַן אין דעם אפילו די מינדעסטע אַלגעמיינשאַפט. דער פאַקט איז, דאָס יעדען מאָל ווען די אַלגעמיינע יוניאָן, דער דזשאָינט באָאַרד, האָט געדאַרפט אַרויסשטעלען פאָדערונגען צו די מאַנופעקטשורער און מען האָט געוואָלט אַרויסשטעלען אַ פאָדערונג פאַר העכערע שכירות פאַר די וואָך־אַרבייטער, האָבען די פאַרשטעהער פון די וואָך־אַרבייטער לאָקאַלס זיך געדאַרפט האַמפּערען מיט די פאַרשטעהער פון די לאָקאַלס, וועמעס מיטגלידער עס אַרבייטען פון שטיק, וועגען דעם ווי גרויס עס זאָל זיין די העכערונג וואָס די וואָך־אַרבייטער זאָלען פאַרלאַנגען. דאָס דינגען זיך צווישען זיך פלעגט אָפּט אויסקומען גאַנץ קאָמיש, עס האָט געשיינט, ווי די העכערונג וואָס די וואָכען־העגד האָבען געפאָדערט וואָלט דאַרפען אַרויסגעהן פון דעם שטיק־אַרבייטערס קעשענעס...

און עס פרעגט זיך נאָך אַמאָל, ווי האָט געקאָנט אונטער אַזעלכע אומשטענדען עקזיסטירען אין שאַפּ אירגענד וועלכע איינינגקייט ? ווי האָט געקאָנט דאָרט הערשען אַן אמת׳ער ברודער־געפיהל, לויט דעם אַלוועלטליכען טרייד־יוניאָן פּרינציפּ פון „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם?“

דער־ענטפער איז, דאָס אין דעם פּרט איז טאַקע געווען, ווי די אָפּרייטאָרס זאָגען : „גרויסענע צרות“ ! איינינגקייט האָט טאַקע עקזיסטירט אַם מייסטענס אין די סטרייק האָלס, בעת מען האָט געקעמפט פאַר עפּעס גרויסעס, אָבער ניט אין שאַפּ וואוהין מען האָט זיך אומגעקערט זיעגרייך צו דער אַרבייט. די ברידערליכע געפיהלען אין שאַפּ האָבען זיך דאָס רוב אויסגעדריקט בלויז דאַן, ווען מען דאַרף העלפען אַ קראַנקען ברודער אָדער ווען עס האָט חתונה געהאַט אַ שוועסטער ; ווען מען דאַרף העלפען אַ קראַנקען ברודער אין שאַפּ ווערען אַלע איינינג, אָבער ווען אַלע זיינען ב"ה געזונט, קוקט זיך יעדער בלויז פאַר זיך. דער אמת איז, דאָס די קלאָוק מאַכער, וועלכע שטאָלצירען אימער מיט זייער „רעוואָלוציאָנעריזם“, זיינען דורך דעם שלעכטען אַרבייטס־סיסטעם אַריינגעצווינגען געוואָרען אין אַ מיזעראַבלער, רעאַקציאָנערער אַטמאָספערע, אין אַ גייסט פון אַ קליינליכען, ענגהאַרציגען עגאָאיזם, וואָס שטערט דעם ברודערליכען געפיהל אויף יעדען טריט.

אין טעאָריע האָט מען טאַקע געהאַלטען פון׳ם אַלוועלטליכען טרייד־יוניאָן פּרינציפּ „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם“, אָבער די קלאָגעדיגע אומשטענדען אין שאַפּ האָבען דאָס ניט געלאָזען דורכפיהרען אין דער פּראַקטיקע. דאָס האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר איינגעגעסען אין די ביינער און אַלע אַרבייטער אין שאַפּ האָבען דערפון גאָר אַ סך געליטען.

אָבער מעהר פון אַלעם האָט געליטען דערפון די יוניאָן. די שולד פאַר אַלע צרות און פּורעניות וואָס איז דורכדעם טאָפּעלטען אַרבייט־סיסטעם ענטשטאַנען אין די שעפּער, האָט מען געוואָרפען אויף דער יוניאָן. ניט באַגרייפענדיג אַז דער מקור פון די אַלע צרות אין די שעפּער איז דער פאַרשאָלטענער שטיק סיסטעם, און צרות זיינען געווען אָהן אַ שיעור, האָט מען פאַר דעם אַלעם באַשולדיגט די יוניאָן. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס, יעדער דעמאַגאָג וואָס האָט נאָר געהאַט אין זיך גענוג חוצפה אַרויסצוטרעטען געגען דער יוניאָן, איז פון די שטיק־אַרבייטער באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ העלד, אַלס זייער „רעטער“, און דאָס האָט די לאַגע אין שאַפּ נאָך ערגער געמאַכט.

האָט איהר זיך אַמאָל געשטעלט די פראַגע, וואָרום די בורעגינע געגען דער יוניאָן איז דאָס רוב פאָרגעקומען אין די לאָקאַלס וועמעס מיטגלידער עס אַרבייטען פון שטיק ? האָט איהר זיך אַמאָל פאַרטראַכט, וואָרום יענע אַלע בורעגינעס האָבען זיך ניט צוגעקלעפּט צו די מיטגלידער פון יענע לאָקאַלס וועלכע אַרבייטען פון וואָך ?

אויב ניט, טו מעגט איהר נאָך אפילו איצט אויך וועגען דעם אַ טראַכט טאָן. איהר וועט דאַן אַליין איינזעהן, אַז דאָס האָט געמוזט אַזוי זיין. די צרות וואָס דער שטיק־אַרבייט סיסטעם ברענגט מיט זיך מוז מיט דער צייט ווירקען שלעכט אויף די שטיק אַרבייטער נאָך מעהר ווי אויף די אַנדערע אַרבייטער אין שאַפּ, און דאָס מוז פיהרען צו פאַרביטערטקייט, צו אַן אומצופרידענהייט מיט אַלעם און אַלעם און דער כעס איז גאָר אָפּט אויסגעלאָזען געוואָרען צו דער יוניאָן. אנשטאַט צו באַשולדיגען דעם סיסטעם האָט מען גאָר באַשולדיגט די יוניאָן.

מיר האָבען ביז איצט באַטראַכט די איבלען פון׳ם טאָפּעלטען אַרבייטס־סיסטעם בלויז אין באַצוג די פאַרשידענע מינים אַרבייטער אין די קלאָוק שעפּער און שייכות פון איין טייל אַרבייטער און דעם צווייטען. עס איז אָבער דאָ אין שאַפּ נאָך אַ צד, דער באָס, אָדער די פירמע, וועלכע האָט אין דעם אויך עפּעס צו זאָגען. אַט דער צד האָט אַ אַ גרויסע דעה, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פּרייזען סעטלען, וועגען שכירות בכלל און אויך וועגען דער אַרבייטס - צייט. און ווער קאָן צווייפלען אין דעם, אַז דער באָס האָט זיך אודאי באַנוצט מיט דעם מישמאַש פון׳ם טאָפּעלטען אַרבייטס־סיסטעם פון שטיק און וואָך־אַרבייט צו זיין גונסטען ? עס פאַרשטעהט זיך, אַז די בעלי הבתים האָבען דאָס אויסגענוצט פאַר זיך וויפיעל זיי האָבען נאָר געקאָנט. און דאָס האָט די לאַגע נאָך מעהר קאָמפּליצירט געמאַכט, דאָס האָט די זאַך נאָך מעהר פאַרפּלאָנטערט און אַריינגעבראַכט נאָך אידערע שוועריגקייטען. אָבער וועגען דעם און נאָך אַנדערע זאַכען, אין קומענדען אַרטיקעל.

קלאָוק מייקערס, אויפמערקזאַם !

דער

דאַון־טאַון אָפיס

האָט געמופט פון 40 א. 2טע סטריט, און 35 א. 2טע סטריט (אין טעאַטער בילדינג), דעם 21טען מאַרטש, 1919.

דער אָפיס איז אָפען יעדען טאָג פאַר קאָמפּליינטס, דיוס צאָהלען, שאַפּ־מיטינגען און אַלע אַנדערע יוניאָן טעטיגקייטען.

מיט גרוס.

די דזשאָינט באָאַרד קלאָוק מאַכער׳ס יוניאָן

אינגעבארג

א ראמאן פון ב. קעללערמאן

(פארזעצונג).

די דינער און די דינסטען האבען נאכגעקוקט דעם רויך און שטיל געוויינט: וויַיט האט זיך פון זיי זייער הארין אוועקגעטראגען און קיינמאל וועלען זיי שוין איהר מעהר ניט זעהן.

זיי זיינען נאך אלץ געשטאנען אויף דעם זעלבען ארט, ווי אין דער פריה, ווען די זון איז אויפגעגאנגען. פיעל האבען געוויינט, אבער איינער צווישען זיי איז געשטאנען און געשמייכעלט: ער האט געטראכט וועגען אינגעבארג.

קארל איז געשטאנען און אנגעשטרענגט געקוקט אויף זיין הארץ. א גאלדען האר האט דער ווינד ארויפגעבלאזען אויף זיין הארץ. ער האט מורא געהאט זיך א ריהר צו טאן און אלץ געקוקט אויף דעם גאלדענעם האר.

פאר א הויפען אש איז געלעגען פאצא און בעלעקט זיינע צונעבערענטע לאפעס. שטיל האט ער געוואיעט אויפהויבענדיג דערביי זיין שארפע מארדע, האט ער געקוקט אין הימעל אריין. ער האט געמאכט א פארזוך אריינצושפרינגען אין פייער אריין.

דער רויך איז געווארען אלץ דינער און אנגעהויבען צו פארשווינדען.

— קלייבט צוזאמען דאס אש אין זילבערנע שאלען! — האב איך געזאגט און אויסגעשטרעקט די האנד. עס איז געווען א האנד פון א זקן, א פארדארטע הויט, פארעלטערטע אדערן.

אויפ'ן ווינד האב איך צושאטען דאס אש און דער ווינד האט עס צוּוועהט. אויף אזא ארט האט אינגעבארג געדארפט אפגעגעבען ווערען דער וועלט.

זאל דער ווינד צוטראגען דעם אש אין די בליהענדע בלומען־קעלכען, אויף רויטע ליפען פון א מיידעל, אין כוס פון שכור און אין דעם אפענעם מיילכעל פון א שלאפענדיג קינד. און ווי נאר עס וועט אנקומען די נאכט זאל ער אויפלויכטען, ווי ליכט אין א קירכע, אין וועלדער, אויף פעלדער, אין איינזאמע צימערן, אין די פינסטערע הויכע וואלקענס און אין די שווארצע תהום'ען פון ים. אין אלץ זאל ער לויכטען! יא!

דאס איז געוועזען אינגעבארג.

איך האב געוואשען מיינע הענד און געפאלען אויף די קני. איך האב פארדעקט מיט פייכטע הענד דאס פנים און זיך צויאמערט.

נישט פאר וועהטאג האב איך געוויינט, איך האב געיאמערט דערפאר, וואס איך האב צושאנקען אינגעבארג. איך האב זי געקאנט איינהיטען; אט אין דעם אונטערערדישען געוועלב פון דער קירכע שלאפען אין זייער אייביגען שלאף פיעל פרויען און איך האב זי צושאנקען.

אט פאר וואס איך האב געיאמערט און געיאמערט האב איך אזוי הויך, אז טרערען האבען זיך געגאסען איבער מיינע באקען.

אין דער צייט, וואס איך האב געוויינט, האט זיך פלוצים דערהערט אינגעבארג'ס שטימע, וואס האט מיך געטרייסט. איהר שטימע האט גערופען, — אקסעל, אקסעל!

איך האב זיך צושמייכעלט, אוועקגענומען די הענד פון פנים און גענומען זיך איינהערען אין אינגעבארג'ס שטימע.

עפעס האט אנגעריהרט מיין האנד; איך האב זיך אויפגעהויבען און אומגעדרעהט מיין קאפ.

אינגעבארג איז געזעסען אויפ'ן בעט און געקוקט אויף מיר. די האר זיינען אראפגעהאנגען איבער די איינגעפאלענע באקען איהרע אויגען זיינען געווען ברייט צועפענט און ערשטוינטע געקוקט אויף מיר. זי האט אויסגעזעהן ווי א שלאנק, פופצעהן יעהריג מיידעל.

— אקסעל, — האט זי אויסגערעדט, — וועגען וואס האסטו געוויינט? — זי האט גערעדט מיט א קינדיש הויכער שטימע.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז געווען ניט מעהר ווי א חלום און דער דאזיגער שרעקליכער חלום איז ווידער אויפגעשטאנען פאר מיר. איך בין געפאלען אויף די קני און באהאלטען דאס פנים אין אינגעבארג'ס קני און צעוויינט זיך פאר גליק.

— אינגעבארג, אינגעבארג!

— אינגעבארג האט א קוש געטאן מיינע האר. זי האט טיף געאטעמט.

— ווי איך בין דאס פארפארען געווארען — האט זי געזאגט.

— זאג מיר, אקסעל, פאר וואס האסטו געוויינט? איך האב געהערט, אז דו וויינסט, איך האב זיך אויפגעכאפט און דערזעהן, אז דו זיצסט. דו ביזט געשלאפען, אבער טרערען זיינען געפלאסען איבער דיינע באקען. זאג, פאר וואס האסטו געוויינט?

— איצט וויין איך דערפאר, וואס דו פיהלסט זיך בעסער, אינגעבארג. ווי הערליך איז דאס! — איך האב געוויינט ווייל איך האב געזעהן א חלום. א, דאס איז געווען א וואונדערבארער חלום! — איך האב געוואלט אויסטראלטען, אבער ס'איז מיך נארנישט געקומען אין זינען אריין. דאס בלוט האט מיך א זעץ געטאן אין קאפ אריין. — מיר האט זיך עפעס גע'חלום'ט פון מיין קינדהייט, — איך האב עפעס צובראכען, דאכט זיך, א וואזע; ווארט צו, וואס איז דאס געווען?

ווי פריהער האבען זיך נאך אלץ געוויגט אויף די גארדינען אהין און צוריק די שאטענס פון די בלעטער; מיין שלאף, ווי ס'זעהט אויס, איז געווען א קורצער.

— מיר וואלט זיך געוואלט זעהן פאצא'ן — האט געזאגט אינגעבארג, — א, ווי ער וועט זיך דערפרעהען.

וואלט ניט געווען גלייכער, אז זי זאל אביסעל צוּוואַרטען? — פאצא פיהלט זיך זעהר גוט.

אינגעבארג האט איינגעוויליגט.

עס האט נאך אלץ געדונערט.

וואלקענס האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין די בערג.

— ס'ארא שאד. — זי האט אזוי ליעב א שטורעם.

אינגעבארג האט זיך צולאכט. היסטעריש האט געקלונגען איהר געלעכטער און דאס האט מיך געשראקען. א גלאנץ, ווי פון שטאל האט א לייכט געטאן אין אינגעבארג'ס אויגען. אבער בלויז א נאר האט געקאנט האפען, אז זי זאל געזונט ווערען אין איין שעה.

— לאמיר האפען, אז עס וועלען נאך זיין אמאל שטורעמס.

— יא, געוויס. כא, כא, כא!

איך האב איהר געגעבען עפעס אין מויל אריין, אביסעל וויין, א האלב איי און די אנדערע העלפט האב איך פאר איהר אין די אויגען אליין איינגעשלונגען, צו ווייזען איהר, ווי גיך עס קען פארשווינדען אין מויל א האלב איי.

זי האט זיך דערפון ניט געקענט גענוג אנלאכען.

דערנאך האט זי געפרעגט, צי קארל איז ניט אוועקגעפאהרען.

— ניין, פארשטעהט זיך, אז ניט. ער איז נאך דא.

בין איך ניט בייז אויף איהר, וואס זי רופט בליטהאופטען בלויז אויפ'ן ערשטען נאמען?

— וואס דיר קען איינפאלען, אינגעבארג!

זי וואלט געווען צופרידען צו זעהן איצט קארל'ן, כא - כא!

איך בין ארויסגעגאנגען פון צימער. ארויסגעגאנגען מיט א לייכט הארץ, ווי מען וואלט א שווערע משא אראפגענומען פון מיינע פלייצעס. אין מיר האט אלץ געזונגען פאר פרייד.

— אלץ געהט בעסער, ווי געוואונשען, — האב איך געזאגט דעם דאקטאר און פייערליך צושמייכעלט זיך.

דער דאקטאר האט אנגעשטרענגט א קוק געטאן אויף מיר. דאס איז געווען עפעס א באזונדערער קוק, וועלכער איז דורכגעדרונגען דורך אלע מיינע גלידער.

איך האב פארלאזען דאס צימער. דעם דאקטאר'ס בליק האט ווידער אויפגעוועקט אין מיר די אלע קולות, — אלע, אלע . . .

19.

— דער פולס קלאפט צו שנעל.

— זייט גרייט אויף דאס ערגסטע.

איך בין אנטלאפען אין פארק אריין; איך האב געמוזט אנטלויפען אין פארק אריין כאטש אויף אן איינציגער רגע.

נאכט איז אין פארק, דער ווינד באוועגט פון איין זייט אויף דער צווייטער די שפיצען פון די בוימער. שטימען האבען זיך געטראגען אין דער לופט — אלע יענע שטימען, וואס ווארענדיג און פאראויסזאגענדיג אומגליק האבען פון לאנג שוין אנגעפילט מיין ברוסט, זיי האבען זיך געטראגען אין דער לופט, געהערט זיך אין'ם רויש פון די בוימער, אין דעם פאלען פון רעגען. פלוצים, אונערווארטעטערהייט, האט זיך אין דער פינסטערניש באוויזען אינגעבארג. זי האט געשמייכעלט, געפאכט מיט'ן קראנץ און אונטערגעזונגען איהר טרא־טא־טא־טא.

— זייט גרייט אויף דאס ערגסטע! — איך בין זעהר דאנקבאר דעם דאקטאר.

קארל קוקט אויף מיר. איך שמייכעל. זעהט איהר דען ניט, אז איך שמייכעל און איך פיהל גארנישט, גארנישט ניט? קארל פיהרט מיך אפ אין א זייט, דריקט מיך צו צו זיין הארץ און קוקט אויף מיר. — פארליר ניט דעם מוט, אקסעל! דו האסט א ווירקונג אויף אינגעבארג! פארליר ניט די האפנונג!

— אזוי ווי עס וואלט געווען עפעס א קראפט, וואס'איז שטארקער פון דער וויסענשאפט און פון דער מעדיצין! — ווערטער, ווערטער!

איך שמייכעל, איך דאנק קארל'ן, דריק זיין האנד. דער זייגער הויבט אן צו רעדען, די ליכט וואקסען אויס אין גרויסע פייערדיגע זיילען; אויף יעדער זאך גלאנצען אינגעבארג'ס אויגען, די קלענסטע זאך איז פול מיט וואונדער.

איך בין געלאפען הין און צוריק אין פארק.

ווער וואלט דערמיט געקענט שלום מאכען?

אינגעבארג מוז שטארבען; ליעבע, הערליכע אינגעבארג!

אינגעבארג, וואס האט אזוי ליעב געהאט די זון און וואס האט הויפען־ווייז צוזאמענגעקליבען איהרע שטראלען; אינגעבארג, וואס פלעגט קושען די בוימער און רעדען מיט זיי; וואס האט געקענט אזוי בעטען און דאנקען מיט אזוינע בליקען, ווי זי וואלט נאכגעפאלגט די פליהענדיגע שמעטערלינגען.

(פארזעצונג פאלגט)

„ראפינירטע לידיעס"

פון עללען א. קענאן.

איך פלעג זיך אמאל וואונדערען ווארום די בעלי בתים שטעלען אפט אריין אין זייערע אדווערטייזמענטס די ווערטער: „בלויז עדלע, ראפינירטע מיידלעך דארפען זיך ווענדען", אדער, „בלויז ראפינירטע קריסטליכע מיידלעך זאלען זיך מעלדען." איצט ווייס איך שוין ווארום זיי כוונען דאס. די ערפאהרונג וואס איך האב באקומען ארבייטענדיג אין פילאדעלפיע פאר לאקאל 15 פון דער אינטערנעשאנאל, האט מיר געהאלפען די זאך פארשטעהן.

מיר האבען געפיקעט א „סקעב" שאפ, וועלכער איז אמאל געווען א יוניאן שאפ.

שטעהענדיג ביים שאפ האבען מיר געזעהן אנקומען א קליינע, דארע, „ראפינירטע" ווייבעל. זי האט געטראגען אן אלטען, אפגעריבענעם שווארצען סוט און אן אלטען שווארצען העט. זי האט ניט געמאכט קיין ווידערשטאנד, ווען איינע פון די מיידלעך האט איהר פארשטעלט דעם וועג.

זי האט זיך אפגעשטעלט הערען וואס מען רעדט צו איהר, ניט דערפאר ווייל זי האט דאס געוואלט הערען, נאר גיכער דערפאר, ווייל זי האט אין זיך קיין קאפ לעבען ניט געהאט דאס ווידערצושטעהן. אונזער פיקעט האט זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט און געמאכט צו איהר א שמארקען אפיעל פאר דער יוניאן.

די דארע מיידעל אין שווארצען האט אונז אנגעקוקט און מיט איהר „ראפינירטען" קול'כעל געענטפערט: „איך גלייך ניט די יוניאן. די יוניאן ברענגט שטרייטינקייטען, איך גלייך דאס ניט. איך וועל פארלאזען די טרייד און זיך נעהמען פאר עפעס אנדערש, אויב איך זאל ניט קאנען פריעדליך ארבייטען."

„אלעס וואס איך וויל — רעדט זי ווייטער — איז, מען זאל מיך ניט באדערען, מען זאל מיר לאזען פארדיענען מיין געלט. יע, איך ווייס, א זעקס דאלאר א וואך שכירות איז ניט גענוג, אבער גאט העלפט מיר אויס. ער פארזארגט אלע מאל. איך האב אין איהם בטחון. איך בין צופריעדען איהם צו דיענען. איך האב פארלאזען מיין מאן, ווייל ער האט מיר ניט געלאזען דיענען גאט ווי איך האב געוואלט. איך וועל צו דער יוניאן זיך קיין מאל ניט אנשליסען, גאט וויל דאס ניט."

צו א צווייטען אפיעל וואס מען האט געמאכט צו איהר, זי זאל כאטש פארלאזען דיעזען שאפ, האט זי אין דעם זעלבען לעבלאזען טאן געענטפערט: „איך וועל עס אנפרעגען ביי גאט, אויב ער וועט מיר זאגען אז ער וויל דאס, וועל איך מארגען אהין ניט ארויסגעהן ארבייטען."

אויפצומארגענס אין דער פריה זיינען אונזערע פיקעטס ווידער געווען ביי יענעם שאפ. ווען די פיקעטס האבען אנגעשטעלט די אויגען אויף דער דארער, קליינער ווייבעל, וועלכע האט זיך געוואלט דורכשפארען, האט זי זיך אפגעשטעלט און געזאגט:

„יעס, איך האב די זאך אויפגענומען מיט גאט, — אבער ער הייסט מיר איך זאל דא בלייבען ארבייטען"...

דאס לעצטע ווארט האט זי ארויסגעזאגט, ווען זי האט שוין געהאלטען אין פארשווינדען פון יענער זייט טיר אין דעם שאפ.

מיר האבען געהאט נאך א טיפ פון דעם זעלבען סארט, „ראפינירטע מיידלעך". די צווייטע איז געווען א פארחושך'טע, שוין מיט גרויע האר. דאס לעבען האט איהר איינפאך פארזויערט און פארביטערט. די איז געווען „א לידי." זי האט עס אליין געזאגט.

„א לידי —, האט זי אויסגערופען — באלאנגט ניט צו קיין יוניאן. איך בין א לידי און בין אימער א לידי געווען. איהר זאלט מיך ניט אפשטעלען אין גאס און רעדען מיט מיר. איך וועל אין אייערע גאסען־שטרייטס קיין אנטייל ניט נעהמען. אויב איהר ווילט רעדען צו מיר, קומט אריין אין שאפ און רעדט צו מיר ווי א לידי. א לידי וועט קיין מאל א שאפ ניט פיקעטען. א לידי וועט יענעם קיין מאל דעם וועג ניט פארשטעלען. א לידי וועט זיך קיין מאל ניט אזוי באנעהמען, דאס א פאליסמאן זאל איהר ארעסטירען. איך ווייס אלעס וועגען אייער יוניאן. איך האב געהאט א פריינדין וואס האט דארט באלאנגט. זי האט געזאגט, אז די יוניאן האט איהר קיין נוטעס ניט געטאן; מען האט בלויז גענומען ביי איהר געלט."

א דאנק דעם הימעל וואס די [illegible]

קארל סאנדבורג און זיין פאעזיע

(די נייע אמעריקאנער פאעזיע.)

פון א. גלאנץ.

א מענש א געזונטער און שטארקער.
א מענש א דענקענדער און פיהלענדער.
א מענש, וואס זעהט אלץ, הערט אלץ און אינטערעסירט זיך מיט אלץ. א מענש, פאר וועמען די גאנצע וועלט איז פול מיט וואונדער; וואו מענשען, חיות, פויגעל, פלאנצען, וועלדער, פריירים, פעלדער, די וואקסענדע זאנגען, און די דייך ווערענדע קארטאפעל זיינען ניט מעהר ווי פארשיעדענע אויסדרוקען פון דעם, וואס מען רופט לעבען, און וועלט; אלץ צונויפגעפלאכטען, אלץ צונויפגעבונדען, אלץ — דער אויסדרוק, דער ווילען און דער דראנג און דאס שפיעל פון לעבען. אזא מענש איז קארל סאנדבורג, איינער פון די שטארקסטע, בולט'סטע פיגורען אין דער נייער אמעריקאנער פאעזיע.

און א דיכטונג פון לעבען, פון א לעבען פול מיט רויט בלוט, וואס פליסט אר־מעטום, וואו דער ריטם איז דער ריטם פון דער גרויסער שטאדט און פון דער גרויסער פריירי, פון מענשליכער אקטי־וויטעט, יונגער און געזונטער; פון מענש־ליכער האפנונג, שטארקער און אפנארענ־דער; פון מענשליכע שטרעבונגען הויכע און נידריגע; פון מענשליכע אנטוישונ־גען, שמערצליכע און צודריקענדע. דאס איז סאנדבורג'ס דיכטונג.

סאנדבורג האט זיך צו ערשטע באַ־ריהמט געמאכט מיט זיין בוך, וואס ער האט א נאמען געגעבען „שיקאגא־פא־עמס", ליעדער פון שיקאגא. דארט זינגט ער פון דער גרויסער שטאדט, וועלכע ער האט ליעב, מיט וועלכער ער איז שטאלץ. פאר איהם איז די דאזיגע שטאדט דער גרעסטער, שטארקסטער אויסדרוק פון דער מענשליכער טעטיג־קייט, פון דעם אמעריקאנער פאלק'ס לע־בענסלוסטיגקייט, פון זיין שאפונגס־קראפט, וועלכע איז אפטמאל ברוטאל און צושמעטערענד, אבער אזוי איז דאס לע־בען.

חזירים־קצב פון דער וועלט,
כלים־מאכער, זאמלער פון ווייץ,
שפיעלער מיט אייזענבאהנען און דער נא־
ציאנ'ס פראכט־פיהרער;
שטורמיש, קרעפטיג, רעוועדיג —
צו שטאדט פון די „גרויסע שולטערן".

מען זאגט מיר, אז דו ביזט זינדיג, און איך גלויב, ווייל איך האב געזעהן פיינע גע־שמינקטע פרויען וועלכע האבען אונטער גאז־לאנטערען אריינגענארט די פארמערשע בחורים.

ווען מען זאגט מיר, אז דו ביזט פאר־ברעכעריש, און איך ענטפער: יא, עס איז אמת. איך האב געזעהן דעם מעסער־העלד, מארדען, און מען האט איהם אפגעלאזען פריי, ווידער צו מארדען.

און מען זאגט מיר דו ביזט ברוטאל און מיין ענטפער איז: אויף די פנים'ער פון פרויען און קינדער האב איך געזעהן די סמנים פון אויסצעהרענדען הונגער.

און האבענדיג אזוי געענטפערט, קעהר איך זיך צוריק צו די וועלכע פרעהען זיך מיט דער נאז אויף אט דער שטאדט מיינער און זאג צו זיי:

איז מיר נאך אזא שטאדט, וואס זאל מיט געהויבענעם קאפ זינגען אזוי שטאלץ; וואס זאל זיין אזוי פול לעבען, רויה, שטארק און געשיקט.

שליידערענדיג מאגנעטישע קללות אין מיטען פון דער מיה, ערפילענדיג איין אר־בייט נאך דער אנדערער, איז דאס א הויכער, דרייסטער קערל אין פנים צו די קליינע, ווייכע שטעדטלעך.

ווילד ווי א הונט, וואס זיין צונג הענגט ארויס אין א חשק נאך מאט; געשיקט ווי א ווילדער מענש, וואס שטעהט אנטקעגען דער וויסטע:

מיט אנטבלויזטען קאפ.
גראבענדיג,
ברעכענדיג,
פלאנענדיג,
בויענדיג, צושטערענדיג, איבערבויענדיג,
אונטער דעם רויך, דאס מויל —
פול מיט שטויב, לאכענדיג מיט ווייסע ציינער,
לאכענדיג אונטער דעם שרעקליכען יאך פון
שיקזאל, ווי עס לאכט א יונגער מאן,
לאכענדיג פונקט אזוי ווי עס לאכט אן אומ־
ווויסענדער שלעגער, וועלכער האט קיינמאל
ניט געוואוסט פון א פארלארענער שלאכט,
פראהלענדיג און לאכענדיג דערפון, וואס אונ־
טער זיין פויסט איז דער פולס, און אונ־
טער זיינע ריפען דאס הארץ פון דעם פאלק.
לאכענדיג!

לאכענדיג דעם שטורמישען, געזונטען, רעגענ־
דיגען געלעכטער פון יוגענד; האלב־נא־
קעט, שוויצענדיג; שטאלץ צו זיין דער
חזירים־קצב, דער כלים־מאכער, דער זאמ־
לער פון ווייץ, דער שפיעלער מיט אייזענ־
באהנען און דער פראכט־פיהרער פון דער
נאציאן!

פול מיט געזונטען לעבען ווי אט דער געזאנג פון שיקאגא איז, אזוי איז עס אויך מיט געפהל, מיט געדאנק און גע־פיהל פון לעבען, וואס איז גרויזאם און ברוטאל, וואס איז א שרעקליכער יאך, וואס איז אומוויסענד און בלינד, און דאך אזוי קרעפטיג, אזוי גראנדיעז, אזוי ווירק־ליך „בויענדיג, צושטערענדיג און ווידער בויענדיג."

קארל סאנדבורג איז לויט איבערצייגונג א סאציאליסט. ער גלויבט אין דער גלייכהייט און פרייהייט פון אלע מענשען. ניט ווי איינער, וואס האט געלערנט מארקס'ען, וואס האט שטודירט סאציא־ליזם פון די ביכער. נאר ווי איינער, וואס איז אליין א פרייער מענש, און וועלכער ווייס אז אלע מענשען זיינען גלייך. ברי־דער אין נויט און לײדען; ברידער אין שטרעבונגען און אין אנטוישונגען; ברי־דער — אלס קנאקענדע ביינער צווישען די שארפע, צושמעטערענדע ציינער פון דעם שיקזאל; ברידער אלס די געווארפע־נע פילקעס אין די הענד פונ'ם לעבען.

איך האב געהאט מיין געלעגענהייט צו לעבען מיט די מענשען, וועלכע האבען צו־פיעל, און מיט די מענשען וועלכע האבען צו ווייניג. און איך האב אויסגעקליבען איינס פון די ביידע. און איך האב קיינעם ניט געזאגט, פארוואס.

מיר ווייסען, וואס פון די ביידע ער האט אויסגעקליבען. און מיר ווייסען אויך פארוואס, כאטש ער האט עס „קיי־נעם ניט געזאגט."

ביי קארל סאנדבורג'ען זעהט מען אם שטארקסטען דעם ווערטה פון די נייע פארמען אין דער אמעריקאנער פאעזיע. עס איז זיך אוממעגליך פארצושטעלען זיינע ליעדער אין די געזאמעלטע, גע־זעצמעסיגע, טראדיציאנעלע ריטמען און פארמען. אין זיינע ליעדער פיהלט מען אם שטארקסטען דעם לעבעדיגען אטעם פונ'ם לעבען. ער איז פריי און קרעפ־טיג אין זיינע געזאנגען, ווי עס איז פריי און קרעפטיג דאס לעבען, וואס ער זינגט.

ער איז דער אמת'ער תלמיד פון וואלט וויטמאן, דעם ערש־טען און שטארקסטען פרייען זינגער פון דעם שטארקען, פרייען אמעריקאנער לע־בען.

אבער ער איז אן עכטער פאעט. זעל־טען צו געפינען ביי אן אנדערען אזוי פיעל איבערלעבונג און געפיהל אין גע־צעהלטע שורות. און דער הויפט־רייץ און הויפט־ווערט פון עכטער פאעזיע, איז קאנצענטרירטקייט פון געפיהל, צוזא־מענגעפרעסטקייט פון איבערלעבונג.

ווער האט שוין ניט געשריבען פון טויט אלס דעם גרויסען אויסגלייכער, אויסגלייכער פון די מעכ־טיגע און שוואכע, פון רייכע און ארי־מע? און וויפיעל פאעטען האבען שוין געוואלט אויסדריקען דעם סאציאלען קאמף, דעם קאמף צווישען די הערשער אין אונזער וועלט און איהרע קנעכט? און ווי אפט זיינען אזעלכע פארזוכען ארויסגעקומען בלאס, שאבלאן, געקלונ־גען ווי א פראקלאמאציע.

אבער אן אמת'ער פאעט קאן נאך אין אלץ, אין די עלטסטע מאטיווען געפינען א נייעם בלישטש, א נייעם שיין, עפעס גרויסעס, עפעס אזוינס, וואס זאל אייך א בליץ טאן אין מארך און איבערוועל־טיגען.

אט האט סאנדבורג א ליעד פון בלויז אכט שורות, און זעהט ווי ער רעדט אין זיי גלייכצייטיג, וועגען דעם טויט אלס גרויסען אויסגלייכער און וועגען דעם גרויזאמען סאציאלען קאמף.

האנטינגטאן שלאפט אין א הויז, זעקס פוס לאנג.
האנטינגטאן חלומ'ט וועגען אייזענבאהנען,
וואס ער האט געבויט און באזעסען.
האנטינגטאן חלומ'ט וועגען דעם, אז צעהן
טויזענד מענשען האבען איהם געזאגט:
יעס סער!
בלידהערי שלאפט אין א הויז, זעקס פוס לאנג.
בלידהערי חלומ'ט פון רעלסען און שפאלען,
וואס ער האט געלייגט.
בלידהערי חלומ'ט, אז ער זאגט צו האנטינג־
טאנען: יעס סער!
האנטינגטאן, בלידהערי — שלאפען ביידע אין
הייזער, זעקס פוס לאנג.

האנטינגטאן איז געווען דער פרעזי־דענט פון דעם סאוטהערן פאסיפיק איי־זענבאהן. בלידהערי — איינער פון זיי־נע צעהן טויזענד ארבייטער.

סאנדבורג זינגט ניט בלויז וועגען דעם שווערען יאך פון לעבען, וועגען זיין גרויזאמקייט און ברוטאליטעט.

ער זינגט אויך פון דער פרייד פון לעבען. אויב ער זעהט ניט קיין פרייד אין דער שטאדט, זעהט ער זי אין פעלד, אויף דער פריירי, אין דער נאטור — וועלכע איז דאך שטארקער פון דער שטאדט, וועלכע איז דאך די מאמע פון דער שטאדט, און פון די מענשען און פון אלעם לעבעדיגען.

אין דער פריירי און אין דעם פעלד זעהט סאנדבורג דאס אייביגע, זיך כסדר בייטענדיגע לעבען. קארן און פלאנצען זיינען פאר איהם ניט קיין שטומע זא־כען. זיי רעדען צו איהם. זיי לאכען, זיי פארהאלטען זיך ווי מענשען — די לייב־ליכע ברידער פון פלאנצען און חיות.

לאכענדע קארן.

א מאיעסטעטישער שפיעל האט זיך געוועבט
אייערנעכטען אין דעם געלען קארן.
און אויך איבערמארגען וועט אין געלען קארן
זיך וועבען א מאיעסטעטישער שפיעל.
די זאנגען ווערען רייף אין שפעטען זומער,
זיי קומען אן מיט א באזיגענדען געלעכטער,
קומען מיט א הויבען און באזיגענדען גע־
לעכטער.
די לאנג־עקיגע שווארצפויגלען זיינען היי־
זעריג.
איינס פון די קלענערע שווארצפויגלען צוויט־
שערט אויף א שטאם.
עס האט א רויטען פלעק אויפ'ן שולטער,
איך האב קיינמאל דעם פויגעל'ס נאמען ניט
געהערט.

מאנכע פון די זאנגען האלטען אין פלאצען.
א ווייסער זאפט ווירקט איבוועניג.
זיידענע פעדים קריכען ביים ברעג און באמבי־
לען אין דער לופט.
און שטענדיג — איך האב קיינמאל ניט
געוואוסט, אז עס קאן זיין אנדערש —
שמועסט זיך דער ווינט דורך מיט'ן קארן
וועגען פארשיידענע זאכען.

איבער'ן וועג איז דעם פארמער'ס הויז.
די ווענט זיינען ווייס, און א גרינער דאך
הענגט שווער אראפ.
ער וועט ניט פארריכט ווערען, ביז דער קארן
וועט געדראשען ווערען.
דער פארמער און זיין ווייב שמועסען זיך דורך
וועגען פארשיידענע זאכען.

דער פארמער מיט זיין ווייב, דאס קארן און דער ווינט זיינען ביי סאנד־בורג'ען גלייכע, לייבליכע וועזענס.

סאנדבורג האט אויך ליעדער וועגען קריעג. אלץ אין דעם זעלבען טאן. אין דעם טאן פון דעם געזונטען, שטארקען, אבער טיעף־דענקענדען און טיעף־פיה־לענדען מענשען.

סאנדבורג איז נאך יונג. ער האט אלע מעגליכקייטען צו זיין ניט נאר א תלמיד פון וואלט וויטמאן, נאר א צווייטער וויטמאן. גלייך גרויס מיט'ן רבי'ן.

די רויז און דער דיכטער

י. אדלער.

עס ווילט זיך מיין מעשה'ע לעזען
אזוי:
געוועזן איז דער הימעל אי לויטער,
אי בלוי;
עס האט זיך אין ערגיץ קיין וואלקען
געזעהן,
קיין פלעק און קיין פינטעל — די בלויקייט
אליין.
און ווייט אין א טאל איז געשטאנען
א הויז,
דאס הויז אין א גערטעל, אין גערטעל
א רויז;
די רויז האט פון שעהנקייט און ריינקייט
געגלאנצט,
ניט אנדערש ווי גאט האט די רויז דארט
פארפלאנצט...

און האט ווען די רויז איהרע בלעטלאך
פארמאכט,
געווארען איז פינסטער, געווארען
איז נאכט;
און האט איהרע בלעטלאך די רויז
אויפגעמאכט,
דאן האט זיך דער הימעל אין שטראהלען
צולאכט...
אין שטראהלען צולאכט און אין גינגאלד
צוגליהט,
און אלץ אויף דער וועלט איז געווארען
צובליהט...

עס זיינען פיעל זומערס און ווינטערס
אוועק,

די צייט האט פארשלונגען פיעל יאהרען
און טעג;
געקומען א פריהלינג — די רויז ווייס
און צארט,
פארוועלקט האט אין גערטעל, פארוועלקט און
פארדארט...
די רויז וואס די זון האט מיט פייער
געליעבט,
געשטאנען: אין גערטעל איז בלאס און
באטריבט...

מען האט אויף דער רויז שוין געלאזען
א טרער,
און זי האט געוועלקט און געוויאנעט
אלץ מעהר...

אויף איין מאל עס האט איהר א דיכטער
דערזעהן.
אן ארימער דיכטער, אי ליעבליך
אי שעהן;
ער האט צו דער רויז באלד באקומען
א לוסט,
און האט זי מיט ליעבשאפט געדריקט צו
זיין ברוסט.
די רויז האט די ליעבע פון דיכטער
דערפיהלט
און באלד זיך אין פרעכטיגע פארבען
צושפיעלט...
און איצט איז זי שעהנער די רויז ווי
אמאל,
אין טיעפע, אין ווייטען פארהוארפענעם
טאל...

[illegible]ער ווי אין שעפער וואו עס זיינען פאראן מעהר ווי איין שאפ קאמיטע צוליעב דער פארטיילונג פון דער ארבייט, דארפ זאלען די פרייז קאמיטעס באשטעהן פון ניט ווייניגער ווי דריי און ניט מעהר ווי 7 מעמבערס. די מעמבערס פון די פרייז קאמיטעס זאלען ניט זיין באשרענקט אין זייער טעטיגקייט נאר צו באשטימען פרייזען, נאר מעגען אויך טאן אנדערע יוניאן ארבייט.

בלויז ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין א פעקטארי צוויי מאנאטען, זאלען מעגען זיין מעמבערס פון דער פרייז קאמיטע, אויסער אין נייע שעפער אדער וואו די צאהל ארבייטער וואס ארבייטען איבער 2 מאנאטען זיינען ווייניגער ווי 25 פראצענט פון אלע ארבייטער.

20. רעארגאניזיישאן פון פעקטארים.

מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן מעגען רעארגאניזירען זייערע שעפער, אויב זיי מוזען פארקלענערן זייערע ביזנעס אדער ענדערן דעם באראקטער פון די ביזנעס. קיין מעמבער פון דער פרייז קאמיטע מאר ניט ענט־זאגט ווערען אין פאל פון אזא רעארגאניזיישאן.

21. לאקאוטס און שאפ סטרייקס.

קיין לאקאוטס אדער שאפ סטרייקס טארען ניט זיין וועהרענד א סכסוך ווערט פאר־האנדעלט. אויב די ארבייט ווערט געסטאפט, דאן דארף די אסאסיאיישאן מעלדען דערפון די יוניאן. די יוניאן שטימט איין צוריק־צושיקען די סטרייקענדע ארבייטער צו דער ארבייט אין פארלויף פון 24 שטונדען, און אויב דער דיעזע צייט געהט אויס, זאל עס ניט באטראכט ווערען אלס א סטרייק. אזוינע פראגען זאלען אויפגענומען ווערען צוערשט.

22. די פארטיילונג פון ארבייט.

אין „סלעק טיים" זאל די ארבייט פאר־טיילט ווערען אזוי גלייך ווי מעגליך צווישען די ארבייטער, אויסער אין פאל פון פארלוי־טע, קאטערס, העד־קאטערס, פעטערן מייקערס און קאטערס פון די פיער גרעידס, זאל דער ארבייטס געבער האבען די ברירה צו באשטי־מען ווי צו פארטיילען די ארבייט צווישען זיי.

23. וועגען קומען אין שאפ.

די ארבייט זאל איינגעטיילט ווערען אזוי, אז מען זאל ניט דארפען צופיעל קומען אין שאפ. די ארבייט זאל זיין פאר א האלבען טאג, סיידען אין פאל ווען דאס קען ניט ארא[נ]זשירט ווערען.

24. איינצעלנע אגרימענטס.

עס זאלען ניט געמאכט ווערען קיינע אג־רימענטס צווישען איינצעלנע מאנופעקטשו־רערס און ארבייטער.

25. וועגען רעדזשיסטרירען די צייט.

אויב עס איז איינגעפיהרט א סיסטעם פון רעדזשיסטרירען די צייט, זאל יעדער ארבוי־טער זיין פארפליכטעט צו רעדזשיסטרירען די צייט ווען ער קומט און ווען ער געהט אוועק צו און פון דער ארבייט.

26. ליגעל האלידייס.

פאלגענדע ליגעל האלידעיס זאלען געהאל־טען ווערען: וואשינגטאנ'ס געבורטס־טאג, דעקאריישאן דעי, פאורטה און דזשולי, לייבאר־דעי, טהענקסגיווינג־דעי און קריסטמעס.

אלע וואך ארבייטער זאלען קריגען זייערע פולע וויידזשעס פאר אזוינע יום־טובים. ניט צו ארבייטען דעם ערשטען מאי און קאלאמבוס דעי (פון איטאליענער) זאל ניט באטראכט ווערען אלס פארלעצונג פון קאנט־ראקט.

27. ענדערען פון ארבייטס־סיסטעם.

דער מאנופעקטשורער מעג צו יעדער צייט איינפיהרען נייע סארט מאשינען צו שפארען ארבייט. ער מעג אויך פון אנ־פאנג סעזאן באשטימען ווי די ארבייט זאל געטאן ווערען, אין באזונדערע טיילען אדער ניט. די ארבייטער מעגען אבער און פאר־לויף פון צוויי וואכען צייט קאמפליינען וועגען דיעזע ענדערונגען אויב זיי געפינען אז די „סטענדארדס" ווערען אין דער פעק־טארי רעדוצירט, אדער אז די ענדערונגען שעדיגען דעם געזונט פון די ארבייטער.

28. אויטסייד שעפער.

די מאנופעקטשורערס זיינען פאראנט־ווארטליך פאר די אויטסייד שעפער פון גרוי־סער ניו יארק. אן אויטסייד שאפ הייסט אזעלכער מיט וועלכען דער מאנופעקטשורער איז דירעקט אדער אינדירעקט פארבונדען.

29. קאנטראקטארס.

יעדער מאנופעקטשורער זאל איבערגע־בען דער אסאסיאיישאן און די אסאסיאי־שאן דער יוניאן די נעמען און אדרעסען פון די שעפער און פעקטארים אין גרייטער ניו יארק, אין וועלכע ער איז פאראינטע־רעסירט אדער אין וועלכע מען טוט פאר איהם ארבייט.

אין „סלעק טיים" זאל ער ווי ווייט מעג־ליך פארטיילען די ארבייט צווישען די אר־בייטער פון זיין שאפ און דא אויטסייד שע־פער, וועלכע זיינען אונטער יוניאן קאנט־ראקטארס. דער פארצוג זאל אימער געגע־בען ווערען צו יוניאן קאנטראקטארס.

30. סאב־קאנטראקטארס.

קיין סאב־קאנטראקטינג זאל ניט זיין ער־לויבט אין שעפער פון מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן. אלע ארבייטער זאלען גע־צאהלט ווערען דירעקט פון דער פירמע.

31. באציהונגען צו פירמעס ביי וועמען מען סטרייקט.

קיין מעמבער פון דער אסאסיאיישאן זאל ניט טאן קיין ארבייט פאר אן אנדער ארבייטסגעבער, ביי וועמען עס געהט אן א סטרייק.

32. הויז ארבייט.

קיין ארבייט זאל ניט ארויסגעגעבען ווע־רען צום ארבייטער אין הויז.

33. אפטיילונג פאר אפרענטיסעס.

אפרענטיסעס אין אלע ברענטשעס, אוי־סער קאטערס, זאלען הייסען אזוינע וואס לערנען זיך די ארבייט אין פארלויף פון ערשטען יאהר, אבער דאס זאל ניט גילטען צו פארערגערן די ארבייטס קאנדיציאנען.

34. ארונטערנעהמען פאר דעמע־דזשעס פון מאטעריאלען.

קיין דעמעדזשעס פאר מאטעריאלען זאל ארונטערגענומען ווערען פון די וויידזשעס סיידען די דעמעדזשעס זיינען געמאכט גע־ווארען אביכטליך.

35. דזשאינט באארד וועגען סאני־טארישען קאנטראל.

די דזשאינט באארד פאר'ן סאניטארישען קאנטראל פון דער דרעס און וועיסט אינ־דוסטרי זאל אנגעהאלטען ווערען פאר דער צייט וואס דיעזער אגרימענט איז אין קראפט.

36. נייע מעמבערס.

די אסאסיאיישאן מעג אריינגעהמען אלס מעמבערס איינדעפענדענט באסעס, אבער ניט אין צייט ווען ביי זיי געהט אן א סטרייק. נאמען צו דער יוניאן דארף וועגען דעם גע־געבען ווערען אין צייט ווען א סכסוך געהט אן, און די אסאסיאיישאן איז פאראנטווארט־ליך פאר די אינדעפענדענט באסעס אז זיי וועלען נאכקומען די פונקטען פון דעם אג־רימענט.

37. די צוזאמענשטעלונג פון דעם אגרימענט.

ביידע צדדים זיינען פארפליכטעט אויס־צופאלגען דעם אגרימענט ווי ער איז געשרי־בען אהנע נייע אויסטייטשונגען.

38. דער טערמין פון אגרימענט.

דער אגרימענט איז בינדענד פאר ביידע צדדים און וועט זיין אין קראפט פון דעם 8טען אפריל 1919 ביז דעם 31טען דעצעמ־בער 1920.

2 מאנאטען איידער דער טערמין פון אגרימענט ענדיגט זיך, זאל געהאלטען ווע־רען א קאנפערענץ צווישען ביידע צדדים צו פארהאנדלען וועגען א נייעם אגרימענט.

דער אגרימענט איז אונטערגעשריבען גע־ווארען פון די פאלגענדע פערזאנען:

הערי א. גארדאן,
מארים וויים,

פרעזידענט פון דער דרעס און וועיסט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן.

בענדזשאמין שלעזינגער.

פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל לעידים גארמענט ווארקערס יוניאן.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטרים, דאס די באריכטען, וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפעטער ווי דינ־סטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך צו קארעספאנדענטען, בריעף־שרייבער און אזוי ווייטער.

א פאר ווערטער צום יובילעאום פון די טשילדרענ'ס שוה ווארקערס יוניאן

פון ס. זיידעל.

נעקסטען מאנאט ווערט 4 יאהר, זינט די בראוגע טשילדרענס שוה ווארקערס יו־ניאן האט זיך געגרינדעט.

עס האבען שוין עקזיסטירט איינינע יוניאנס, וועלכע האבען זיך לאנג ניט גע־האלטען.

די ערשטע יוניאן, וועלכע די עלטערע ארבייטער געדיינקען, איז געווען מיט א יאהר 15 צוריק; ווי די ארבייטער האַ־בען זיך ארגאניזירט אויפ'ן פארלאנג פון איינינע באסעס, און וואו איינער פון די בעלי בתים איז טאקע געווען אליין סעק־רעטער פון יענער זאנדערבארער יוניאן, שטאמען די יעצטיגע גרויסע באסעס פון טרייד, ווי דר. פאזנער, ליבערמאן, לע־ווים און דר. דזשייקאבס.

שפעטער האבען ווידער א פאר אר־בייטער געגרינדעט א מין יוניאן, וואו די מעמבערס פלעגען אויך דאווענען שבת, און די הויפט אישו איז געווען א בית עולם, און וואס די מעהרסטע ארבייטער האבען זיך זעהר שטארק געגויטיגט.

דאס איז די כראנאלאגיע, וואס ציהט זיך ביז דער יעצטיגער „טשילדרענס שוה ווארקערס יוניאן."

עס מוז אבער געזאגט ווערען, דאס זא־גאר דיעזע פרימיטיווע פארזוכען צו אר־גאניזירען די קינדער שיך ארבייטער, איז אימער געווען דער אוואנגארד פון דער גאנצער שיך טרייד, וועלכע איז אומגליק־ליכערווייזע צוריקשטעהענד אין באצוג צו ארגאניזירען זיך.

די יעצטיגע טשילדרענס שוה וואר־קערס יוניאן, וועלכע באלאנגט צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, און רעכענט זיך פאר איינע פון די שטארקסטע ראדיקאלע יוניאנס, צווישען די קלענערע אידישע יוניאנס, איז גע־בארען געווארען אונטער די טרויעריגסטע אומשטענדען.

דער עלטערער עלעמענט פון טרייד, וועלכע האבען, ווי אין דער היים, גענייט מיט דער הראטווע די קליינע שיכלעך, האבען פארלארען יעדע האפנונג אויף א יוניאן, צוליעב זייערע פיעלע דורכפא־לען.

די „נעריוועטע" שוסטער, אדער ווי זיי רופען זיך דא, „מעקיי" — האבען מיט בלוטיגע הערצער צוגעקוקט צו די אומגליקליכע צושטענדען פון זייער טרייד וועלכער האט זיך אין מיסט געוואלגערט, ביי איינינע קליינע בעלי בתים, די מעהר־סטע געוועזענע פיהרער פון די פריעהער־דיגע יוניאנס, און זייענדיג אליין רעוואָ־לוציאנערען, מעהרסטענס פון ווארשוי, וואו זיי האבען געפיהרט וואונדערבא־רע סטרייקס — פאליטישע ווי עקאנאמי־שע, האבען זיי זיך ניט געקענט איינלע־בען אין דיעזע שקלאפישע אומשטענ־דען. די אלטע ארבייטער האבען מיט שרעק געקוקט אויף זייערע יונגע ברי־דער, וועלכע, האבען פון וועהטאג ניט גע־קענט ארבייטען, און זיי פלעגען די אר־מע גרינע שוסטער ארבייטער, וועלכע פלעגען פארדיענען 6 ביז 8 דאלאר א וואך, זיך פארגינען צו סטאפען האלבע טעג, און מאנכעס מאל גאנצע וואכען.

עס האט זיך ניט געלוינט צו ארביי־טען דאמאלס, — דערמאנען יעצט די אר־בייטער.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפ־טען האבען אהן חשק פרובירט ארגאניזי־רען דיעזע ארימע, אפגעריסענע, האלב הונגעריגע ארבייטער. א פארשטעהער פון דער „בוטה און שוה ווארקערס יו־ניאן" האט זיך די הענט אפגעוואשען, ווען ער האט געהערט ווי די ארבייטער פלאנעווען א יוניאן מיט 10 סענט דיוס א וואך. די בעלי בתים ווידער זיינען ווי ווילד ארומגעלאפען. פיעלע האבען דעם טרייד פארלאזען, אויסרעכענענדיג, דאס אהן 72 שטונדען א וואך ארבייט און מעהר ווי 8 דאל. שכירות וועט דער טרייד זיך ניט באצאהלען.

דער ערשטער סטרייק האט דערמאנט אן א הונגער סטרייק, וואו די סטרייקער ווילען מיט זייער עלענד, מיט זייער עקשנות ערהייכען זייער ציעל. גאנצע וואַ־כען האבען דיזע פארביסענע ארבייטער נעהונגערט. דער פייער האט זיך נאכ־הער צופלאקערט ביי יונג און אלט, אלע האבען פאראייניגט נעהונגערט — אין דער שטיל האבען א פאר פון די „קאפי־טאליסטען" געהאלפען מיטהונגערען.

די ארבייטער האבען אבער אויסגע־פיהרט. און ווירקליך, מיט זייער בלוט, זייערע כוחות האבען זיי דעם טרייד [illegible] בערגעקעהרט, די שטונרען, געקירצטע מעהרער געלד געקראגען, און איבער הויפט די באהאנדלונגען, די קאנדישאנס רעוואלוציאניזירט. זיי האבען די יעצ־טיגע פעסטע יוניאן אוועקגעשטעלט.

שווער איז עס צוגעגאנגען אין אנ־פאנג. איבערהויפט האבען זיך איינינע בעלי בתים ניט געקענט אפגעוועהנען פון פאטשען ארבייטער, אדער אז א מייסטער זאל פארלאנגען א פאר דאלאר מער איהר שווערער וואך ארבייט! און צעהנדליגער סטרייקס האבען ווי פולווער דעם באדען נעריסען. יעדען טאג פלעגען די ארביי־טער ווארפען די ארבייט פאר קליינע אומ־גערעכטיגקייטען אין די שעפער, אדער ווען די בעלי בתים פלעגען פארגעסען דאס זיי זיינען יוניאן באסעס.

פון אלע סטרייקס, וועלכע די יוניאן האט דורכגעמאכט זינט איהר עקזיס־טענץ, איז דער סטרייק ביי דר. פאזנער געווען דער שווערסטער, ביטערסטער און לייננסטער. 23 וואכען לאנג האבען די בראווע קינדער שיך ארבייטער געקעמפט בלוטיג פאר דעם לעבען פון זייער יוניאן. די איבעריגע בעלי בתים, רעכענענדיג דאס די יוניאן איז שוין געבראכען, האבען די ארבייטער ארויסגעווארפען פון די שע־פער. די טשילדרענס שוה ווארקערס יו־ניאן איז אבער ארויס פון דיעזען שווע־רען קאמף פיעל שטארקער, זיכערער און גרעסער. און אבוואהל זי האט ניט פאל־קאם געוואונען דעם סטרייק ביי דעם דאק־טאר, ווען עס איז געלונגען דורך אן אינדזשאנקשאן צו פארווערען דער יוניאן צו סטרייקען, זיינען אבער די מעהרסטע פון זיינע ארבייטער פארבליבען מיט דער יוניאן, וועלכע האט זיי צושפרייט איבער איהרע געוואונענע שעפער אין דעם טרייד.

דא ניט לאנג צוריק זיינען די אר־בייטער ווידער געשטאנען אין סטרייק. אבער דאס איז שוין געווען בלויז א שוואַ־כער פארזוך פון די בעלי בתים זיך צו וועהרען געגען די שטארקע פאדערונגען פון זייערע ארבייטער. און סטרייקענדיג בלויז צוויי וואכען זיינען די ארבייטער צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט, געוויננע־דיג אלע פאדערונגען וואס זיי האבען פארלאנגט.

יעצט פייערט די פעסט ארגאניזירטע יוניאן איהר פיער יאהריגען יובילעאום וואס פאלט אויס צוזאמען מיט דעם אל־געמיינעם ארבייטער יום טוב — דעם ערשטען מאי.

און די מעמבערס קלייבען זיך צו פיי־ערען זייער יובילעאום מיט א גרויסאר־טיגען קאנצערט און באל, ווי אויך א באנקעט וואס ווערט ספעציעל געמאכט צוליעב די ניי־געוואונענע שעפער.

פרעזענטירט פאר יוניאן טעטיגקייט.

די ארבייטער פון דער פאסייק קלאוק קאמפאניע, 224 מעדיסאן סטריט, פאַ־סייק, נ. דזש., האבען ביי א שאפ מיטינג פרעזענטירט דעם שאפ טשערמאן, ברו־דער מאקס קראנלאנד, מיט א דייאמאנד לאקעט, פאר זיין גוטע ארבייט וועלכע ער האט געלייסטעט אונענטגעלטליך אין דעם שאפ פאר די לעצטע צוויי סיזאנס.

ברודער קראנלאנד האט פיעל מיה און ארבייט פארווענדעט צו האלטען אין שאפ יוניאן קאנדישאנס און די ארבייטער האַ־בען דורך דעם פרעזענט איהם ארויס־געצייגט זייער דאנקבארקייט.

מיר ווילען האפען דאס אונזער ברו־דער קראנלאנד וועט ווייטער אנהאלטען זיין עקטיוויטעט און די איבריגע ארביי־טער וועלען געווים מיטהעלפען, ווי ביז יעצט.

דייוו גאלדשטיין, הערי באר[illegible]
סעם קאנטאר, סעם פ[illegible]

סעטעלמענט אגרימענט צווישען די דרעסס און וויסט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן פון ניו יארק און די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן און איהרע לאקאל יוניאנס 25, 10 און 58

דער אגרימענט, וואס האט געענדיגט דעם דזשענעראל סטרייק אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע פון גרייטער ניו יארק איז אונטערגעשריע־בען געווארען פון פארטרעטער פון ביידע צדדים דעם 8טען אפריל, 1919 און דארף זיין אין קראפט ביז דעם 31טען דעצעמבער, 1920.

1. די פליכטען פון דער אסאסי־איישאן.

די אסאסיאיישאן פארפליכטעט זיך, אז יעדער מעמבער פון דער אסאסיאיישאן זאל נאכקומען די פונקטען פון דיזען אגרימענט.

2. פרעפערענשעל יוניאן שאפ.

יעדער מיטגליעד פון דער אסאסיאיישאן זאל האבען א „פרעפערענשעל יוניאן שאפ". א „פרעפערענשעל יוניאן שאפ" איז אזעל־כער אין וועלכען די סטאנדארדס פון זיכער־היט, ריינליכקייט, ארבייטס קאנדיציאנען, ארבייטס שטונדען און די וויידזשעס, ווי זיי זיינען דא באשריבען, ווערען אנגעהאלטען, און אין וועלכען גוטשטעהענדע מעמבערס פון דער יוניאן זאלען האבען דעם פארצוג אנגעשטעלט צו ווערען, באשעפטיגט צו ווע־רען און אנגעהאלטען צו ווערען, און אין פארטיילונג פון דער ארבייט.

עס ווערט פארשטאנען און באשלאסען אז די פונקטען בנוגע דעם פארצוג פון יוניאן ארבייטער זאלען זיך ניט באציהען צו די על־טערען און קינדער פון די מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן, און אז די מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן מעגען באשעפטיגען זייערע על־טערען און קינדער ניט אכטענדיג וואס עס זיינען זייערע באציהונגען צו דער יוניאן.

3. אגרימענטס מיט פירמעס וואס געהערען ניט צו דער אסאסיאיישאן.

די יוניאן שטימט איין צו אלע אגרי־מענטס צווישען דער יוניאן און מאנופעקטשו־רערס וועלכע זיינען ניט קיין מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן זאלען ענטהאלטען בא־דינגונגען און קאנדיציאנען, אם וועניגסטענס אזוינע וואס זיינען גלייך צו די דאזיגע וואס זיינען באשריבען אין דיזען אגרימענט.

די יוניאן שטימט איין אז צו יעדער צייט און אויף דעם שריפטליכען פארלאנג פון דער אסאסיאיישאן זאל די אסאסיאיישאן ערלויבט ווערען דורכצוקוקען די אינדיווידועלע אגרי־מענטס צווישען דער יוניאן און מאנופעק־טשורערס פון דרעסעס אדער וויסטס וועלכע זיינען ניט קיין מעמבערס פון דער אסאסיאיי־שאן.

4. די ארבייטס־שטונדען.

די ארבייטס־וואך זאל באשטעהן פון 44 שטונדען. ענטוועדער אין 6 ארבייטס טעג פון ניט מעהר ווי 8 שטונדען יעדער, אויסער דער זעקסטער טאג, וועלכער זאל זיין פון ניט מעהר ווי 4 שטונדען, אדער אין 5 טעג פון ניט מעהר ווי 9 שטונדען.

די ארבייטס שטונדען זאלען ארראנזשירט ווערען מיט דער צושטימונג פון ביידע צדדים צווישען די ארבייטסגעבער און זייערע ארבײ־טער. די ארבייט זאל זיך ניט אנפאנגען פאר 8 אוהר אין דער פריה און קיין ארבייט זאל ניט געטאן ווערען שפעטער ווי 12 אוהר דעם 6טען טאג, אויסער ווי אין פעלע, ווי זיי ווערען דא שפעטער ערקלערט. ארבייטער, וואס האלטען שבת, מעגען ארבייטען זונטאגס אנשטאט שבת.

5. די צייטען פאר „אווערטיים".

אווערטיים זאל באשרענקט ווערען צו 6 שטונדען א וואך און צו א שטונדע און א האלב א טאג אויסער שבת און זונטאג, ווי דאס ווערט שפעטער באשריבען.

קיין אווערטיים זאל ניט זיין ערלויבט שבת נאך 12 אוהר ביי טאג אדער זונטאג, אוי־סער ווי די וואס דארפען פארענדיגען א גאר־מענט, אזוינע ווי דרייפערס, פינישערס, עק־זאמינערס, פרעסערס, באטען אנהענגערס און קלינערס, זאלען מעגען ארבייטען צו ניט מעהר ווי 2 שטונדען אווערטיים שבת און זונטאג נאכמיטאג, אין פאל דיזע ארבייטער האבען שוין ניט געארבייט איבער 4 שטונדען אווער־טיים אין פארלויף פון די אנדערע 5 טעג פון דער וואך.

קאטערס מעגען ארבייטען אווערטיים ניט מעהר ווי צוויי און א האלב שטונדע יעדע פון די פינף טעג.

6. געצאהל פאר אווערטיים.

אלע זאלען קריגען דאפעלטען געצאהלט פאר אווערטיים. אלע שטיק ארבייטער זאלען קריגען אן עקסטרא לוין פאר אווערטיים אויף דעם באזיס פון די פרייזען וועלכע זיינען באשטימט פאר דורכשניטליכע ארבייטער.

7. העכערונג אויף שטיק ארבייט.

שטיק ארבייטער זאלען קריגען א העכע־רונג פון צעהן פראצענט אויף זייערע יעצטי־גע פרייזען.

8. העכערונג פאר וואך ארבייטער.

אלע וואך ארבייטער, אויסער קלינערס, דרייפערס, דרעס פרעסערס און קאטערס זאלען קריגען א העכערונג פון א דאלאר און א האלב א וואך.

אלע קלינערס זאלען קריגען א העכערונג פון א דאלאר א וואך.

אלע דרייפערס, דרעס פרעסערס און קא־טערס, אויסער „פולל פלעדזשד" זאלען קריגען אהעכערונג פון 2 דאלאר א וואך.

די פול פלעדזשד קאטערס זאלען קריגען א העכערונג פון 3 דאלאר א וואך.

אלע אפערייטארס, ספעשעל מאשין ארבײ־טער און אלע אנדערע ארבייטער וואס ארבײ־טען פון וואך און פאר וועמען קיין מינימום איז ניט באשטימט אין דיזען אגרימענט, זאלען פארטזעצען אלס וואך ארבייטער ביז דעם 31טען דעצעמבער, 1919. די ארבייטס־געבער פון אזוינע ארבייטער. זאלען האבען די ברירה דעם 1טען יאנואר, 1920, ענטווע־דער זיי אנצושטעלען אלס שטיק ארבייטער אדער זיי צו האלטען ווייטער אלס וואך אר־בייטער פאר אן אנדער יאהר, פון יאנואר 1, 1920 ביז דעצעמבער 31, 1920, געבענדיג זיי א נייע העכערונג פון א דאלאר און א האלב א וואך דעם ערשטען יאנואר, 1920.

9. וויידזשעס פאר וואך ארבייטער.

די פאלגענדע זאלען זיין די מינימום פריי־זען פאר וואך ארבייטער, איינשליסענדיג די העכערונג ווי דאס איז באשריבען אין פא־ראגראף 8 :—

קאטערס: א „פול פלעדזשד" קאטער איז אזעלכער וואס איז אין טרייד ניט ווייניגער ווי דריי יאהר, און אזוינער וואס האט ענט־וועדער אויסגעהאלטען דעם עקזאמינײשאן אדער איז אנערקענט געווארען פון דער אסא־סיאיישאן און די יוניאן אלס אזעלכער.

אזוינע וואס זיינען פול פלעדזשד קאטערס איבער א יאהר זאלען קריגען א מינימום פון $38.00 א וואך.

אזוינע וואס זיינען פול פלעדזשד קאטערס ווייניגער ווי א יאהר זאלען קריגען א מיני־מום פון 35 דאלאר א וואך.

אויב די לעצטע דארפען טאן „פעטערן גריידינג", דאן זאלען זיי זאפארט קריגען א מינימום פון 38 דאלאר א וואך.

קאטערס אפרענטיסעס זאלען צוטיילט ווע־רען אין פיער גרעידס:

גרעיד „אײ" זאלען קריגען $12.00 א וואך.

גרעיד „בי" — $18.50 א וואך.
גרעיד „סי" — $27.00 א וואך.
גרעיד „די" — $30.00 א וואך.

עס זאל אויסגעהאלטען ווערען אן עקזא־מינײשאן באארד מיט גלייכע פארטרעטער־שאפט פון ביידע צדדים וואס זאל האבען די מאכט צו מאכען קאטערס אפרענטיסעס פאר פול פלעדזשד קאטערס באלד ווי זיי זיינען געווען אפרענטיסעס ניט ווייניגער ווי דריי יאהר און האבען געהאט א ריכטיגען עקזא־מינײשאן.

אפרענטיסעס מעגען באשעפטיגט ווערען אין פראפארציע פון איינעם צו פינף פול־פלעדזשד קאטערס, סיידען אן אנדער סיסטעם עקזיסטירט שוין. ענדערונגען קענען נאר געמאכט ווערען מיט דער צושטימונג פון דער משיף קלוירקס פון דער גריווענס באארד אדער דעם „אימפארשעל" טשערמאן. אויב נייע אפרענטיסעס ווערען אנגעשטעלט, זאל מען קריגען ניט קיין קלענערע וויידזשעס פון די פריהערדיגען.

10. אנדערע וואך ארבייטער.

דרייפערס — $23.00.
דזשאבינערס — $19.00.
סאמפעל מייקערס — $22.50.
עקזאמינערס — $17.50.
פינישערס — $15.50.
אייראנערס, פרויען — $20.50.
אייראנערס, מענער — $24.50.
פרעסערס — $33.00.
קלינערס: מיידלעך דעם ערשטען יאהר — $11.50 ; דעם צווייטען יאהר — $18.00.

11. וויידזשעס פאר שטיק ארבייטער

די פרייזען פאר שטיק ארבייטער זאלען זיין ווי פאלגט:

אפערייטארס, טאקערס, העמסטיטשערס, לייס־ראנערס, קלאוזערס, העמערס, סליוו־סעטערס, באטענהאלמייקערס, באטאן אנגעהערס, פרעסערס און איירא[נ]ערס זאלען געצאהלט ווע־רען פון שטיק.

אפערייטארס זאלען קריגען געצאהלט אויפ'ן באזיס וואס וועט איינברענגען א דורכשני־ליכען ערפאהרענעם ארבייטער ניט ווייניגער ווי 50 סענט א שטונדע.

פרעסערס זאלען קריגען געצאהלט אויפ'ן באזיס פון ניט ווייניגער ווי 64 סענט א שטונ־דע און די וואס פרעסען וויסטס — ניט ווע־ניגער ווי 50 סענט א שטונדע.

12. פרייזען פאר אנדערע שטיק ארבייטער.

טאקערס, קלאוזערס, סליוו־סעטערס, העמ־ערס און באטענהאל מייקערס זאלען קריגען געצאהלט אויפ'ן באזיס פון 65½ סענט א שטונדע. העמסטיטשערס, לייס־ראנערס און באטאן אנגעהערס, ניט ווייניגער ווי 50 סענט א שטונדע.

13. דאס באשטימען פון שטיק פרייזען.

די פרייזען פאר שטיק ארבייט און די פאר־טיילונג פון דעם גארמענט זאלען באשטימט ווערען צווישען די ארבייטסגעבער און די פרייז קאמיטע.

אלע סכסוכים און קריוודעס וועגען פריי־זען זאלען אויסגעגליכען ווערען ניט שפעטער ווי אין א וואך צייט.

14. פרייז־קאמיטע.

די פרייז קאמיטע זאל ערוועהלט ווערען פון די ארבייטער פון יעדען שאפ ביי די רע־געלע שאפ מיטינגען, אין געגענווארט פון דעם שאפ טשערמאן.

15. די צאהלונג פון וויידזשעס.

וויידזשעס זאלען געצאהלט ווערען ווע־כענטליך אין קעש און זאל איינשליסען אלע פארדיענסטען פון די לעצטע 72 שטונדען.

16. די מאשינערי פאר סעטלען סכסוכים.

ביידע צדדים פון דעם אגרימענט זאלען אפאינטען און זיין פארטראטען דורך א משיף קלוירק, וועלכער קען האנדלען דורך אסיס־טענטס, וועלכע זאלען צוערשט אונטערזוכען אלע „קלעימס" און סכסוכים און זאלען הא־בען די פאלמאכט, אויב מעגליך, אויסצוגלײ־כען אזוינע סכסוכים און קלעימס. אלע בא־שליסע וואס ווערען געמאכט פון אזוינע קלוירקס און זייערע אסיסטענטס, זאלען זיין בינדענד פאר ביידע צדדים. אויב די קלוירקס איינינגען זיך ניט אין א סכסוך צווישען דער אסאסיאיישאן און דער יוניאן אדער צווישען די מאנופעקטשורערס און זייערע ארבייטער, זאלען די סכסוכים פארגעלעגט ווערען פאר דער גריווענס באארד.

אויב די קלוירקס אדער זייערע אסיס־טענטס איינינגען זיך און באשטימען אז איי־נער פון די צדדים וואס איז שולדיג, זאל בא־שטראפט ווערען, דאן זאל עס פארגעלעגט ווע־רען פאר דער גריווענס באארד און דיזע באארד זאל האבען די מאכט צו רעקאמענדי־רען צו דער ארגאניזיישאן, פון וועלכער דער שולדיגער איז א מעמבער, וואס פאר א שטראף עס זאל אויף איהם ארויפגעלעגט ווערען און די שטראף קען באשטעהן אין אויסשליסען איהם אלס מעמבער פון דער ארגאניזיישאן.

ביידע צדדים שטימען איין צו אפאינטען פון צייט צו צייט א גלייכע צאהל פארטרעטער, ניט מעהר ווי צו פיער, וועלכע זאלען פאר־מירען די באארד אויסצוהערען אדער צו בא־שליסען וועגען סכסוכים וואס קומען אלס רע־זולטאט פון דעם וואס די קלוירקס פון די בא־טרעפענדע ארגאניזאציעס איינינגען זיך ניט, אויסער ווי אין פראגען פון דיסטשארדזש. דיזע באארד זאל באשטימען די שטראף פאר די שולדיגע. די באשליסע פון דער באארד זאלען זיין בינדענד.

ביידע צדדים שטימען איין צו אפאינטען „אמפייערס" אדער אונפארטייאישע משער־לייטע אין פאל די גריווענס באארד וועט זיין צוטיילט אין א געוויסער פראגע זאלען די אונפארטייאישע משערלייטע דארפען באשטי־מען ווי צו האנדלען אין דער אנגעלעגענהייט, און די באשליסע פון דיזע אמפייערס זא־לען זיין בינדענד.

17. קאלענדאר אין דער פראצעדור פאר דער גריווענס באארד.

די גריווענס באארד זאל מיטען דיענסטאג און פרייטאג פון יעדער וואך, ווען עס איז נאר נויטיג. אלע קלאגען זאלען געמאכט ווע־רען שריפטליך.

אלע קלאגען, אויסער ווי אין דעם פאל א פראגע פון דיסטשארדזש, זאלען ארויסגע־שטעלט ווערען אויף דעם „קאלענדאר" (פראג־ראם) פון דער באארד.

די קלאגען דארפען אויסגענומען ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך. די באארד דארף אונ־טערזוכען די קלאגען. אויב זיי ווערען אונ־טערזוכט געסעטעלט, דאן ווערען זיי אויטא־מאטיש ארונטערגענומען פון דעם קאלענדער פון דער באארד.

אויב די באארד איינינגט זיך ניט אדער פארפעהלט צו האנדלען וועגען א פראגע, דאן זאל עס פארגעלעגט ווערען פאר אן אונפאר־טייאישען טשערמאן.

18. ווען די באשלוסען ווערען ניט אויסגעפאלגט.

אויב א מעמבער פון דער יוניאן אדער אסאסיאיישאן פאלגט ניט אויס די באשליסע פון די קלוירקס, אסיסטענטס, גריווענס באארד אדער אונפארטייאישע משערלייטע אין פאר־לויף פון 72 שטונדען, זאל דער דאזיגער, אוי־סער די אנדערע שטראפען, זאפארט פארלירען דעם בענעפיט פון דעם אגרימענט ביז וואנען ער מאכט גוט זיין פעהלער. די אסאסיאיי־שאן שטימט איין אז די מאשינערי צו סעט־לען סכסוכים מוז ארבייטען גוט, כדי די יו־ניאן זאל קענען נאכקומען איהרע פליכטען.

19. די פראגען פון דיסטשארדזש.

יעדער מעמבער פון דער אסאסיאיישאן מעג דיסטשארדזשען זיינע ארבייטער אויף פאלגענדע באדינגונגען:

די ערשטע צוויי וואכען, וואס אן ארבײ־טער איז באשעפטיגט, זאל באטראכט ווערען אלס „פראבײשאן" און קיין פראגע פון דיס־טשארדזש זאל אין דיזער צייט ניט אויפגע־נומען ווערען. אויב אן ארבייטער ווערט דיס־טשארדזשד נאך די צוויי וואכען, זאל ער הא־בען דאס רעכט אויפצונעמען די פראגע פאר א „רעוויו". דער „רעוויו" זאל צוערשט גע־מאכט ווערען פון די קלוירקס פון דער אסא־סיאיישאן און די יוניאן אדער זייערע אסיס־טענטס און אויב זיי איינינגען זיך זאל דער „רעוויו" געמאכט ווערען פון איינעם פון די אונפארטייאישע משערלייטע.

צוערשט זאל באשטימט ווערען אויב דער דיסטשארדזש איז געווען בארעכטיגט אדער ניט.

אויב עס ווערט באשטימט אז דער דיס־טשארדזש איז געווען בארעכטיגט, ווערט די פראגע דערמיט ערלעדיגט.

אויב עס ווערט באשטימט אז דער דיס־טשארדזש איז ניט געווען בארעכטיגט, זאל די פראגע ערלעדיגט ווערען ווי דאס איז בא־שריבען אין די פאלגענדע פאראגראפען:

אויב דער ארבייטער איז געווען באשעפ־טיגט ביים באטרעפענדען מאנופעקטשורער ניט ווייניגער ווי פיער מאנאטען זאל דער מאנו־פעקטשורער האבען די ברירה איהם צוריק אנ־צושטעלען אדער באצאהלען דעם ארבייטער א שטראף וואס זאל זיין ניט ווייניגער ווי איין וואך און ניט מעהר ווי 6 וואכען וויידזשעס. אויב ער איז געווען א שטיק ארבייטער, זאל די געצאהלט זיין אויף דעם באזיס פון די געהאלט וואס איז באשטימט פאר אזעלכע ארבייטער.

אויב דער ארבייטער איז געווען באשעפ־טיגט מעהר ווי 4 מאנאטען, דאן זאל דער אונפארטייאישער משערמאן באשטימען אויב דער ארבייטער זאל צוריק אנגעשטעלט ווערען אדער מען זאל איהם באצאהלען א שטראף פון וועלכער די סומע זאל זיין ניט מעהר ווי אין דעם ערשטען פאל.

אויב דער דיסטשארדזש איז געווען פאר דעם ארבייטער'ס טעטיגקייט אין דער יוניאן, זאל ער צוריק אנגעשטעלט ווערען מיט „בעק פעי". דיסקרימינײשאן פאר יוניאן טעטיג־קייט איז אן אומגערעכטער דיסטשארדזש פון אן ארבייטער פון דער „קורענט פרייס קאמ־מיטע", וואס דארף באשטעהן פון ניט ווײני־גער ווי דריי און ניט מעהר ווי 7 ארבייטער אין א פעקטארי, איינשליסענדיג דעם שאפ־משערמאן און אסיסטענט שאפ משערמאן, אוי־

באשטעהט ניט פון בלויז אזעלכע „קריס־טען" און „לײדיס"! איז עס דען א וואונ־דער, דאס די קלאס־באוואוסטע ארבײ־טער האבען ניט קיין צוטרויען צו יענע אינסטיטוציעס וואס באשאפען אזעלכע „קריסטען" און אזעלכע „לײדיס"?

זייער לאַגע, אַלס ביזנעס־לייט, דאַרפֿען זיי נאָר ניט קיין יוניאָן, אַז זיי זיינען איבער דער יוניאָן, אַז זיי זיינען צו איהר מיט גאַרניט, גאַרניט פֿאַרפֿליכטעט.

און דאַן נאָך עפּעס. קיין יוניאָן קען ניט פֿאַרזיכערען איהרע מיטגליעדער מיט שטענדיגער ארבייט דורך דאָס גאַנ־צע יאָהר. דאָס איז דערווייל נאָך ניט אין איהרע כחות. פּאַסירט עס טאַקע, אַז אין דער צייט פֿון קריזיסען ווערען פֿיעלע שוואַכע יוניאָנס אין גאַנצען צו־פֿאַלען, און פֿיעלע שטאַרקע יוניאָנס ווע־רען גאַנץ שוואַך. דערפֿאַר שטרעבט יע־דע יוניאָן, ווי ווייט איהרע כחות גריי־כען, אַז איהרע מיטגליעדער זאָלען האָ־בען אַלץ וועניגער סלעק־צייט. צוליעב דעם זוכט זי ווי ווייט מעגליך צו פֿאַר־קלענערען די ארבייטס־שטונדען און ווענ־דעט אָן נאָך אַנדערע מיטלען, כדי די אַר־בייטער זאָלען קענען האָבען ארבייט דורך דאָס גאַנצע יאָהר. דאָס אָבער קען נאָר אויסגעפֿיהרט ווערען אונטער דער סיס־טעם פֿון וואָך־ארבייט. דאַן אַ שטונדע וועניגער ארבייט מיינט ווירקליך אַ פֿאַר־לענגערונג פֿון דער צייט פֿון ביזי און אַ פֿאַרקלענערונג פֿון דער סלעק־צייט. אונ־טער דער סיסטעם אָבער פֿון שטיק־אַר־בייט האָט די גאַנצע פֿאַרקלענערונג פֿון די ארבייטס־שטונדען קיין ממשות ניט. איז דאָ נאָר ארבייט, נאָגען די ארביי־טער אַליין אָפּ זייער יוניאָן, ד. ה. זיך, און מען ארבייט, וויפֿיעל עס סטאַיען נאָר די כחות. דאָס ברענגט, נאָך עטליכע וואָכען פֿון גרויסער ביזי, אַ מאָנאַטען־לאַנגען סלעק, וועלכער גראָבט אונטער, ווי עס קען גאָר אַנדערש ניט זיין, די סאַ־מע עקזיסטענץ פֿון דער יוניאָן.

עס איז דאָרום קלאָר, אַז די יוניאָן קען נאָר מיט מאַטערניש עקזיסטירען אונטער דעם סיסטעם פֿון שטיק ארבייט. זי האָט ניט קיין פֿעסטען באָדען אונ־טער זיך. איהר פֿונדאַמענט איז פֿון זאַמד. איהר עקזיסטענץ איז אַזוי אונ־זיכער, ווי די פֿאַרדיענסטען פֿון דעם שטיק־אַרבייטער; איהר איינגקייט איז אַזוי שוואַך, ווי די איינגקייט, וואָס קען זיין ביי קליינע ספּעקולאַנטען, יעדער איי־נער פֿון וועלכע האָט אין זינען בלויז זיין אייגענעם פּערזענליכען מאָמענטאַנעם נו־צען, גאַרניט טראַכטענדיג וועגען דעם, וואָס שפּעטער וועט זיין, און דערפֿאַר, ווען עס וואָלט געקענט געמאָלט זיין אַזאַ זאַך, אַז מען זאָל קענען אָפּשאַפֿען דעם סיסטעם פֿון שטיק־אַרבייט, געגען דעם ווילען פֿון די ארבייטער גופא, וואָלט עס די יוניאָן געמוזט טאָן, אום איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל צו באַפֿעסטיגען און פֿאַרזיכע־רען איהר עקזיסטענץ.

דער סיסטעם פֿון שטיק־ארבייט איז די צושטערענדע קראַפֿט פֿון דער יוניאָן. דער דאָזיגער סיסטעם פֿאַרברויכט די גאַנצע ענערגיע פֿון דער יוניאָן אויף קעמ־פֿע, וועלכע סוף כל סוף ברענגען אַ קנאַ־פּע פֿאַרבעסערונג אין דער לאַגע פֿון איה־רע מיטגליעדער. דער דאָזיגער סיסטעם דערלאָזט ניט צו אַן אמת'ער פֿאַראייני־גונג צווישען די מיטגליעדער. דער סיס־טעם מוז פֿאָלשטענדיג אָפּגעשאַפֿט ווערען פֿון דער יוניאָן, אויב זי וויל לעבען, אויב זי וויל ניט אָפּגעשאַפֿט און באַזיעגט ווע־רען פֿון דעם דאָזיגען סיסטעם.

פֿון אַלץ, וואָס מיר האָבען דאָ גע־מאַכט אַזוי קלאָר ווי מעגליך, קען, דאַכט זיך, יעדער פֿאַרשטעהן, אַז עס איז בשום אופֿן ניט אַ קאַפּריז פֿון דער יוניאָן צו וועלען אָפּשאַפֿען אַט דעם סיסטעם, וואָס סטראַשעט איהר לעבען. די יוניאָן, אַלס אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געקומען צו איהר פֿולען באַוואוסטזיין, קען גאַרניט אַנדערש האַנדלען אפֿילו דאַן, ווען עס איז פֿאַר איהר קלאָר, אַז מאַנכע מיטגליעדער איהרע וועלען מוזען ליידען דורך די אָפּ־שאַפֿונג פֿון דעם אַלטען סיסטעם און דורך די איינפֿיהרונג פֿון דעם נייעם. ווען עס האַנדעלט זיך אום די גאַנצקייט און לע־בען פֿון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע, קע־נען ניט גענומען ווערען אין אַנבאַטראַכט די אינטערעסען פֿון אייניגע איינצעלנע.

אָבער וועלען טאַקע זיין איינצעלנע, וואָס וועלען ליידען? דאָס וועלען מיר מוזען איבערלאָזען אויף נעקסטע וואָך.

זיין ארבייט ווערט אנערקענט.

ביים שאַפּ מיטינג פֿון די ארבייטער פֿון ג. און אי. אַלפּערט, איז דער טשער־מאַן, בר. ה. שאַטצבערג, פּרעזענטירט גע־וואָרען מיט אַ גאָלדענעם לאַקעט פֿאַר זיין נוצליכע יוניאָן ארבייט פֿאַר דעם שאַפּ.

טעאָריע און פּראַקטיס

(וועגען ווילסאָנ'ס 14 פּונקטען.)

פֿון הלל ראָגאָף.

True translation filed with the Postmaster at New York City on April 18, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

יעדען טאָג לעזען מיר אין די צייטונגען באַריכטען וועגען די פֿריעדענס־פֿאַרהאַנדלונגען אין פּאַריז. גאַנצע פּיי־דזשעס מיט קאָרעספּאָנדענציעס און מיט דיסקוסיאָנען איבער די פֿאַרשיעדענע פֿריעדענס־פּונקטען ווערען אין דער טעג־ליכער פּרעסע אָפּגעגעבען. יעדער פּונקט, וועלכער שטעהט אויף דעם פּראָגראַם אָדער וועלכער דאַרף ערשט אויף דעם פּראָגראַם אַרויפֿגעשטעלט ווערען, ווערט באַשפּראָכען און דעבאַטירט פֿון יעדען מעגליכען שטאַנדפּונקט, פֿאַנאַנדערגעגלי־דערט און מיט דער גענויסטער פֿאָרזיכ־טיגקייט. דער קאָפּ הויבט אָזש אָן צו שווינדלען לעזענדיג אַלעס.

אין דיעזען מבול פֿון נייעס, השערות, פּרושים און מיינונגען וואָס פֿלייצט אַראָפּ צו אונז פֿון פּאַריז, פֿאַרגעסען מיר, אַז מיט נאָר אַ קורצער צייט צוריק, מיט אַ פֿינף מאָנאַטען בעפֿאָר זיינען אונזערע אויגען און אויערען פֿול געווען מיט גאַנץ אַנדערע פֿריעדענס פּראָגראַמען ווי די וואָס ווערען איצטער דיסקוטירט און פֿאָר־מולירט. מיר פֿאַרגעסען די שעהנע פֿראַ־זען, די אַנציהענדע פּרינציפּען, וועלכע האָבען ערשט מיט עטליכע וואָכען צוריק פֿיעלע פֿון אונז אָזש פֿאַר'שכור'ט מיט באַגייסטערונג און ענטוזיאַזמוס. איך זאָג, מיר פֿאַרגעסען זיי, ווייל קיינער אין די צייטונגען דערמאָנט זיי זאָגאַר ניט.

געדענקט איהר פֿאַרוואָס מיר זיינען אין דער מלחמה אַריין? געדענקט איהר די מאָטאָ, וועלכע פּרעזידענט ווילסאָן האָט אויפֿגעשריבען אויף דער אַמעריקאַ־נער פֿלאַג, מיט וועלכע ער האָט אונזערע אַרמעען קיין פֿראַנקרייך געשיקט?

„צו מאַכען די וועלט זיכער פֿאַר דע־מאָקראַטיע".

וואָס האָט דיעזע שעהנע, אידעאַליס־טישע פֿראַזע באַדייטעט? ווי אַזוי האָט איהר און דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פֿאָלק איהר פֿאַרשטאַנען?

די ערקלעהרונג האָט ווילסאָן אַליין ביי פֿיעלע געלעגענהייטען געגעבען. אָט איז זי בקיצור. אין דייטשלאַנד הערשט אַ באַנדע פֿון מיליטאַריסטען, פֿון יונ־קערס, און דיעזע באַנדע האָט זיך גע־שטעלט די אויפֿגאַבע צו פֿאַרשקלאַפֿען אונטער איהר קנאַפּעל די גאַנצע וועלט. דאָס דייטשע פֿאָלק איז פֿון דער קליקע טיילווייז פֿאַרפֿיהרט געוואָרען און טייל־ווייז פֿאַרשקלאַפֿט געוואָרען. אויב זי וועט אין דער מלחמה אַרויס די זיעגערין, וועלען אַלע פֿרייע דעמאָקראַטישע לענ־דער פֿאַלען אונטער איהר יאָך און דעמאָ־קראַטיע, פֿאָלקס הערשאַפֿט, וועט פֿון דער וועלט פֿאַרשווינדען.

און שטעהענדיג אויף דיעזען גרונד־פּרינציפּ האָט ווילסאָן דאַמאָלסט אַפּע־לירט אָבער און ווידער צום דייטשען פֿאָלק און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: מיר פֿיהרען ניט קיין מלחמה געגען אייך, נאָר פֿאַר אייך. מיר קומען מיט אונזערע אַרמעען ניט איינצונעהמען אייער לאַנד, ניט צו אונטערטעניגען אייך, נאָר צו באַ־פֿרייען אייך פֿון דיעזער מיליטאַריסטי־שער קללה, וועלכע ליגט אויף אייער גוף און נשמה. און ווילסאָן האָט אַפּע־לירט צו די בעסערע און דענקענדערע עלעמענטען אין דייטשלאַנד זיי זאָלען העלפֿען פֿון זיך די קללה אַראָפּוואַרפֿען און האָט זיי פֿאַרזיכערט, אַז דאַן וועט זיי קיין בייז ניט געשעהן.

נו, איז געשעהן אַלעס וואָס ווילסאָן האָט אין זיינע אַפּיעלס געפֿאָדערט און פֿאַרלאַנגט. דאָס דייטשע פֿאָלק האָט די מיליטאַריסטישע יונקערס פֿון זיך אַראָפּ־געוואָרפֿען; דעם קייזער און זיין פֿאַמי־ליע אין גלות פֿאַרטריבען, אָפּגעהאַלטען וואַהלען נאָך דער עכטסטער דעמאָקראַ־טישער פֿאָרמולע און ערוועהלט אַ ראַ־דיקאַלערע, דעמאָקראַטישערע רעגיערונג ווי די וואָס געפֿינען זיך אין די עליים לענדער. די עליים האָבען די וואַהלען געוואַטשט און אַלע האָבען זיי ערקלעהרט די רעזולטאַטען פֿאַר העכסט צופֿריעדענ־שטעלענד. דייטשלאַנד האָט זיך און די גאַנצע וועלט געמאַכט „זיכער פֿאַר דע־מאָקראַטיע".

האָט זי דערמיט איהר אייגענע עק־זיסטענץ זיכער געמאַכט? האַלטען די עליים זייער וואָרט, זייער פֿאַרשפּרעכען צום דייטשען פֿאָלק? באַהאַנדלען די עליים איצטער דעם דייטשען פֿאָלק ווי זיי האָבען פֿאַרשפּראָכען אַז זיי וועלען איהם באַהאַנדלען?

די באַדינגונגען וואָס מען שטעלט אַרויס צו דייטשלאַנד זיינען וואָס מען רופֿט אויף ענגליש „די לימיט". מען פֿאָדערט פֿון איהר אַזוי פֿיעל ווי עס איז נאָר מעגליך צו נעמען. די קאָמיסיע, וואָס שטעלט צו דעם „ביל פֿאַר דעמעדזשעס", רעכענט זיך ניט מיט קיין אַנדער פֿאַקט ווי דיעזען: וויפֿיעל איז מעגליך פֿאַר'ן דייטשען פֿאָלק צו צאָהלען; אויב ער האָט בכח צו צאָהלען 30 ביליאָן, וועט מען פֿאָדערען 30, און אויב ער האָט בכח צו צאָהלען 130, וועט מען ביי איהם פֿאָדערען 130. און מיט דעם וואָרט „בכח" מיינט מען ניט חלילה די באַדינ־גונגען וואָס זיינען נויטיג פֿאַר דייטש־לאַנד ווידער זיך אויף די פֿיס צו שטעל־לען, צוריק איהרע אינדוסטריען אויפֿצו־בויען. מען מיינט עטוואָס גאַנץ אַנדע־רעס. מען מיינט פּשוט דעם יאָך, וועל־כען זי וועט קענען פֿאַרשלעפּען אויף איהרע פּלייצעס, אָהנע צוזאַמענצוברע־כען אין מיטען. דאָ האַנדעלט זיך ניט אויף קיין מאָמענט וועגען דייטשלאַנד'ס וואוילזיין, נאָר וועגען דעם בענעפֿיט פֿון די עליים, פֿון די פֿעלקער, וועלכע דאַר־פֿען די דעמעדזשעס קאָלעקטען.

און דאָס זעלבע איז מיט דער קאָ־מיסיע, וועלכע ארבייט אויס די פּונק־טען וועגען דייטשלאַנד'ס גרענעצען. די קאָמיסיע האָט מעהר אין זינען דעם ווי־לען און די ווינשען פֿון פּוילען און פֿראַנק־רייך ווי די אינטערעסען פֿון דייטשלאַנד.

* * *

געדענקט איהר ווי באַגייסטערט דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק איז געווען, ווען פּרע־זידענט ווילסאָן האָט אינדאָסירט די דריי פֿריעדענס־פּונקטען פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָן? די דריי פּונקטען, וועלכע זיינען אַמאָל געווען אַזוי פּאָפּולער אַז אַ קינד אין וויעג האָט זיי געקענט פֿון שלאָף וואָרט אין וואָרט איבערזאָגען און וועלכע ווערען איצטער ערגעץ און פֿון קיינעם אפֿילו ניט דערמאָנט. דיעזע פּרינציפּען זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אין די פֿאָלגענדע ווערטער: קיין אַנעקסיעס, קיין קאָנטריבוציעס, און זעלבסטבאַ־שטימונג פֿון נאַציאָנען.

קיינע אַנעקסיעס! איטאַליען סטראַ־שעט זיך צוריקצוציהען פֿון פֿריעדענס־טיש, אויב מען וועט איהר ניט געבען פֿיום, אַ שטאָדט וואו אַ קליינע מינאָ־ריטעט זיינען איטאַליענער און אַ גרויסע מאַיאָריטעט סלאַוואַקען. פֿראַנקרייך פֿאָ־דערט דעם גאַנצען דייטשען טייל ביז'ן טייך ריין. ענגלאַנד האָט שוין געוויסע דייטשע קאָלאָניעס אין אַפֿריקא צוגענו־מען און וועט וואַהרשיינליך קריגען נאָך. פּוילען האָט שוין אַזוי גוט ווי באַקומען די דייטשע שטאָדט דאַנציג און פֿאָדערט אַ היבשע פּאַרציע פֿון פּרייסען. דער פֿריעדענס קאָנגרעס האָט די אַלע פֿאָדע־רונגען ניט צוריקגעשליידערט מיט דעם פּרינציפּ „קיינע אַנעקסיעס". דאָס איז איהם אפֿילו ניט איינגעפֿאַלען צו טאָן. ער רעכענט זיך מיט גאַנץ אַנדערע שווע־ריגקייטען. אין וועג פֿון איטאַליען'ס פֿאָדערונג שטעהט יוגאָ־סלאַוויע, צו וועלכער די עליים זיינען פּונקט אַזוי פֿאַרפֿליכטעט ווי צו איטאַליען. אין וועג פֿון פֿראַנקרייך און פּוילען שטעהט די באָלשעוויסטישע געפֿאַהר, וועלכע סטראַ־שעט צו פֿאַרפֿלייצען גאַנץ אייראָפּאַ. דאָרטען וואו די זייטיגע שטערונגען זיינען ניטאָ, מאַכט מען אַנעקסיעס אויף וואָס די וועלט שטעהט.

קיינע קאָנטריבוציעס! וויפֿיעל האָפֿט דיעזער פּונקט האָט, האָבען מיר געזעהן אויבען. גלייך נאָך דער מלחמה האָט לאָיד דזשאָרדזש אין ענגלאַנד ערקלערט, אַז דייטשלאַנד וועט באַצאָהלען פֿאַר אַלעס וואָס די מלחמה האָט אָפּגעקאָסט. ער האָט דיעזען פּרינציפּ געמאַכט דאַן פֿאַר זיין הויפּט אישיו אין קעמפּיין און אויף דעם גרונד פֿון דיעזער אישיו האָט ער זיין קעמפּיין געוואונען. פֿראַנקרייך פֿאָדערט נאָך איצטער, אַז דייטשלאַנד זאָל איהר באַצאָהלען פֿאַר אַלעס, אפֿילו פֿאַר די געפֿאַלענע מענשען. און ווי גע־זאָגט שוין, וועט די קאָנפֿערענץ פֿון דייטשלאַנד נעהמען אַלעס, וויפֿיעל עס וועט נאָר מעגליך זיין.

זעלבסט באַשטימונג פֿון קליינע פֿעל־קער! אין די אַלע סכסוכים וואָס קומען פֿאָר וועגען טעריטאָריע, וועגען גרענ[עצען] ווערט דיעזער הייליגער פּרינציפּ [גאַנץ] ניט דערמאָנט. איטאַליען און יוגאָ־סלאַוויע רייסען זיך וועגען דאַלמאַציע, פֿראַנקרייך פֿאָדערט די לינקע זייט [פֿון] ריין און ענגלאַנד און אַמעריקאַ זיינען געגען דעם; פּוילען וויל דאַנציג און דייטשלאַנד פּראָטעסטירט. די קאָמי־סיעס זיצען און האַלטען אָפּ לאַנגע באַ־ראַטונגען, הערען אויס די טענות פֿון שטאַאַטסלייטע, פֿון עקספּערטען. מען פּלפּול'ט זיך, מען חקר'ט זיך. פֿאַר וואָס פֿאַלט קיינעם ניט איין צו מאַכען די איינ־פֿאַכע, פּשוט'ע רעקאָמענדאַציאָן — זאָ־לען די איינוואוינער פֿון די פּראָווינצען אַליין אָפּשטימען צו וועלכען לאַנד זיי ווילען באַלאַנגען?

* * *

ערינערט איהר זיך אָפּשר מאַנכע פֿון די אַנדערע פֿראַזען, אויך זעהר שעה־נע כאָטש ניט אַזוי פּאָפּולער ווי די דער־מאָנטע? געדענקט איהר וויפֿיעל מאָל ווילסאָן האָט אין זיינע רעדעס פֿאַרדאַמט „געהיימע דיפּלאָמאַטיע"? געדענקט איהר ווי שעהן און קלוג ער האָט באַ־וויזען אַז די אַלטע פֿאָרמע פֿון דיפּלאָ־מאַטישע אונטערהאַנדלונגען, וואו שטאַאַטסלייט פֿאַרשפּאַרען זיך אין אַ הינטער צימער און מאַכען טריטיס אין געהיים, אַז דאָס מוז פֿיהרען צו מלחמה? און ווילסאָן האָט דאַמאָלסט פֿאַרזיכערט, אַז אין דעם נייעם פֿריעדען, אין די נייע פֿאַרהאַנדלונגען פֿון דיפּלאָמאַטען, וואָס וועט פֿאָרקומען נאָכדעם ווי די עליים וועלען זיעגען, וועט אַלעס געטאָן ווערען אָפֿען, אין דעם ליכט פֿון די פֿעלקער.

שוין אַ מאָנאַט דריי אַז דער פֿריע־דענס קאָנפֿערענץ געהט אָן. ווייסט איהר אַ סך וואָס דאָרטען איז פֿאָרגעקו־מען? אַ קאָמיטע פֿון צעהן, אין וועל־כער בלויז פֿינף פֿון די 20 עליים פֿעל־קער האָבען פֿאַרטרעטערשאַפֿט, טוט די גאַנצע ארבייט. קיינע צייטונגס פֿאַר־שטעהער ווערען ניט צוגעלאָזען. די אָפֿיציעלע רעפּאָרטס וואָס די קאָמיטע גיט אַרויס זיינען קורץ ווי אַ גענעץ און טרוקען ווי אַ שטיין. אורטיילענדיג פֿון דיעזע רעפּאָרטס, האָט דער פֿריעדענס־קאָנפֿערענץ נאָך אַבסאָלוט גאָר ניט גע־טאָן, אפֿילו קיין אָנהויב ניט געמאַכט.

מען האָט אויך גאַרניט לאַנג צוריק געהערט זעהר פֿיעל וועגען אָפּשאַפֿען אַר־מעען, וועגען ענטוואָפֿנונג פֿון אַלע פֿעל־קער. עס האָט געהייסען, אַז אַזוי שנעל ווי די מיליטאַריסטישע געפֿאַהר פֿון דייטשלאַנד וועט פֿאַרניכטעט ווערען, וועט מען קענען ברעכען אַלע שווערדען און פֿאַרניכטען אַלע ביקסען און פֿאַרזינ־קען אַלע קריעגס־שיפֿען. עס האָט גע־הייסען, אַז די מלחמה איז פֿאַר ענטוואָפֿ־נונג, געגען מיליטער־דיענסט, פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די פֿעלקער פֿון דעם מי־ליטערישען יאָך, וועלכער האָט זיי אַזוי שרעקליך געדריקט.

הערט איהר איצטער עפּעס פֿיעל ווע־גען דעם? אַמעריקאַ גרייט זיך אויפֿצו־בויען אַ ריעזיגע פֿלאָטע און קאָנגרעס האָט שוין באַוויליגט אַ 7 הונדערט מי־ליאָן דאָלאַר אויף דעם. דער נייער רע־פּובליקאַנישער קאָנגרעס מאַכט פּלענער וועגען דורכפֿיהרען אַ געזעץ פֿאַר גע־צוואונגענע מיליטער־דיענסט, פֿאַר דער אַלט־באַקאַנטער סאָלדאַטשינע פֿון דער אַמאָליגער דייטשלאַנד און דער אַמאָלי־גער רוסלאַנד. פֿראַנקרייך מאַכט אויך פּלענער צו פֿאַרגרעסערען איהר אַרמעע און אין ענגלאַנד איז מען זעהר אונ־רוהיג, אַז קאָנסקריפּשאָן זאָל ניט בלייבען אין קראַפֿט אויף שטענדיג.

* * *

וואו זיינען אַהינגעקומען די אַלע שעהנע פֿראַזען, די אַלע ערהאַבענע פּרינ־ציפּען, וועלכע האָבען אין אַמעריקאַנער פֿאָלק געוועקט אַזאַ ענטוזיאַזמוס צו דער מלחמה, אַזאַ באַגייסטערונג צום קריעג געגען דייטשען מיליטאַריזם?

עס איז דאָ איין תירוץ אויף דיעזער קשיה, דער תירוץ וואָס ווילסאָן און אַלע ווילסאָן־אָנהענגער גיבען — די „ליעג אָוו ניישאָנס". זיי זאָגען, אַז אָנשטאָט די אַלע דערמאָנטע פּרינציפּען וועט דער פֿריעדען אונז געבען אַ פֿעלקער פֿאַרבאַנד און אַז דיעזער פֿעלקער פֿאַרבאַנד וועט ווערט זיין פֿאַר דעם גליק פֿון דער מענש־הייט, פֿאַר דעם גליק פֿון אַלע פֿעלקער, די שונא־לענדער אַריינגערעכענט, מעהר ווי אַלע דערמאָנטע פּרינציפּען צוזאַמענ־גענומען. זיי זאָגען, אַז זיי האָבען מקריב געווען די דערמאָנטע פּרינציפּען צו דעם גאָט פֿון דער ליעג, וועלכער איז הייליגער און טייערער ווי די פּרינציפּען.

איז עס ווירקליך אַזוי? וועגען [דעם] אין נעקסטען אַרטיקעל.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: 1 year, $1.50
Vol. I. Friday, April 18, 1919. No. 1
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

דער שטיק-ארבייטער און די יוניאן.

מיר האבען נאר וואס איבערגעלייענט דעם סטענאגראפישען רעפארט פון די ביז איצט צוויי אפגעהאלטענע קאנפערענצען צווישען די דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן מיט ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל בראש און די דעלעגאטען פון די קלאוק-מאנופעקטשורערס. מיר האבען געלייענט מיט גרויס פארגעניגען די דעבאטע צווישען זיי איבער דעם פארשלאג פון איינפיהרען וואך-ארבייט, און מיר זיינען זיכער, אז מיר דארפען אונזערע פארשטעהער מיט גארניט אונטערהעלפען. מיט די אלע ארגומענטען פון די באסעס געגען וואך-ארבייט וועלען שוין די דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד זיך אליין ספראווען. אפשר וועלען מיר שפעטער, אויב די באסעס וועלען זיך איינ'עקשנ'ען איבער דיזער פראגע, ברענגען פון איין זייט זייערע טענות געגען וואך-ארבייט און פון דער אנדערער זייט דעם ענטפער פון אונזערע דעלעגאטען. די ארבייטער וועלען זיך דאן איבערצייגען, אז קיין בעסערע פארטרעטער פון זייערע אינטערעסען, קיין מעהר געטרייע האבען זיי ניט געקענט שיקען. זיי וועלען אויך פיהלען א געוויסען שטאלץ, דאס זייערע פארשטעהער זיינען ניט נאר ניט געבליבען שולדיג קיין ענטפער די פארשטעהער פון די באסעס אויף קיינע פון זייערע אנווענדונגען, נאר דאס באת די פארשטעהער פון די באסעס האבען ארויסגעוויזען א געוויסע קונסט-פארטיגקייט אין פלפול, האבען די רעדען פון ב. שלעזינגער זיך אויסגעצייכענט מיט א קלארקייט און, זאגאר, שעהנקייט, ווייל זעהר איינפאך, וואס קען נאר בעסער ניט זיין. מיר האפען, אז די פארשטעהער פון די באסעס וועלען איינזעהן ענדליך די נויטווענדיגקייט פון וואך-ארבייט, און זיי וועלען גלייך זיך נעהמען פאר די איינפיהרונג פון דעם נייעם סיסטעם. מיר דא אבער ווילען ריידען צום שטיק-ארבייטער, וועגען וועלכען מאנכע באהויפטען, אז ער אליין איז דאגעגען, כאטש מיר קענען אויף איין מינוט ניט גלויבען, אז דאס איז אזוי.

דער פאקט, אז אויף דער לעצטער קאנווענשאן איז דער באשלוס פאר וואך-ארבייט אנגענומען געווארען פון די דעלעגאטען מיט א גרויסער מאיאריטעט. אויך דער פאקט, דאס דער זעלבער באשלוס איז גוטגעהייסען געווארען פון א רעפערענדום-וואוט, רעדט גאנץ קלאר, אז די מאיאריטעט קלאוקמאכער זיינען פאר וואך-ארבייט.

אחוץ דעם איז עס דאך אן איינפאכער שכל, אז די מאיאריטעט זאל זיין פאר וואך-ארבייט. זאל זיין, אז פאר מאנכע ארבייטער, וועלכע זיינען שנעל ווי די רוחות, און וועלכע האבען גענוג כחות צו ארבייטען פאר 5, האט די סיסטעם פון שטיק-ארבייט א געוויסען מ א מ ע נ ט א נ ע ם פארטייל: אויף דער מינוט פארדיענען זיי גאר גרויסע ווייזשעס. די מאיאריטעט ארבייטער ליגען אבער פון א דורכשניטליכער שנעלקייט און גאנץ דורכשניטליכע כחות. זיי קענען ניט זיין געגען וואך-ארבייט, וואס וועט זיי געבען די מעגליכקייט צו ארבייטען לויט זייערע כחות און אין דערזעלבער צייט פארזיכערען זיי מיט א באשטימטען וואכען-לוין, וואס קען קיין מאל ניט זיין קלענער, אבער קען זיין אימער גרעסער.

דער שכל הישר איז אלזא מחייב, אז די קלאוקמאכער אין זייער מאיאריטעט קענען ניט זיין פאר די אויפהאלטונג פון דער אלטער סיסטעם. נאר, פון רעסטוועגען פאר ארגומענטס סייק, לאמיר אננעהמען, אז די ארבייטער זיינען אזוי בלינד, זיינען זיך אזוי ווענינ באוואוסט איבער זייערע אייגענע אינטערעסען, אז זיי זיינען אין דער אמת'ען פון-דער מיינונג, אז די סיסטעם פון שטיק-ארבייט איז די בעסטע אין דער וועלט, און אז ווען עס וואלט זיך אן זיי געווענדט, וואלטען זיי זיך ענטזאגט פון אנצונעהמען די סיסטעם פון וואך-ארבייט. עס שטעלט זיך דאן פאלגענדע פראגע:

האט די יוניאן, די קלאוקמאכער יוניאן, דאס רעכט צו האנדלען געגען די ווינשע פון איהרע מיטגליעדער און דאך אויספיהרען פאר זיי די סיסטעם פון וואך-ארבייט, אויב זי וואלט עס נאר געקענט אויספיהרען אפילו אהן דער צושטימונג פון די מיטגליעדער?

פון אויבען-אויף שיינט עס, אז עס קען ניט זיין אויף דעם קיין אנדער ענטפער, ווי נאר אן ענטשיעדענער „ניין". מיט געוואלד קען מען קיינעם ניט גליקליך מאכען. דאס איינציגע וואס בלייבט דאן פאר דער יוניאן צו טאן איז נאך מעהר און מעהר אגיטירען, ביז די מייסטע מיטגליעדער איהרע וועלען פארשטעהן, אז עס איז אין ז י י ע ר ע אינטערעסען, אז וואך-ארבייט זאל וואס שנעלער איינגעפיהרט ווערען.

דאס איז דער ענטפער, וואס שיינט צו זיין דער איינציג פארנינפטיגער. דאך טראכט מען זיך אריין אביסעלע טיעפער אין דעם ענין, קען מען קומען צו גאר אן אנדער שלוס, און נעמליך, אז די יוניאן, אלס אזעלכע, מעג שטארק ו ו ע ל ע ן די איינפיהרונג פון וואך-ארבייט, כאטש ניט אלע איהרע מיטגליעדער האבען עס נאך באגריפען.

אזוי שנעל ווי א יוניאן ווערט געגרינדעט, בילדעט זיך א גאנץ אייגענארטיגע איינהייט, וועלכעס האט א גאנץ באזונדערען אינטערעס אין איהר אייגענער עקזיסטענץ, גאנץ און גאר אפגעזעהן פון דעם אינטערעס פון דעם איינצעלנעם מיטגליעד. איהר אייגענע עקזיסטענץ איז אזוי וויכטיג, אז מאנכעס מאל ווערען געאפפערט גאנץ באוואוסטזיניג די אינטערעסען פון איינינע איינצעלנע צוליעב דעם העכערען אינטערעס פון דער גאנצער יוניאן. דאס איז א פאקט, וואס דארף ניט באוויזען ווערען, ווייל אט דער פאקט איז דער יסוד פון יעדער יוניאן. און אט פון דעם שטאנדפונקט קען שוין ניט די פראגע פון איינפיהרען וואך-ארבייט, אויב די מאיאריטעט מיטגליעדער איז נאך ניט דערגאנגען צום געדאנק פאר די פארטיילע פון וואך-ארבייט איבער שטיק-ארבייט, פארענטפערט ווערען מיט אזא איינפאכען „ניין".

די יוניאן, צוליעב איהר אייגענער עקזיסטענץ און אלץ שטארקערער ווירקזאמקייט מעג אנשטרענגען אלע כחות, אפילו ווען עס זאל זיין מאמענטאן געגען דעם ווילען פון דער מאיאריטעט, אז די אלטע סיסטעם זאל אפגעשאפט ווערען און אז די נייע זאל אריינטרעטען אין קראפט, אויב אזא זאך זאל נאר מעגליך זיין.

כדי די יוניאן זאל עקזיסטירען, און אזוי עקזיסטירען, אז זי זאל ניט זיין אין א שטענדיגער סכנה אומגעווארפען צו ווערען פון אלערליי צושטערענדע כחות, מוז זי, ערשטענס, זיין פון אן אויגענשיינליכען נוצען פאר די מיטגליעדער איהרע. זי מוז קענען אנווייזען, אז א דאנק איהרע אנשטרענגונגען, א דאנק דעם כח פון אייניגקייט איז די מאטעריעלע לאגע פון איהרע מיטגליעדער באדייטענד פארבעסערט געווארען, אז איהרע מיטגליעדער לעבען איצט בעסער, מענשליכער, געניסען מעהר פון לעבען. און מיט ווענינער מאטערניש, ווי אין דער צייט, ווען עס איז קיין יוניאן ניט געווען, אדער, ווען זי איז געווען שוואך. דער מיטגליעד מוז פיהלען, מוז וויסען, אז די פארבעסערונג אין זיין לאגע איז ניט געקומען דורך א צופאל, אדער פיעלייכט נאר דורך זיין אייגענעם כח, נאר טאקע דורך דעם כח פון דער יוניאן.

צווייטענס, כדי די יוניאן זאל פיהלען זיך פעסט אויף איהרע פיס, מוז זי זעהן ווי ווייט מעגליך אפשאפען יעדע אונגלייכהייט פון אינטערעסען צווישען מיטגליעדער און מיטגליעד, אזוי אז דאס ווארט „ברודער" און „שוועסטער", מיט וועלכען די יוניאן-מיטגליעדער באגריסען איינע די אנדערע, זאל ניט זיין בלויז א פוסטער ווארט, נאר זאל טאקע האבען א ממשות.

דריטענס, מוז די יוניאן אנשטרענגען אלע כחות צו מאכען די עקזיסטענץ פון איהרע מיטגליעדער וואס זיכערער און וואס באשטענדיגער. קיין יוניאן קען לאנג ניט באשטעהן, ווען איהרע מיטגליעדער זיינען קיינמאל ניט זיכער איבער דער גרויס פון זייער פארדיענסט. נאך וועניגער קען א יוניאן באשטעהן, ווען זי קען ניט מעהר אדער וועניגער גאראנטירען איהרע מיטגליעדער א מעהר אדער וועניגער ש ט ע נ ד י ג ע ן פארדיענסט, וואס איז נויטיג פאר זייער לעבענס-אונטערהאלט. א יוניאן, למשל, וועמעס מיטגליעדער מוזען ארומגעהן וואכען אדער מאנאטען-לאנג לעדיג, און וועלכע זיינען דארום געצוואונגען צו כאפען זיך צו אנדערע מלאכות, אום צו מאכען א לעבען, קען קיינמאל ניט זיין זיכער אין איהר עקזיסטענץ און אין איהר ווירקזאמקייט.

מיר דענקען, אז דאס אלעס, וואס מיר האבען ביז איצט געזאגט, וועט קוים אימיצער קענען אפלייקענען. וועלען מיר דערפאר טאקע איצט גלייך צוטרעטען צו אונזער ענין און זעהן ווארום די קלאוקמאכער יוניאן, אלס אזעלכע, מוז ו ו ע ל ע ן מאכען א סוף צו דער אלטער סיסטעם פון שטיק-ארבייט.

פיעלע קעמפפע האט שוין די קלאוקמאכער יוניאן אויסגעפאכטען, און כמעט אלע האבען זיך געענדיגט מיט א זיעג. האט דאך נאך די אלע זיעגע די לאגע פון דעם קלאוקמאכער נעדארפט זיין גאר א גלענצענדע. פון דערסטוועגען, אז מען קוקט זיך גוט צו, האט דער קלאוקמאכער פון היינט נאר וועניג מיט וואס זיך צו באריהמען געגען דעם קלאוקמאכער פון די פריהעריגע יאהרען. אלע געווינסען, א דאנק דעם סיסטעם פון שטיק-ארבייט, האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין זעהר צווייפעלהאפטע. מען האט געקעמפפט פאר העכערע פרייזען, און זיי געקראגען, מען האט באשטימט זאגאר דעם פרייז פון אן ארבייטס-שטונדע, און דאך צום סוף איז דער קלאוק-אפרייטאר פון היינט דערזעלבער פארהעלכניסמעסיגער קבצן, ווי עס איז געווען זיין פארגענגער פון 10, 15 און 20 יאהר צוריק. אין ביזי ארבייט מען וויפיעל די כחות ערלויבען נאר, און אז עס קומט סלעק-צייט איז דאס לעבען פון דעם קלאוקמאכער פון היינט פונקט אזוי ניט מקנא צו זיין, ווי דאס לעבען פון דעם אמאליגען קלאוקמאכער, און נאך אפשר ערגער, ווייל די באדירפניסע פון דעם היינטיגען קלאוקמאכער זיינען באדייטענד געשטיגען.

א דאנק דער סיסטעם פון שטיק-ארבייט איז עפעס ניטא קיין מזל וברכה אין די אלע געווינסען. זיי רינען אויס פון אונטער די שנעל זיך באוועגענדע הענד פון דעם קלאוק-אפרייטאר.

ווען א וואכען-ארבייטער קריגט א הוספה אויף זיינע שכירות, מעג זי זיין גאר קליין, אבער עס האט א ממשות. ער ווייס, אז ער פארדיענט יעדע וואך, וואס ער ארבייט, מיט אזוי פיעל מעהר. ניט אזוי איז אבער דער פאל ביים שטיק-ארבייטער. ווי גרויס עס זאל ניט זיין דער געווינס אין ענדע פון קאמפף, אבער ווען עס קומט צום רעזולטאט, לאזט זיך אויס גארניט מיט גארניט. אדער ער נארט זיך אליין אפ, ווען מען באשטימט דעם פרייז אויף דאס שטיק ארבייט; אדער דער באס נארט איהם אפ; אדער, ווען ער קריגט שוין דעם פרייז, און א גוטען פרייז, ווערט די ארבייט ווי דורך עפעס א וואונדער פארשוואונדען פון שאפ, — זי ווערט מסתמא געמאכט ערגעץ אנדערש, — און דער אינסייד בעל-מלאכה בלייבט אהן א שטאך ארבייט, כאטש מיט זיין הויכען פרייז.

געוויס, אין דער גרויסער ביזי פארדיענט דער קלאוק-אפרייטאר גאר ניט שלעכט. אבער, ערשטענס, האבען די קלאוק-אפרייטארס אימער-צו, אפילו ווען עס איז קיין יוניאן גארניט געווען. פארדיענט גאנץ גוט, ווען עס איז געווען שטארק ביזי. און, צווייטענס, קומט דאך דער גוטער פארדיענסט ניט אזוי פון דעם גוטען פרייז, נאר פון דעם, וואס דער ארבייטער הארעוועט איבער זיינע כחות, אזוי אז אפט נאך אזעלכע עטליכע וואכען ארבייט מוז ער פארקרענקען די פעטע ווייזשעס, וואס ער האט פארדיענט. אזוי ארבייטענדיג, זינדיגט דער קלאוקמאכער ניט נאר געגען זיך, נאר אויך געגען דער יוניאן: מיט זיין שווערער איבערמענשליכער פראצע צושטערט ער אלעס, וואס די יוניאן האט געמאכט אזעלכע אנשטרענגונגען צו געווינען פאר איהם.

דער שטיק-ארבייטער אלס ביזנעס-מאן.

אין די פריהעריגע צייטען, איידער די ארבייטער האבען זיך אנגעהויבען פאראייניגען אין יוניאנס, האט יעדער ארבייטער באזונדער געטראגען אויפ'ן מארק זיין ארבייטס-קראפט, פאר וועלכער ער האט געקראגען אזא באלוינונג, וויפיעל ער האט געהאט כח אויסצודינגען פאר זיך. געוועהנליך האט ער ניט נעכאפט קיין גרויסע מציאה; ביז דער ארבייטער איז ענדליך געקומען צום שכל און האט צוזאמען מיט די אנדערע ארבייטער פון זיין פאך ארגאניזירט זיך אין א יוניאן, וועלכע האט איבערגענומען פאר איהם די ארבייט פון דינגען זיך. דאס דינגען-זיך האט אויפגעהערט צו זיין אן אינדיווידועלע, זי איז געווארען א קאלעקטיווע. די יוניאן איז עס, וואס דינגט זיך מיט'ן באס פאר די שכירות פון אלע איהרע מיטגליעדער. מיט אזא יוניאן מוז זיך יעדער מיטגליעד פיהלען „איינס און אונגעטיילט", אזוי דאס אלע מיטגליעדער צוזאמען בילדען מיט זיך איין גאנצען קערפער. א דאנק דער יוניאן איז יעדער מיטגליעד איהרער פארזיכערט מיט א באשטימטער באלוינונג, און קריגט ער ארבייט, ווייס ער, אז די וואך וועט ער פארדיענען אזוי פיעל און אזוי פיעל. אין זיין לעבען דרינגט אריין דער עלעמענט פון א געוויסער זיכערקייט, רוהיגקייט, וואס איז ניטא אין דעם לעבען פון דעם ביזנעס-מאן, דעם קרעמער, דעם ווינד-מענש, וועלכער ווייס ניט היינט פון וואנען ער וועט לעבען מארגען. אזא ארבייטער קען זיין, מוז זיין א גוטער מיטגליעד פון א יוניאן, און אזא יוניאן מוז אויך זיין א פעסטע יוניאן.

גאנץ אנדערש איז אבער דער שטיק-ארבייטער. ווען ער קומט צו דער ארבייט, ווייס ער קיינמאל ניט, וויפיעל ער וועט היינט פארדיענען. אמאל קען ער כאפען, ווי דער ווינד-מענש, א גאנץ שעהנעם פארדיענסט, און אמאל קען ער א גאנצען טאג גארנישט פארדיענען. ער איז אן ארבייטער, אבער זיין עקזיסטענץ איז ווי פון א ווינד-מענש. דערפאר ענטוויקעלט זיך אין איהם די פסיכאלאגיע פון א קליין קרעמערעל, וואס איז פארטיג אויף אלערליי טריקס, אום צו כאפען א פארדיענסטעל. ניטא ביי איהם די רוהיגקייט פון א געזיכערטען פארדיענסט. ער איז אימער אנגעשטרענגט, אימער אויף דער יאגד נאך דעם באנדעל. און אין דער יאגד איז ער באריית צו שעדיגען, שלעכטס צו טאן זיין אייגענעם ברודער. אנשטאט צו זיין פאראייניגט אין שאפ, ווי זיי זיינען עס אין דער יוניאן, ענטוויקעלט זיך נאר צווישען די שטיק-ארבייטער א געפעהרליכע קאנקורענץ, א שרעקליכער ניט פארגינען. אנשטאט צו בילדען אלע צוזאמען א פאראייניגטע מאכט נעגען זייער באלעבאס, זיינען זיי נאר צוליעב דעם סיסטעם פון שטיק-ארבייט, איינער מיט'ן אנדערען אויף מעסער. נו ווי קענען אזעלכע „ביזנעס-לייט", וועלכע האבען גאנץ ענטגעגענגעזעצטע אינטערעסען, בילדען א שטארקע יוניאן?

ניין, ארבייטער מיט קרעמערשע נשמות, וועלכע מוזען זיך שלאגען איינע מיט די אנדערע פאר דעם ביסען ברויט, פאר דעם גרעסערען באנדעל, פאר דעם בעסערען סארט ארבייט; ארבייטער, וועלכע מוזען פארלייקענען זייערע מענשען-שטאלץ און זיך חנפ'ענען צום באס אדער צום פארמאן, אום צו פארדיענען מיט א פאר סענט מעהר א שטונדע, די קענען בשום אופן ניט זיין קיין גוטע יוניאן-מיטגליעדער. זיי קענען קיינמאל ניט פיהלען, אז די יוניאן איז ווירקליך נויטיג פאר זייער עקזיסטענץ. זיינען זיי דאך עס אליין, וועלכע דינגען זיך אויס זייער ארבייטס-פרייז און זיך אליין האבען זיי צו פארדאנקען זייערע פארדיענסטען פון טאג צו טאג. ביי אזעלכע ארבייטער מוז זיך מיט דער צייט אויסארבייטען דער פאלשער געדאנק, אז איז

די דעזיינערס יוניאן

פון ל. לאנגער.

ווי עס איז שוין אונזערע מיטגליעדער געווים באוואוסט, האבען זיך די דעזיינערס אין אונזער אינדוסטרי פון ניו יארק ארגאניזירט אין א יוניאן, אונטער דעם באננער פון אונזער אינטערנעשאנעל. דאכט זיך, נאך נאר א יונגע יוניאן, וועלכע האט נאך קיינעם זיך אין וועג ניט געשטעלט און דאך געפינען זיך שוין מענשעלעך, וואס וואלטען געוואלט טאנצען אויף איהר קבר. עס זיינען שוין דא אזעלכע פערזאנען וואס האבען זיך געמאכט פאר זייער ביזנעס איהר צו פארלוימדען. די פארלוימדער פון דער דעזיינערס יוניאן שטעלען זיך ניט אפ פאר קיין שום זאך. וואו עס איז נאר דא עפעס אן אויסוואורף אין דעם דעזיינער פאך שיסט ער מיט ניפטיגע פיילען קעגען דער דעזיינערס יוניאן, לאקאל 45, וואס האט שוין א טשארטער פון אונזער אינטערנעשאנעל און איז שוין א קינד פון אונזער גרויסער משפחה.

ווארום האבען די דעזיינערס געדארפט זיך ארגאניזירען אין א יוניאן, גלייך ווי די אפערייטארס, פרעסערס, א. ז. וו.? דערפאר ווייל זייערע ארבייטס־באדינגונגען זיינען אויך ניט גאר קיין גינסטיגע.

דער דעזיינער פאך, וואס איז א מאל געווען דער שפיגעל פונ'ם טרייד איז אין די לעצטע צייטען געווארען אזוי ביליג אז ווען מען הערט וואס עס קומט פאר אונטער די קוליסען פון דעם דעזיינער מארקעט קלינגט עס ווי די מעשה פון טויזענד איין נאכט. עס איז נאטירליך, ווען ארבייטער ארבייטען ביי א ביליגען פאך זיינען זייערע באדינגונגען קלעגליכער און זייער לאגע טרויעריגער, ווי די פון די ארבייטער וועלכע ארבייטען ביי א בעסערען פאך. געוויס, דער דעזיינער פאך אן און פאר זיך, איז ניט ביליג. אבער א סך פון די לייטע וואס ארבייטען היינט ביי דעם פאך האבען איהם ביליג געמאכט. אום דער דעזיינער פאך זאל צוריקגעבראכט ווערען צו זיין אמאליגען שטאנד האבען די דעזיינערס באשלאסען זיך צו ארגאניזירען אין א יוניאן ווייל זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג אז נאר פאראייניגטער היינט וועלען זיי אימשטאנדע זיין צוריק אויפצוהייבען דעם דעזיינער פאך וואס האלט אין איין זינקען, צו דער שטופע אויף וועלכער ער האט זיך אמאל געפונען. אויפהייבען דעם טרייד הייסט באקומען בעסערע באדינגונגען, מעהר זיכערהייט מיט דעם מארגענדיגען טאג פון דעם דעזיינער.

גלייך ווי די דעזיינערס האבען זיך גענומען ארגאניזירען איז אויפגעשטאנען תחית המתים „די יונייטעד סוט, סקוירט ד'עזיינערס מיוטשועל אייד אסאסיאיישאן אוו אמעריקא״, אן ארגאניזאציאן פון פרעטענדירטע דעזיינערס, וועלכע זיינען אויך האלבע סוב־מאנופעקטשורערס, וועמען עס שמעקט זעהר ניט אז אין טרייד זאל זיין א דעזיינערס יוניאן, מאקע אן אמת'ע ארבייטער ארגאניזאציאן. נאטירליך, יענע סוב־מאנופעקטשורערלעך האבען פיעלע אורזאכען זיך צו שרעקען פאר אזא קערפערשאפט. זיי זיינען איבערצייגט אז וויבאלד די דעזיינערס וועלען זיין ארגאניזירט וועט באלד גענומען ווערען א שטעלונג צו פארשיידענע איבלען אין דעם פאך פון וועלכע יענע לייטע לעקען אפ א ביינדעל. די יוניאן וועט זעהן עס זאל אויפהערען דאס ארויסגעבען פון די סטיילס פון אינסייד פירמען צו סוב־מאנופעקטשורער אדער „קארפארעישאן שעפער״ פאר דריי אדער פינף דאלאר א שטיק. און ווען דער טיפ מאנופעקטשורערס וועט ניט קענען קריגען קיין גע'גנב'עטע סטיילס, וועט ער זיין געצוואונגען צו באשעפטיגען א דעזיינער און עס וועלען ארומגעהן וויינענדער דעזיינערס אהן א פלאץ וואו צו ארבייטען. דאס איז איינע פון די הויפט אורזאכען, וואס האט געטריבען די דעזיינער זיך צו ארגאניזירען. עס איז דעריבער גאר קיין פראגע ניט אז די דעזיינערס יוניאן פארדיענט אונזער סימפאטי און אונזער מיט־הילף.

די קערפערשאפט וועלכע איז קעגען דער דעזיינערס יוניאן דארף זיין גוט באקאנט צו אונזערע מעמבערס. אין דעם לעצטען סטרייק פון 1916, האבען אייניגע פיהרערס פון דער דעזיינערס אסאסיאיישאן זיך באריהמט געמאכט מיט דעם, וואס זיי האבען ארויסגעשוואוירען אפידייוויטס קעגען אייניגע אפיסערס פון אונזער יוניאן, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך געפונען דער שרייבער פון דיזע צייל[ע]ן, דערפאר ווייל מען האט זיי ניט געלאזט טאן די זויבערע ארבייט פון סקעבען. אט די לייטע בילען עס יעצט אויף דער דעזיינערס יוניאן, ווי הינט בולען אויף דער לבנה. די „מיוטשועל אייד דעזיינערס אסאסיאיישאן״ האט זיך אזוי דערשראקען פאר דעם וואס די דעזיינערס האבען זיך ארגאניזירט, אז זי האט אזש געפונען פאר נויטיג ארויסצושיקען א בריעף צו מאנופעקטשורערס (א וואונדער צי די מאנופעקטשורערס ווייסען זעהר די לייטע פון דער „מיר טשועל״ זיינען און ווי שעדליך זיי זיינען פאר דעם טרייד?) און צו די דעזיינער ווארענענדיג זיי פאר דער געפאהר פון א דעזיינערס יוניאן. דער לעטער ענטהאלט אבער ניט קיין ברעקעל שכל און ער מאכט אויף קיינעם קיין שום איינדרוק ניט. יענער בריעף קאן דער דעזיינערס יוניאן מעהר העלפען ווי טאן שאדען. די דעזיינערס יוניאן לאקאל 45 איז א טייל פון אונזער אינטערנעשאנעל און אלס אזעלכע וועלען מיר איהר העלפען באשיצען קעגען אלע בייזע ווינטען.

צו אונזערע מעמבערס וויל איך זאגען פאלגענדעס: די דעזיינערס זיינען בארעכטיגט צו זיין ארגאניזירט און צו קריגען די מאראלישע שטיצע פון יעדען מעמבער פון אונזער ארגאניזאציאן. דער עקאנאמישער דרוק האט דעם דעזיינער אויפגעוועקט. פיליכט וועט די דעזיינערס יוניאן ארויסרופען אירגענד וועלכען צווייפעל צווישען מאנכע פון אונזערע מעמבערס, איז עס ווינשענסווערט אז זיי זאלען וויסען, דאס דער דעזיינער, דער אמאליגער אריסטאקראט, איז שוין לאנג אפגעשטארבען; ער איז פארשוואונדען געווארען גלייך נאך דעם ווי דער סוב־מאנופעקטשורינג איבעל האט זיך פארנאנדערגעבליהט. דער דעזיינער פון היינטיגען טאג איז א מענש מיט א ברייטערען בליק אויף דעם אלגעמיינעם סאציאלען לעבען. ער ווייסט אז ער איז א לוין־ארבייטער און אלס אזעלכער זיינען זיינע אינטערעסען ענג פארבונדען מיט די אינטערעסען פון אלע ארגאניזירטע ארבייטער פון זיין טרייד. דער דעזיינער קען פון דער וועלט באטראכט ווערען אלס א „פראפעשיאנעל מען״, און דאך קען ער זיין א גוטער יוניאן מאן. עס איז איצט אנדערע צייטען. די קרייזען פונ'ם פראלעטאריער ברייטען זיך אומעטום אויס.

צום שלוס א ווארט צו אונזערע קלאוקמאכער: עס וועט ניט שאדען אז זיי וועלען צוהעלפען, וואו זיי וועלען נאר קאנען דער דעזיינערס יוניאן. יעדער נייע יוניאן האט פון אנפאנג שוועריגקייטען. זאלען די נייע יוניאן לייט, די מיטגליעדער פון דער דעזיינערס יוניאן, לאקאל 45, באקומען אייער סימפאטי און מיט־הילף וואו און ווען עס וועט נויטיג זיין. עס איז אין די אינטערעסען פון די קלאוקמאכער צו האבען די דעזיינערס מיט זיך, איידער קעגען זיך. איצט זיינען מיר אלע מיטגליעדער פון איין גרויסער יוניאן, טא לאמיר זיך אלע פארהאלטען איינער קעגען אנדערען ווי אמת'ע יוניאן לייט דארפען זיך האלטען.

קורצע שמועסן

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

ל. גאטליעב. — 1) האט ניט קיין ווערט, עס וועט קיינמאל פארעפענטליכט ווערען. 2) וואס אנבאטרעפט דאס צוגעשיקטע ביכעל „ליעבעס־וועהען״, וועלען מיר עס געווים איבערלעזען, און אויב ער איז ווירקליך אזוי גוט, ווי איהר פארלויבט איהם פאראויס, וועט איהר געפינען עטוואס וועגען דעם אין די קאלומען פון „גערעכטיגקייט״. 3) דער וויל א גליקליכע רייזע.

ס. האפמאן. — צוגעשיקט איך דעם מאנוסקריפט, לויט פארלאנג, אין דעם ערדרעסירטען ענוועלאפ. איהר האט אבער ניט געגעבען קיין סטעמפס ארויפגעלעגט אויף דעם בריעף צו אונז, וואס אלעם צוזאמען מאכט אויס א סומע פון 9 סענט. א קליינע סומע, אבער דאס צוגעשיקטע איז דאס אויך ניט ווערט.

ל. א. — ווען איהר ווילט האבען עפעס פון אייך פארעפענטליכט אין דער „גערעכטיגקייט״, טו שיקט ניט די שוואכע, די אונגעלונגענע זאכען, נאר דוקא די בעסטע בעסטע, ווייל ווער, אויב ניט די ארבייטער, די לעזער און לעזערינען פון דער צייטונג, זיינען בארעכטיגט צו דאס בעסטע און שענסטע?

נ. גרינבערג. — „די נעשאנאל סיוויל ליבערטיס ביוראָ״ טוט, לויט אונזער מיינונג, זעהר גוטע און וויכטיגע ארבייט אין דער איצטיגער צייט פון רעאקציע. זי איז אויך דער וואך וועגען יעדער אונגערעכטיגקייט, וואס פאסירט, און פארשטעהט מיט גרויס טאקט צו פאדערען פון די אויטאריטיס דין וחשבון, און אפט מיט ערפאלג. איהרע הערקוואדערס זיינען אין 41 יוניאן סקוועאר, און זי פארדיענט די פולסטע אונטערשטיצונג.

ס. לעווין. — איהר קענט ניט טאן קיין בעסערע זאך, ווי צו נעהמען דעם קורס איבער דאס רעוואלוציאנערע רוסלאנד אין דער ראנד סקוהל. די לעקטשורערס, ווי י. א. הורוויטש, טראכטענבערג, נוארטעווע, ווילליאמס און אנדערע, זיינען זעהר קאמפעטענטע מענשען. דאס, וואס זיי זיינען אליין אביסעל צו פארטייאיש, איז ניט קיין חסרון. דאס ריכטיגע וועט דער דענקענדער מענש אליין שוין אויסגעפינען. זיכער איז, דאס איהר וועט דורך די לעקטשורס באקאנט ווערען מיט פיעלע פאקטען, וועלכע איהר האט ביז איצט ניט געוואוסט.

נ. פריעדמאן. — איהר האט א טעות. די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען באשעפטיגט זיך ניט בלויז מיט פאליטיק. שוין ניט רעדענדיג פון די לעצטע פאר יאהר, ווען זי האט גאר שטארק ארויסגעמישט זיך אין דעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד, וואס אלע האבען געזעהן און געפיהלט, זיינען אבער נאך פון פריהער דא פיעלע רעגירונגס־דעפארטמענטס, וועמעס אויפגאבען זיינען אויסשליסליך פון אן עקאנאמישען כאראקטער. גאר פיעלע פארמער, למשל, זיינען איצט בעסערע פארמער, מעהר וויסענשאפטליכע ווי אין די פריהעריגע יאהרען, א דאנק דעם דעפארטמענט אוו אגריקולטשור פון דער רעגירונג. אויב איהר האט א קליין גערטנעדעל און ווילט פארפלאנצען בלומען אין איהם, קענט איהר דורך א בריוועל אין וואשינגטאן קריגען די פארשיעדענע נויטיגע „סידס״. צו דעם סארט דעפארטמענטס געהערט אויך דער „דעפארטמענט אוו לייבאר״, וועמעס ארבייט איז מעהר פון אן עקאנאמישען, ווי פון א פאליטישען כאראקטער. אין דער לעצטער צייט איז געשאפען געווארען א „וואירקינג קאנדישאן סוירוויס״, וועלכע באזארגט פיעלע גרויסע פאקטאריס, וואו עס ווערען באשעפטיגט גרויסע מאסען ארבייטער, מיט אלע נויטיגע פאקטען איבער אינדוסטריעלער היגיענע און מעדיצין, איבער ארבייטס־זיכערהייטען און איבער דעם, ווי די ארבייט זאל פארוואלטעט ווערען. גאר פיעלע מאנופעקטשורערס קריגען צוגעשיקט די נויטיגע אינפארמאציאן, דאס מיר קענען אייך ניט פארזיכערען, אויב זיי מאכען פון דער צוגעשטעלטער אינפארמאציע דעם נויטיגען געברויך.

י. בליכער. — 1) ביין, נאך אלע ניט

אין זיי פריינקוקען מיט באגעהר און ליעבע? פרישע, צאפלדיגע, מיידעלשע הערצער און — ווער וועט זיי דערפרישען מיט דעם געטליכען טוי פון ליעבע? קונציג אויסגעקלעפטע פאה'לעך ביי די שלייפען און — אין וועמענס ברוסט קענען זיי ארויסרופען א ציטער?

קום — ווילט זיך מיר אפעלירען — קום, אָה מענשען־פרייַנד, און פרויען־פרייַנד, און זעה: מיידעלשע אויגען זוכען און בייבקען און מיידעלשע הערצער פארוועלקען. און פארצווייפלונג כאפט ארום די פרויען־וועלט און היט זיך, מיין ברודער־מאנסביל!

א הונגעריגע ארמעע, וואס איז געטריבען צו דער העכסטער שטופע פון פארצווייפלונג, געהט אויף דיר.

ווייל איהר געדענקט דאך: אויסער דעם מאנגעל אין דעם מענער־מין צוליעב דער מלחמה, האט מען נאך בעת דער מלחמה קאנטראלירט ניט נאר אונזערע שפייזען, נאר אויך אונזער ליעבע. אין ניו יארק, למשל, האט זיך לעצטען יאהר געפונען אן אסיסטענט דיסטריקט אטוירני, וואס האט זיך געשלעפט איבער אלע פינסטערע און ליכטיגע ווינקעלעך פון ניו יארק און האט אומעטום אפגעריגעלט דעם דעקעל פון פאר־ליאמענטים: שפארט די ליעבע! טמיחה האט ער, דאכט זיך, געהייסען, יענער דיסטריקט אטוירני.

און אז ער האט געזעהן, אז אייניגער געהט ארום מיט א פריהלינגס־פייערעל אין די אויגען, האט ער געוואוסט, אז דאס קלייבט זיך יענער צו פארשווענדען דעם נאציאנאלען רעזערוו פון ליעבע און ער האט איהם דערפאר פארהאקט און תיכף פאר איבערטרעטען די „רולס ענד רעגולעישאנס פון לאוו סירוויג״.

און אז ער האט באמערקט א פינסטערען אויטאמאביל אין א פארק, האט ער באלד פארשטאנען, אז דאס שעפט מען אויס די אוצרות פון ליעבע, וועלכע זיינען אזוי נויטיג פאר דעם ערפאלג פון דער מלחמה, און אז מען דיענט דערמיט די אינטערעסען פון קייזער ווילהעלם.

און אז ער האט געזעהן, אז אויפ'ן ברוקלין בריק זיצט א פארעל און קושט זיך ביז זעלבסט־אויפאפפערונג, איז ער געווען זיכער, אז דאס פארנוצט מען ריינע ווייץ אנשטאט „סאבסטיטוטס״ — עס הייסט, פארבאטענע ליעבע אנשטאט געזעצליכער און ערלויבטער.

אזוי האט מען קאנטראלירט דעם פריהלינג און די ליעבע בעת דער מלחמה.

און עס האט שיער ניט געהאלטען דערביי, אז מען זאל איינפיהרען ליעבלאזע טעג (לאוולעס דייס), און כדי די ניו יארקער באפעלקערונג זאל ניט איבערטרעטען דאס געזעץ, זאל מען אין יעדען הויז אנשטעלען א דעטעקטיוו.

און עס איז שיער ניט געקומען דערצו, מען זאל געבען יעדען פאר מיידעלשע און בחורישע ליפען אויפשטעלען א פאליסמאן און כדי דער פאליסמאן אליין זאל ניט זינדיגען מיט א קוש, זאל מען איהם אנטאן א מויל־קארב.

דעריבער האט עס געהאלטען און אזוי האט מען אונז קאנטראלירט און אזוי האט מען אונז אלעמען געמאכט ליעבע־הונגעריג — אונז אלעמען און הויפטזעכליך דאס פרויען־געשלעכט.

און דעריבער זאג איך: א שרעקליכען „פריהלינגס־דראפט״ וועלען מיר איצט האבען.

אבער פיקאנט וועט עס דאך זיין — פיקאנט, ניי און אָריגינעל, ווייל אלץ וועט צוגעהן מיליטעריש. די מלחמה איז ניט פאראיבער שוין שפורען. און די „באיס״, וואס זיינען צוריקגעקומען, און די מיידלעך און מיר אלע — מיר האבען א גרויסע ירושה פון דער מלחמה.

און אז א בחור וועט מאכען א מיידעל א ליעבע־ערקלעהרונג, וועט זי זיך מסתמא ליעבען אט אזוי:

„דיינע אויגען האבען געמאכט אויף מיר א פראנט־אטאקע און מיין הארץ איז געלעבערט געווארען ווי פון א טארפעדע.

„די ביזט מיר הייליג און טייער ווי די וועלט־דעמאקראטיע און איך בין גרייט פאר דיר צו קעמפען ווי קאלטשאק און צו פאלען ווי ווילהעלם.

„איך פארלאנג ניט קיין אנעקסיעס און זאג זיך אפ פון קאנטריבוציעס. און איך בין פאר זעלבסט־באשטימונג און פארלאנג פארברידערונג (פראטערניזיישאן, הייסט עס) אויף אלע פראנטען.

„איך מאך אן ענגלישע, אדער וועלכע דו ווילסט אליין, דעקלאראציע וועגען א היימלאנד און איך וויל, מיר זאלען קאאפערירען אדער קאמוניסטיש גרינדען א נייעם אידישען לעגיאן פון קליינינקע בענגעלעך און מיידעלעך.

„איך וועל איביג שטעהן היטער'ן פרעזידענט און היטען דיך. איך וועל דיך לאזען עקספראפריאירען מיינע פארדיענסטען און איך וועל פאר דיר לעזען די אגרארי־פראגע אזוי, אז אויב שוין יא קייען די ערד, וועל איך זי ביי דיר קייען לויט אלע כללים פון דער דיקטאטור פון ווייבערישען פראלעטאריאט.

„און איך גיב דיר אן אולטימאטום: אין 24 שעה זיך צו זעהען מיט מיר אויף דער פריערענס־באנק אין הענסטער פארק.

„און מיר וועלען אונטערשרייבען א שלום־אפמאך און מיר וועלען מאכען באלד נאך דער חופה זיך אנהויבען גרייטען צו א נייעם פארצווייפעלטען קריעג. און אויב מיר וועלען, ווי די רוסען אין ניקאלאי'ס צייטען, ניט האבען קיין אמת'ע וואפען, וועלען מיר, ווי זיי, קעמפען מיט ציינער, מיט נעגעל, מיט קאטשערעס און מיט לאפעטעס״.

אט אזוי אדער אונגעפעהר אזוי וועט היינטיגען פריהלינג קלינגען א ליעבע־ערקלעהרונג. און דאס וועט זיין ניי, אָריגינעל און פיקאנט.

אבער ווייטער וועט עס זיין שרעקליך. א קליינינקייט: אזא מאנגעל אין מאנסבילען, אזא ליעבע־הונגער און דער פריהלינג קומט, קומט, קומט...

ווילען מיר האבען אינטערווענציע אין מעקסיקא?

פון מ. קאַלמשין.

True translation filed with the Postmaster at New York City on April 18, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס די גאַנצע וועלט איז פאַרנומען מיט דער פריעדענס-קאָנפערענץ, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, באָלשעוויזם א. ז. וו. דאָס זיינען וועלט-פּראַגען, די לעזונג פון וועלכע וועלען אַנריהרען און מוזען אַנריהרען אַלעמען. צוליעב אָט די אַלע שטרייטס-פראַגען אָבער טאָר מען ניט פאַרגעסען איינינע אַנדערע, וועלכע זיינען אויך וויכטיג, הגם ניט אַזוי וויכטיג, ניט אַזוי ברייט.

איינע פון אַזעלכע פראַגען — די וויכטיגסטע און ברענענדיגסטע, אויסער דער פרידענס-קאָנפערענץ און באָלשעוויזם, איז די מעקסיקא-פראַגע. מען באַשעפטיגט זיך אָבער מיט דער פראַגע זעהר ווייניג, הגם די אמעריקאַנער באַפעלקערונג איז אין גרויסער געפאַהר ווידער אַריינגעשלעפּט צו ווערען אין אַ נייער מלחמה.

דער ברייטער עולם ווייסט זעהר ווייניג פאַקטען וועגען דער נייער מעקסיקא-פראַגע. באַלד נאָך דעם ווי דער וואַפענשטילשטאַנד איז איינגעפיהרט געוואָרען אין אייראָפּא, האָט די פירמע פון מאָרגאַן און קאָ. אַרויסגעגעבען אַ סטייטמענט, אַז אַ קאָמיטע — פון צעהן אמעריקאַנער באַנקירען, פינף ענגלישע און פינף פראַנצויזישע — איז געגרינדעט געוואָרען „צו באַשיצען די פאָרעין אינוועסטאָרס אין מעקסיקא". נאָך דעם איז געקומען דאָס „נייעס" וועגען דעם, אַז יאַפּאַן האָט אָפּגעקויפט אָדער אַרענדירט אַ גרויסען שטיק לאַנד אין לאָוער קאַליפאָרניע, מעקסיקא, וועלכע איז רייך מיט אַלינאַפּט, און וועגען דער געפאַהר צו אַמעריקא. דאָס לעצטע „נייעס" איז דאָס אָנקומען אין מעקסיקא פון דעם באַוואוסטען מעקסיקאַנער גענעראַל בלאַנקוועט מיט אַ חיל פון פערציג טויזענד סאָלדאַטען, וועלכע איז „ערפאָלגרייך געגען דער איצטיגער מעקסיקאַנער רעגירונג" א. ז. וו. דאָס איז אַלעס וואָס דאָס ברייטע פּובליקום ווייסט.

עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך אַנדערע „נייעס", וועגען וועלכע די אמעריקאַנער באַפעלקערונג ווייסט ניט אָדער וועגען וועלכער זי האָט פאַרגעסען, און אָט די „נייעס" מוז מען געדענקען, ווען מען לייענט וועגען די אָפיציעלע „נייעס", כדי צו פאַרשטעהן וואָס די נייע מעקסיקא-פראַגע איז.

מעקסיקא, די אָרימסטע פון די אמעריקאַנער מדינות, איז רייך מיט נאַפט. זי איז אָבער „די אָרימסטע אמעריקאַנער מדינה", ווייל די נאַפט קוואַלען, ווי אויך אַנדערע רייכטימער פון מעקסיקא זיינען אַ לאַנגע צייט געווען אין די הענט ניט פון מעקסיקאַנער, נאָר פון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען. אין די אַלטע צייטען איז דאָס געווען גאַנץ פּשוט. קאַפּיטאַליסטען זיינען געקומען צו די רעגירער, האָבען געקראָגען קאָנצעסיעס אָדער אָפּגעקויפט גרויסע שטיקער לאַנד רייך מיט נאַפט און האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט. ווי אַזוי? דאָס פאָלק, די אָרימע פּויערים און אַרבייטער, וועלכע זיינען געשטאָרבען פאַר הונגער, האָבען געאַרבייט אויף די קאַפּיטאַליסטען פאַר שכירות, וועלכע האָבען ניט געקלעקט אַפילו אויף די נויטיגסטע באַדירפניסען. און די קאַפּיטאַליסטען, הויפּטזעכליך אמעריקאַנער, האָבען געמאַכט פּראָפיטען און האָבען ביסלעכווייז צוגענומען אַ גרויסען טייל פון מעקסיקא. עס איז געווען אַ גוט לעבען: די נאַפט-לאַנד האָט געקאָסט אַ קלייניגקייט, אַרבייטער זיינען געווען ביליג און קיין שטייערען האָט מען אויך ניט געדאַרפט צאָהלען.

דאַן איז געקומען דער פעריאָד פון רעוואָלוציעס אין מעקסיקא. מיר ווילען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען צו צייגען, אַז די רעוואָלוציעס זיינען געווען ענגפאַרבונדען מיט דיעזער ביטערער לאַגע פון די מעקסיקאַנער, ווי מיר ווילען אויך ניט רעדען וועגען דער ראָלע פון די אמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען אין דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע האָט זיך געענדיגט (אויב מען וועט זי ווידער ניט אָנפאַנגען) מיט דעם זיעג פון די „קאָנסטיטוציאָנאַליסטען", וועלכע זיינען געווען פאַרפליכטעט איינצופיהרען פּאָליטישע און איינינע עקאָנאָמישע רעפאָרמעס. צווישען די עקאָנאָמישע רעפאָרמעס זיינען געווען: לאַנד פאַר די פּויערים, וועלכע זיינען שוין לאַנג באַרויבט געוואָרען און וועלכע זיינען דעריבער שטענדיג געווען אין נויט און הונגער; נאַציאָנאַליזאַציאָן (טיילווייז) פון דאָס נאַפט-לאַנד און שטייערען פון גרויסע פאַרמעגענס; איינינע רעפאָרמען לטובה די אַרבייטער.

דאָס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען. לאַנד צו די פּויערים, וועלכע האָבען געאַרבייט אויף די קאַפּיטאַליסטען, כמעט אומזיסט? אַרבייטער געזעצגעבונג, דאָס רעכט צו אָרגאַניזירען זיך און צו סטרייקען און אַ מינימום וויידזש? צונעמען ביי די „געזעצליכע באַזיצער" דאָס נאַפט-לאַנד, דעם קוואַל פון מיליאָנען? די קאַפּיטאַליסטען זאָלען צאָהלען שטייערען? וואָס קען זיין ערגער פון דאָס אַלעס צו די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע זיינען געוואוינט געווען צו דעם „לוקסוס" פון דער אַלטער מעקסיקא?

די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען האָבען אָבער זעהר ווייניג געקענט טאָן: די אייראָפּעאישע מלחמה האָט געפלאַקערט און איהר פלאַם האָט געצויגען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, האָט צוגענומען די גאַנצע ענערגיע. אָבער גלייך נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָבען די באַנקירען געגרינדעט זייער „קאָמיטע צו באַשיצען די פאָרעין אינוועסטאָרס". און אַגיטאַציע האָט זיך אָנגעהויבען. פון איין זייט האָט מען דעם עולם געהיצט מיט יאַפּאַנס פאַרכאַפּען מעקסיקא און פון דער אַנדערער האָט מען אונז דערצעהלט, אַז אין מעקסיקא איז נאָך אַלץ ניט רוהיג, אַז דאָרט געהט נאָך אַלץ אָן אַ רעוואָלוציע. ספּעציעלע „אונטערזוכער" האָבען מיט אַמאָל אָנגעהויבען צו פאַרעפענטליכען זייערע באַריכטען, אין וועלכע זיי האָבען באַוויזען, אַז „אָהן הילף קען מעקסיקא ניט אויסקומען". איין באַריכט האָט פּשוט קריטיקירט די רעגירונגען, פאַרוואָס זיי געהען אויף דער אַנדער זייט צו קעמפּפען געגען די באָלשעוויקעס, „ווען דער ערגסטער באָלשעוויזם איז אין מעקסיקא און דער ערגסטער באָלשעוויק איז קאַראַנזא". און דער „אונטערזוכער" האָט עס באַוויזען מיט פאַקטען און ציפערען אין די הענט: קאָנפיסקאַציע פון לאַנד, שטייערען אויף די אויסלענדישע נאַפט-מאַגנאַטען, דאָס רעכט פון די אַרבייטער צו אָרגאַניזירען זיך און צו סטרייקען — נאָך ערגער פון באָלשעוויזם!

מען מוז דאָ זאָגען, אַז די גאַנצע אַגיטאַציע האָט דערווייל זעהר ווייניג געווירקט: דער עולם איז נאָך דערווייל ביזי מיט דער אַלטער מלחמה און אינטערעסירט זיך ניט מיט קיין נייער. דערצו איז די אַגיטאַציע ניט קיין געלונגענע. מען האָט זיך געסטאַרעט אָנפיהרען אַן אַגיטאַציע אויף אַ רעליגיעזען באָדען — די מעקסיקאַנער „באָלשעוויסטישע" רעגירונג איז געגען רעליגיאָן און גלחים — און די דריי אַרויסגעטריבענע מעקסיקאַנער אַרכיבישאָפס, וועלכע געפינען זיך איצטער אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, זיינען אַרויסגעקומען מיט אַן אויפרוף געגען אינטערווענציע און געגען מלחמה, „וועלכע עטליכע אויסלענדער ווילען ברענגען"; מען האָט פּרובירט דערציילען, אַז זאַפּאַטאַ און ניט קאַראַנזא איז דער אמת'ער הערשער פון מעקסיקא, און די מעקסיקאַנער רעגירונג האָט געשיקט איהר חיל געגען זאַפּאַטאַ און עס איז געוואָרען אויס זאַפּאַטאַ.

הכלל, די אַגיטאַציע איז ניט קיין געלונגענע: מען האָט ניט איבערצייגט דעם עולם, אַז אין מעקסיקא איז ניט רוהיג, אַז אינטערווענציע איז נויטיג. האָט מען זיך איצטער גענומען צו שאַפען אונרוה. „גענעראַל בלאַנקוועט מיט אַ פערציג טויזענד חיל איז אָנגעקומען קיין מעקסיקא צו קעמפּפען געגען קאַראַנזא!" געווים, עס איז באַלד דערוואוסט געוואָרען אַז די „פערציג טויזענד" זיינען בלויז עטליכע טויזענד, אָבער פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען? דאָס איז אַ פראַגע. גענעראַל בלאַנקוועט האָט ביז אַהער געוואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, ער האָט דאָ אַן אָפיס. ווער האָט איהם געשיקט, ווער האָט איהם געגעבען חיל און ווער האָט זיין חיל באַוואָפענט?

עס איז ניט וויכטיג, וואָס קאַראַנזא איז ניט קיין באָלשעוויק, וואָס מעקסיקא איז איצטער רוהיגער איידער זי איז ווען עס איז געווען, וואָס קיין רעוואָלוציע איז אין מעקסיקא ניטאָ, וואָס די קאַראַנזא רעגירונג רעגירט. וויכטיג איז דאָס, וואָס, ווי די אַרכיבישאָפס זאָגען, די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען ווילען אינטערווענציע, ווילען מלחמה געגען מעקסיקא. און זיי טוהען אַלעס וואָס איז מעגליך צו ברענגען אינטערווענציע און מלחמה. מען היצט דעם עולם, מען רייצט איהם אָן, מען גרייט איהם צו. ווער ווייסט וואָס וועט זיין שפּעטער, ווער ווייסט צו עס וועט די קאַפּיטאַליסטען געלינגען. עס קען זיין, אַז אין אַ געוויסען פּסיכאָלאָגישען מאָמענט זאָלען זיי אַזוי אויפרייצען די באַפעלקערונג, אַז זי וועט זיין מיט זיי. מיטלען צו טאָן דאָס האָבען זיי.

אויפ'ן וויליאמסבורג בריק

פון נפתלי גראַס.

איך געה שפּאַצירען אויף דער וויליאמסבורגער
בריק.
אונטען פון דעם וואַסער וואַקסט אַפיר די
גרויסע שטאָדט
און הויבט זיך, ווי אַ באַרג, אויף מיט מיליאָנען
ליכט און פייערען
הויך אין דער בלויער פריהלינג נאַכט אַריין.
ליכטיגע פּאַלאַצען, שלעסער, טורעמס
זיך שפּיצען ליכטיג אין דער בלויער פריהלינג-
נאַכט אַריין.
אַרום מיר רוישען באַהנען און געשפּאַנען
ליכטיגע פאַרביי;
אַרום מיר הוישט אין בונטע קליידער הער
און הין דאָס פאָלק.
ערגעץ אין די ליכטיגע פּאַלאַצען רוהט מיין פרייד.
און אפשר רוישט זי הין און הער אין מיט פון פאָלק
אַרום
און איך, פאַר איינזאַמקייט און בייַנקעניש
מוז געהן שפּאַצירען אויף דער וויליאמסבורגער
בריק.

פריהלינג און ליעבע

פעליעטאָן פון א. וואָהלינער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on April 18, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער פריהלינג קומט.

עס חויסט: קאַלט איז נאָך און מיט אַ באַנייטען קאַטאַר טראַגסטו זיך נאָך אַרום און געגען אינפלוענציע ביזטו נאָך ניט געזיכערט און די לונגען-קראַנקהייט שטעהט ביי דיר הינטער'ן רוקען. אָבער מיט פריהלינג שמעקט עס דאָך. דער הימעל איז לויטער, די זון שיינט, די בוימער — אָט-אָט נעהמען זיי גריינען, די גרעזלעך — אָט-אָט שפּראָצען זיי און אין האַרצען הויבט אָן אַזוי אַנגענעהם צו פּיאַכקען.

דו פיהלסט — ריידענדיג אויף דער ניימאָדנער מלחמה-שפּראַך — אַז עס קומט דער גרויסער „ספּרינג דרייוו", מיט וועלכען אַי די דייטשען, אַי די אַליאירטע האָבען אונז פאַר פיער יאָהר געסטראַשעט.

עס קומט דער גרויסער „ספּרינג דרייוו" פון ליעבע און ער פאָדערט אַלעמענס דיענסט, אַלעמענס זעלבסט-אויפאָפּפערונג, אַלעמענס איבערמענשליכע אָנשטרענגונגען. און דו ווערסט „געדראַפטעט", צי דו ווילסט, צי דו ווילסט ניט.

און ביסלעכווייז געהסטו אַריין אין דיין ראָלע, געהסטו זיך אָן מיט דער ריכטיגער התלהבות און וואַרפסט זיך אַריין אין קאַמפּף אויף טויט און אויף לעבען.

און אין קאַמפּף פאַרגעסט מען צו צעהלען די וואונדען. און אין ברען פון קאַמפּף ווייסט מען שוין ניט קיין חילוק צווישען „מען מעג" און „מען טאָר ניט", צווישען מיאוס און שעהן, צווישען אייגענס און פרעמדס.

טרעפט עס: מען פאַרליעבט זיך אין אייגענעם ווייב. טרעפט עס פאַרקעהרט: מען פאַרליעבט זיך אין אַ פרעמד ווייב. טרעפט עס: מען קריכט בלינדערהייד אין פייער. טרעפט עס, ווידער: גיט אַן אַלטער בחור אויף זיין פערציג-יעהריגע בחור'שע פעסטונג און פאַלט. טרעפען פאַרשיעדענע זאַכען אין די פאַרצווייפעלטע אַטאַקעס אויפ'ן מענער-געשלעכט פון דעם ווייבער-מין און פון זייער „עליוו" — דעם פריהלינג.

און היינטיגעס יאָהר וועט דער פריהלינג-קאַמפּף זיין נאָך בלוטיגער, נאָך שרעקליכער, נאָך פאַרצווייפעלטער. ווייל, ערשטענס, זיינען נאָך אַלץ מיליאָנען פאַרטרעטער פון דעם מענער-מין אויף די שלאַכטפעלדער. ווייל, צווייטענס, פעהלען שעהנע עטליכע מיליאָן מענער, וואָס זיינען באַגראָבען אויף די שלאַכטפעלדער. און ווייל, דריטענס, איז דער שונא אונזערער צוליעב די פיער יאָהר מלחמה אַן אויסגעהונגערטער.

און צוליעב דעם, וואָס מיליאָנען פון די בעסטע מענערישע פריהלינג-קעמפּפער רוהען אונטער צלמים און מגן-דוד'ס „ערגעץ אין פראַנקרייך", און צוליעב דעם, וואָס אַנדערע מיליאָנען וואַכען איבער'ן שלום אין דייטשלאַנד, עסטרייך, בולגאַריען, טערקיי און רוסלאַנד, ווערט אונזער היימישע מענערישע אַרמעע קלענער און שוואַכער. ביי אונז איז מייסטענס געבליבען בלויז דער „לאַנד-שטורם" — די האַלב-אַריסגעדיענטע, די האַלב-אונפעהיגע. אָדער עס זיינען געבליבען די גאַר יונגינקע, ביי וועלכע עס דרעהען זיך אַזוי גרינג די יונגע קעפּלעך און עס ווערען אַזוי שנעל פאַרשטאָרבען די יונגע, אונערפאַהרענע, ווייכע הערצלעך.

און אויף אונז, פערציג און פופציג-יעהריגע באַלעבאַטים, און אויף אונזערע זעכציגער און זיבעציג-יעהריגע „קדישים" וועט עס זיך אַ גאַס טאָן דער פריהלינג מיט זיינע גיפטיגע גאַזען, וועט אַ שטראָם טאָן מיט איהר גאַנצען טויטליכען פייער די פריהלינג-ליעבע, וועלען אַ שאָס טאָן די אונגעהליגע באַטאַרעען פון פרויען-אויגען. פרויען-לוסט און פרויען-שטרעבונג צו ליעבע און חתונה.

און ווי געזאָגט, דער שונא איז אויסגעהונגערט פון פיער יאָהר מלחמות. און אַז דו ווילסט, קענסטו אויף איהם רחמנות האָבען. און אַז דו ווילסט, קענסטו פאַר איהם פיהלען טויט-שרעק.

און איך פיהל רחמנות. און איך פיהל שרעק. און מיר גלוסט זיך אָפּ זיך אַוועקצושטעלען אין סאַמע ראַנגערס סקווער און אַזוי אַפעלירען צו מיין ברודער-מאַנסביל:

קום — ווילט זיך מיר אויסשריען — קום, אָ מענשען-פריינד, און זעה: גאַנץ געקעכטשטע פרויען-פיגורען און — פאַר וועמען זיינען זיי געשפּאָנען געוואָרען, יונגע, ברענענדע, ליכטיגע אויגען און — ווער וועט

וואקסט פלוצלונג אוים דער באס און שרייט — ניכער! ניכער!

— געבען איהם אט אזוי א מיכ׳ דער מאשין איבער׳ן כרצוף, געבען, יא?

— חי, חי, חי... — לאכען די מיידלעך שטיל.

— אז ער איז נישט מעהר ווי א שיק־אינגעל!

ער האט זיך שטארק איינגעבויגען און דאס בלוט האט איהם אין פנים גע־שפריצט.

ער שטעהט איבער די טרימינגס, ליגט זיי גלייך, גלייך. די טיר עפענט זיך, די שווערע, גראבע טיר, גלייך גע־נגאיבער איהם. ער הייבט אויף דעם קאפ. א מיידעל, אוי, ווי טרויעריג, ווי שווארץ איז איהר פנים, זי איז אודאי הונגעריג, זוכט א דזשאב, ער בויגט זיך אויס, שטעלט אוים די ברוסט, די פאונ־טיין פען איז אין וועסט־קעשענע, די פאונטיין פען האט ער דאך באקומען א מתנה, ווען ער האט דעם אטעסטאט גע־קראגען.

— גערענק, שרייב מיט איהר די די־סערטאציע... געוויס, ער וועט דאס טאן... אודאי, ער וועט שרייבען מיט איהר די דיסערטאציע... „מעדיצין און תלמוד"... און — אפשר „די געשיכטע פון טרי־מינגס"? יא, יא, א דיסערטאציע, דעם באס מיט די לאכעדיגע מיידלעך צו להכעיס, א דיסערטאציע....

— מיסטער, אפשר דארפט איהר אן ארבייטערין? — שטאמעלט דאס מיי־דעל צו איהם מיט געבעט.

— הייסט עס, ער איז נישט קיין שיק אינגעל! ער זעהט גאר אוים ווי א באס! ניין, ווי א באס׳עס זוהן, א קאלעדזש באי. יא, א קאלעדזש באי. ער וועט טאקי שרייבען א דיסערטאציע.

— באלד, באלד, ווארט א מינוט — ענטפערט ער איהר, ווייסט אליין נישט פאר וואס אזוי. ער פארריכט די פען אין קעשענע. די פען וואס ער האט באקומען ווען ער האט געקראגען דעם אטעס־טאט.

— וואס איז מיט דיר? וואס אר־בייטסטו נישט? שטעהט שוין ווידער לעבען איהם דער באס און שרייט.

קעהרט זיך דאס מיידעל אפ פון איהם, רעדט צום באס, צו דעם בעל עגלה יונג. און ער בויגט זיך איין אלץ מעהר און מעהר, דאס בלוט זעצט אין מח, זעצט ווי מיט שווערע האמערס.

— אז דו זועסט אזוי ארבייטען, וועל איך דיך אראפשיקען — ווארענט איהם דער באס.

און דאס מיידעל, די טרויעריגע, מיט׳ן שווארצען פנים קוקט און שמייכעלט, זי טראכט זיך אודאי און לאכט:

— זעה נאר, האט זיך געמאכט ווי ער וואלט געווען דער באס!...

— גענוג!

ער האט געלאזען די טרימינגס, דאס רעקעל אנגעטאן און געזאגט צום באס:

— באצאהלט מיר וואס עס קומט.

— אל רייט, געהט אפסטעירז — ענטפערט דער באס, טראכטענדיג אבי־סעל.

ער איז ארונטער מיט׳ן דאלאר אין האנט, אריינגעכאפט זיך אין א סאלון און אריינגעגאסען איין גלאז נאכ׳ן אנ־דערען און זיך פארשוואוירען:

— שטארבען פאר הונגער, זיך אויסציהען אין מיטען גאס — אוים! נישטא מעהר קיין שעפער אויף דער וועלט.

א גאנצען טאג האט ער זיך ארומ־געשלעפט איבער די גאסען, געגאנגען פון איין קאפע צו דער צווייטער, געטראפען זיך מיט באקאנטע און געשוואוירען:

— די וועלט זאל זיך איבערקעהרען! איך געה נישט ארבייטען.

שפעט ביינאכט, אז ער איז אהיים געקומען, האט ער מעהר ווי א ניקעל אין קעשענע נישט געפונען.

ער האט אנגעשטעלט דעם וועק־זייגער אויף פיער.

— מען דארף געהן זוכען א דזאשב.

איהם נגנעבען דעם שטעקען, אויב ניט צו שפאצירען מיט איהם?

וואלט דאך אלץ געדארפט זיין גוט און צופריעדענשטעלענד. אי מ׳איז אין דער מאדע, אי מ׳קען צו־ליעב טאן א גו־טען פריינד, אי ס׳איז דא אן וואס די הענד אנצוהאלטען.

איז עס אבער דאך ניט אינגאנצען גוט. פארפאלען, ניטא קיין זיסעס אהן קיין ביטערס — ווי עמערסאן זאגט ער־גיץ. און דאס ביטערע אין דעם פאל איז, וואס יאשקע דעם בעל עגלה׳ס קען זיך אויף קיין אופן ניט אויסלערנען צו האל־טען דעם שטעקען אזוי ווי מ׳דארף איהם האלטען אויף דער פינפטער עוועניו.

דאכט זיך, א קליינינגקייט, איא? אבער ס׳איז שוין גאר ניט קיין קלייניג־קייט ווען מ׳קען דאס ניט.

היינט שטעלט זיך נאר פאר די טרא־געדיע דערפון: יאשקע דעם בעל עגלה׳ס, וואס שטאמט פון דור דורות בעלי עגלות; א מענש, וועמעס פאטער און זיידע זיי־נען געווען די אנגעזעהענסטע פוהרלייט אין שטאדט, און וועלכע האבען געקענט קנאקען און סוויסטשען מיט דער בייטש, ווי קיין אנדער פוהרמאן אין שטאדט — אט דער יאשקע זאל ניט קענען האלטען אין האנד בכבוד׳יג א גאנץ געוועהנליכען, פשוט׳ען שטעקען!

געהט ער שפאצירען, אזוי טראגט ער דעם שטעקען אויף אזא מאדנעם אופן, אז מ׳מוז דאס באמערקען. מענשען קו־קען איהם נאך און שמייכלען. דער שטע־קען פלאנטערט זיך איהם פאר די פיס, ער איז איהם אין וועג אדער איהם, אדער אנ־דערע; פארטשעפעט זיך רק אין די פאר־ביינעהער׳ס קליידער; צי ער האלט איהם אין דער לענג, צי אין דער ברייט — ס׳איז די זעלבע צרה. דער שטעקען איז איהם מקצר ימים.

אפט מאכט ער אפ ביי זיך צו ברעכען די מאדע, צו מאכען אן עק, א סוף און אוועקווארפען דעם שטעקען. זיין כפרה זאל ער זיין.

נאר דא דערמאנט ער זיך, אז ער האט דעם שטעקען באקומען א מתנה, און אז געגעבען האט מען איהם, כדי ער זאל מיט איהם געהן, און אחוץ דעם האט ער מורא, אז ווען ער וועט ניט האבען דעם שטעקען אין די הענד, וועט ער זיך אודאי פאר־געסען און פארלענגען די הענד אויף היכ־טען — און אויף דער פינפטער עוועניו! וואס פאר א פנים וועט ער האבען?

און ער פיהלט, אז ער קען זיך מיט דעם שטעקען ניט שיידען, אז ער איז א קרבן פון אט דעם שטעקען!

פון דעם קענט איהר זעהן, אז דאס גליק ליעגט ניט דוקא אין עשירות און אז אפילו די נגידים האבען זיך זייער פעקעל צרות.

די פרויען־וועלט

פון ראזע בעדריק.

ארגענטינער פרויען פאדערען שטים־רעכט.

אין בוענעס איירעס האט זיך דא ניט לאנג געגרינדעט א פרויען־פארטיי, וועלכע האלט איצט אין ארגאניזירען די פרויען פון אלע קלאסען אין ארגענטינע נאך׳ן מוסטער פון דער אמעריקאנער פרויען־סאפרעדזש פארטיי. די הויפט פא־דערונג פון דער פארטיי איז — פאר־שטעהט זיך — פרויען־שטימרעכט. די גרינדערין און הויפט פיהרערין פון דער פארטיי איז סענארא יוליעטא לאנטארי דע רענסא, וועלכע איז אין ארגענטינע שוין לאנג באקאנט מיט איהר ראדיקאל־פאליטישער טעטיגקייט און מיט איהרע אפטע ארויסטרעטען אלס עפענטליכע פארטיידיגערין פון די ארגענטינער פרויען׳ס אינטערעסען.

די נייע פארטיי האט לעצטע וואך באקאנט געמאכט איהר פלאטפארם, אין וועלכער עס ווערט, חוץ דעם פרויען־שטימרעכט, געפאדערט אויך דאס רעכט פאר די ארגענטינער פרויען זיך צו בא־טייליגען אין דער נאציאנאלער און לא־קאלער רעגירונג צוגלייך מיט די מענער.

די פלאטפארם באהויפטעט, אז די פרויען באזיצען די זעלבע וואהל־און פאר־וואלטונגס־פעהיגקייטען ווי די מענער, און אז יעדע אויסטייטשונג פון דער ארגענ־טינער קאנסטיטוציע געגען פרויען־שטים־רעכט איז „אונווירדיג פאר דער איצטי־גער שטופע פון ציוויליזאציע".

די ארגענטינער פרויען שליסען זיך אן מאסענווייז אן דער נייער פרויען־פארטיי, וועמענס מאטא איז: „אלגע־מיינע גלייכבארעכטיגונג פאר אלע פרויען!"

* * *

פרויען אין ענגלאנד געווינען מעהר רעכט.

דער קאמף פון די פרויען אין ענג־לאנד פאר פאלשטענדיגער גלייכבארעכ־טיגונג מיט די מענער, וועלכער האט אין די לעצטע פאר יאהר געמאכט וואונדער־בארען פארטשריט און זיך אויסגעצייכנעט מיט זיין שנעלען פראגרעס, האט די טעג פארצייכנעט נאך א זיעג פון גאר גרויסער באדייטונג.

דעם 5טען אפריל האט דער ענגלי־שער פארלאמענט איינשטימיג אנגענו־מען די צווייטע פארלעזונג פון׳ם געזעץ־פראיעקט אפצושאפען די לעצטע פאר־בליבענע שטערונגען צו דער גלייכבארעכ־טיגונג פוןביידע געשלעכטען.

א גרויסען דאנק פאר דעם דאזיגען געווינס זיינען די ענגלישע פרויען שול־דיג דער דארטיגער מעכטיגער ארבי־טער־פארטיי, וועלכע האט דעם פראיעקט געשטיצט מיט אלע כוחות.

דער דאזיגער געזעץ־פראיעקט, וועל־כער איז באקאנט אונטער׳ן נאמען „דער פרויען־באפרייאונגס פראיעקט" (וויטמענס עמאנסיפעישאן ביל), האט געהאט דורכ־צומאכען א זעהר שווערען קאמף ביז די פארפאסער און פארטיידיגער פון׳ם פרא־יעקט איז געלונגען איהם אריינצוברענ־גען אין פארלאמענט און אויספיהרען, אז ער זאל דארט פארגעלייענט ווערען.

דער פראיעקט ענטהאלט דריי פונק־טען, פון וועלכע דער וויכטיגסטער איז דער פונקט, וואס פאדערט, אז די פרוי אין ענגלאנד זאל דורך הייראט ניט פאר־לירען דאס רעכט צו האלטען א ציווילען אדער געריכטס־אמט, אדער א שטעלע וואס ברענגט פראפיטען אדער איינקונפטען (למשל: פרעזידענט פון א באנק, די־רעקטאר פון אן אייזענבאהן, א. ז. וו.) ביז איצט האט, נאך׳ן ענגלישען געזעץ, אלעס וואס די פארהייראטע פרוי האט פאר־מאגט אדער פארדינט געהערט צו איהר מאן.

די וואס זיינען באקאנט מיט דעם אלטערטימליכען, טיעפאייננעווארצעלטען ענגלישען געזעץ וועגען דער באשרענקונג פון דער פארהייראטער פרוי׳ס רעכט אויף פערזענליכען אייגענטום אדער איינקונ־מען, די וועלען באגרייפען די אומגעהייע־רע שוועריגקייטען, וועלכע די ענגלישע פרויען האבען געהאט ביי׳ן צוקומען אין זייער קאמף פאר דער אפשאפונג פון׳ם דאזיגען אלטען פארשימעלטען געזעץ. אבער טראץ אלע שוועריגקייטען איז די ענגלישע פרויען, מיט דער שטיצע פון דער גרויסער ענגלישער ארבייטער־פאר־טיי, איצט געלונגען אפצושאפען די גרעס־טע און לעצטע שטערונג אין׳ם וועג פון זייער באפרייאונגס און אונאבהענגיג־קייטס באוועגונג.

אט דאס באטייט דאס איצטיגע אנ־גענומען ווערען פון׳ם דערמאנטען געזעץ־פראיעקט אין דעם ענגלישען פארלאמענט.

* * *

פרויען־ארבייטער האבען האלב שוין געוואונען. הלואי ווייטער!

דער אפענער בריעף פון די נויאר־קער פרויען־ארבייטער ארגאניזאציעס צו אונזערע געזעצמאכער אין אלבאני, וועגען וועלכען מיר האבען גערעדט פאר צוויי וואכען אין דער „גערעכטיגקייט", האט, ווייזט אויס, געטראפען ריכטיג אין ציעל. דער דאזיגער בריעף האט ניט נאר געמאכט א גאנצע רעוואלוציע אין אונזער שטאאט־סענאט, דערמיט וואס ער האט געבראכט צו אן ערנסטער שפאלטונג צווי־שען די רעפובליקאנער סענאטארען, נאר ער האט טאקע געפיהרט דערצו, וואס די פרויען־ארבייטער באשיצונגס געזע־צען, וועמענס אננעמונג דער בריעף האט אין קלארע און שארפע ווערטער געפא־דערט, זיינען פון די סע־נאטארען אנגענומען גע־וואר ען.

פאר־אכט־טאגען מיטוואך, דעם 9טען אפריל, זיינען אין׳ם שטאאט־סע־נאט אין אלבאני, אנגענומען געווארען די צוויי געזעץ־פראיעקטען, וועגען א מיני־מום־לוין פאר פרויען־ארבייטער, און וועגען באשטימען זייער ארבייטס־צייט אויף בלויז אכט שטונדען א טאג. דער דריט־טער פראיעקט, וועגען געזונד־פארזיכע־רונג פאר פרויען־ארבייטער, איז איבער־געגעבען געווארען צו א קאמיטע, צו מא־כען אין איהם אייניגע ענדערונגען.

עס פארשטעהט זיך, אז די אננעמונג פון די דאזיגע געזעץ־פראיעקטען אין׳ם סענאט וואלט ניט מעגליך געווען אהן דער שטיצע פון די עטליכע רעפובליקא־נער סענאטארען, וואס האבען זיך אפגע־ריסען פון זייער פארטיי־מאשין און גע־שטימט פאר די פראיעקטען, וועלכע הא־בען געהאט אויך דעם גאווערנאר׳ס רע־קאמענדאציע.

אבער מיט דעם סענאט׳ס אננעמען די פראיעקטען ווערען זיי נאך ניט קיין געזעצען; זיי דארפען אויך אנגענומען ווערען אין דער אסעמבלי, וואוהין זיי זיינען איצט איבערגעשיקט געווארען. וואס פאר א מזל די דאזיגע געזעץ־פרא־יעקטען וועלען האבען אין דער אסעמבלי איז שווער צו טרעפען. א מאל קען גע־מאלט זיין, אז נאך׳ן גאנצען רעש און טומעל, מיט וועלכען די פראיעקטען זיי־נען דורכגעגאנגען אין סענאט, זאלען זיי ערשט אין דער אסעמבלי־(ניט אויסגע־רעדט זאל זיין) באגראבען ווערען. א קשיא אויף אונזערע אסעמבלימען? !

* * *

פרויען־ליגע פראטעסטירט געגען דע־פארטירען ראדיקאלע פרויען, און גיט שוין, אגב אורחא, א „גאב" אויך מעיאר היילען.

די אינטערנאציאנאלע פרויען־ליגע האט לעצטע וואך אפגעהאלטען א גראנ־דיעזע פראטעסט־פארזאמלונג אין איי־נעם פון די זאאלען אין׳ם גרויסען הא־טעל מעקאלפין, און אנגענומען א שארפע פראטעסט־רעזאלוציע געגען דער געפלאנ־טער ארויסשיקונג פון אמעריקא פון איי־ניגע ראדיקאלע פרויען, וועלכע ווערען צו דעם צוועק איצט געהאלטען געפאנגען פון די אימיגראציאנס באאמטע אויף עלים איילענד.

די אנגענומענע רעזאלוציע איז גלייך פון דער פארזאמלונג אפגעשיקט געווארען צום „סעקרעטערי אוו לייבאר", וויליאם ב. ווילסאן.

אין איין וועגס האט שוין די פאר־זאמלונג אנגענומען נאך איין פראטעסט־רעזאלוציע, פארדאמענדיג מיט די שטארקסטע ווערטער די אונגעזעצליכע האנדלונג פון מעיאר היילען, מיט זיין אויפפאדערען דעם „באארד אוו אלדער־מען" אנצונעמען א געזעץ צו פארבאטען פרייע רעדע און פרייע פארזאמלונג, וואס ווערען געפיהרט אין אנדערע שפראכען, ניט אין ענגליש.

די רעזאלוציע ענדיגט זיך מיט די ווערטער „באשלאסען, אז די „אינטער־נאציאנאלע פרויען־ליגע" פראטעסטירט געגען דער אננעמונג פון אזא געזעץ, וואס וואלט געווען א פאלשטענדיגע פארלעצונג פון אונזערע קאנסטיטוציא־נעלע רעכט."

די דאזיגע רעזאלוציע איז ארויס־געקומען דערפון, וואס א פאר טעג פאר דער פארזאמלונג, נאכדעם ווי דער פלאץ און דער טאג פון דער פארזאמלונג איז שוין געווען ווייט און ברייט אנאנסירט, האט די פארוואלטונג פון׳ם האטעל מע־קאלפין, אויף א וואונק פון דער שטאדט־אדמיניסטראציע, געלאזט וויסען די פיה־רערינס פון דער ליגע, אז זיי קאנען ניט קריגען דעם זאאל, וואס זיי האבען אנ־גאזשירט פאר זייער פארזאמלונג אין דעם האטעל.

די פיהרערינס פון דער פרויען־ליגע, האבען באלד אויפגענומען א קאמף געגען דעם האטעל פאר ברעכען זיין אפמאך מיט זיי. דער סוף איז געווען, אז די פרויען האבען אויסגעפירט. די פארזאמ־לונג א י ז געהאלטען געווארען אין האטעל מעקאלפין. ניט מעהר, די פאר־זאמלונג איז געווען פינף מאל אזוי גרויס, ווי מען האט ערווארטעט. מאסען מענשען האבען געמוזט בלייבען דרויסען אדער געהן צוריק, ווייל אין זאאל איז שוין מעהר קיין פלאץ ניט געווען; און אנ־שטאט און פראטעסט - רעזאלוציע, גע־גען דער ארויסשיקונג פון די פארהאל־טענע ראדיקאלע פרויען, זיינען פון דער פארזאמלונג אנגענומען געווארען צוויי פראטעסט־רעזאלוציעס. די צווייטע רע־זאלוציע, וועלכע איז אנגענומען געווא־רען פון די פארזאמעלטע נאך מיט א גרעסערען פלאם און צארן איידער די ער־שטע, איז געווען געגען אונזער „הויכגע־שעצטער" שטאדט־אדמיניסטראציע, מיט מעיאר היילען בראש.

דער שרייבער באלל.

דער דריטער יעהרליכער באל פון די אידישע שרייבער וועט זיין דעם 3טען מאי אין ניו סטאר קאסינא, פארק עווע־ניו און 107טע סטרים. אבער מען דארף זיך שוין צוגרייטען מיט טיקעטס. דער היינטיגער באל וועט נאך זיין פיעל שעה־נער ווי די פריהערדיגע צוויי בעלער. פאר׳ן באל וועט זיין א גרויסער קאנ־צערט, וואו עס באטייליגען זיך פיער באריהמטע סטארס: דזשאזעף שליסקי, א וועלט באריהמטער זינגער; פעני ס. האסקעל, א באריהמטע אפערא זינגערין; העניי, א באריהמטער קלאסישער טענ־צער, און א באריהמטע פיאניסטין וועמעס נאמען מיר וועלען שפעטער פארעפענט־ליכען.

א טיקעט קאסט בלויז 1 דאלאר און עס איז גלייכער פריהער זיך צו באזאר־גען מיט טיקעטס, ווייל שפעטער קען זיין וועט מען ניט קריגען.

(שפ)ירדען. ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט די גרויסע צאהל לעזער פון דער „גערעכטיג־קייט", איז דער אפרוף א לעכערליך־קליינער. אפילו די גרויסע ביזי ביי קלאוקס קען עס נים פארגעספערען. אפילו די רייהע סטרייקס, וואס מיר האבען ביז איצט דורכגעמאכט, איז נים קיין תירוץ. פארקעהרט, ווען האבען נאך אזויפיעל צייט די ארבייטער צו לייע־נען, ווי אין דער צייט פון א סטרייק? נאר פון דעסטוועגען פארצווייפעלט זייגען מיר וויים נים. מיר האפען נאך אלץ, אז עס וועט שוין קומען. 2) וועגען מעאטער און בי־בער וועלען מיר געוויס אנהויבען צו שרייבען. ביז איצט איז נים געווען נים דער פלאץ און נים די־ נויטיגע אויפגעלעגטקייט דערצו. און אגב אלץ די זעלבע מעשה: מיר פרעגען זיך אלץ, זייגען אונזערע לעזער און לעזערינען ווירקליך פאראינטערעסירט אין דעם?

ב. קלארמאן. — עס וועט זיך אויס־פרעסען. קיינער האט נים געקענט ערווארטען, אז אלעס זאל אזוי גיך צוריק אריין אין דער געוועהנליכע „קאלעע".

מ. שעהן. — איהר ווילט גלאט טרעפען, און דאס איז א גרויסער חסרון. דער פאקט איז, אז ער האט א גוואלדיג־מורא'דיגע פעהיגקייט פאר ארבייט. מיר האבען זעל־טען־ווען געטראפען א מענשען, וואס זאל קע־נען אזוי פיעל הארעווען. דאס ווארט „מי־דיגקייט" עקזיסטירט נים אין זיין ווער־טער־בוך.

דזש. — מיר האבען איבערגעלייענט אייער גאנצען ארטיקעל, און מיר וואלטען איהם נים געדרוקט אפילו, ווען עס וואלט שוין נים געווען צו שפעט. דער ענטפער האט נים אין זיך די נויטיגע מעלה, דעם וואוכס צו וועלען פארשטעהן דעם געגנער. פאר־קעהרט, ער צייכענט זיך אוים מיט לאיערשע, בילינ־סאפיסטישע דריידלעך. מיר האלטען פאר נויטיג אנצואווייזען אויף זיי, אפילו ווען דער ענטפער אונזערער וועט אויסקומען שביסעל צו לאנג. 1) אייער אדווערטייז־מענט האט קיין טובה נים געטאן קיינעם, ווייל די קלאוקמאכער האבען נאך נים דעם פינפערעל אין קעשענע. און אויב די פאדע־רונג איז ווירקליך געמאכט געווארען נאר צוליעב דעם (וואס מיר גלויבען עס נים), האט עס געטאן דער יוניאן א גרויסע רעה, ווייל מיר דענקען, אז פאדערונגען דארפען נאר געמאכט ווערען אזעלכע, וועלכע זייגען בארעכטיגט און פארנינפטיג. דראפען זיך אויף די גליכע ווענד, דאס איז נים קיין ארבייט פאר א פאראנטווארטליכער גרויסער ארגאניזאציע. 2) מיר האבען געשריבען, אז מיר זייגען פערזענליך נים פאראינטער־רעסירט. און איהר ווייסט, אז דאס איז דער ריינער אמת. ווילט איהר דאך פארדרעהען דאס און ווארפען א חשד אויף אונזער באַ־הויפטונג. זעהר נים פיין. 3) איהר ער־קלעהרט, אז איהר האט עס געמוזט טאן, כאטש די יוניאן איז געווען דאגעגען. פרע־גען מיר אייך, ווארום האט איהר דעמזעלבען רעבעלישען גייסט נים ארויסגעוויזען אין דעם גאנצען משך פון א יאהר און א פער־טעל, מיט 10 מאנאטען, מיט 9 מאנאטען, מיט 4 מאנאטען, מיט 2 מאנאטען צוריק? ווא־רום האט איהר די גאנצע צייט אזוי מורא געהאט, און מיט אמאל, ערב דער קאנפערענץ, געווארען אזעלכע העלדען? 4) עס זייגען נים געמאכט געווארען קיינע אנצוהערעני־שען. עס איז אויך גארנים אויסגע'פשט'עלט געווארען. די כונה פון דעם אדווערטייז־מענט פון לאקאל 17 איז געווען קלאר פאר יעדען דענקענדען מענשען. און מיט דרייד־לעך און א כלומר'שטדיגען אנשטעל פון גבורה און ענטריסטונג קען מען קיינעם די ציהן נים פארריידען. 5) צו מען מעג, צו נים אגיטירען אין דער צייט, ווען מענ־שען געהען צום באלאט־באקס, דאס וועלען מיר זיך נים אונטערנעהמען צו ענטשיידען. עס פיהרט זיך אבער, אז אין דער צייט, ווען די וואהלען געהען שוין אן, ווערט דער קאמ־פיין אפגעשטעלט. דאס הייסט, אז מען דענקט, אז דער עולם האט שוין געפאסט זיין באַ־שטימטע מיינונג, און יעדע אגיטאציע איז איבעריג. 6) דער דזשאינט באארד, ווי מיר פארשטעהען, איז א קערפערשאפט, וואס באַ־שטעהט פון די דעלעגאטען פון די פארשיע־דענע לאקאלס פון דער קלאוקמאכער יוניאן. פאלגליך, אז די מאיאריטעט דעלעגאטען שטי־מען פאר א געוויסען פארשלאג, הייסט עס, און עס קען נים האבען קיין אנדער מיין, ווי דאס די מייסטע לאקאלס זייגען איינ־שטימיג דערצו. ווען נים, וואלטען די לאָ־קאלס געווים פראטעסטירט. דארום איז פאלש די באהויפטונג, אז דער דזשאינט באארד האט איינבארופען די קאנפערענץ אהן דער צושטימונג פון דער מאיאריטעט לאקאלס. 7) די פראגע פון וואך־ארבייט פאר דעם אפריימאר קען נים ענטשיידען ווערען דורך דעם ענטפער, אז דער פרעסער, וואס ארבייט פון וואך, איז עקאנאמיש ערגער אפ, ווי דער אפריימאר, וואס ארבייט פון שטיק. עס איז דא, אפשר, א חילוק צווישען אן אפריי־טאר און א פרעסער דורך דעם סארט ארבייט, וואס זיי טוען. אפשר קען יעדער ווערען א פרעסער, אבער נים יעדער קען ווערען אן אפ־רייטאר. אפשר אום זיך אויסצולערנען זיין א גוטער אפריימאר נעהמט א יאהר, און א פרעסער בלויז א מאנאט. ווען מען וויל וויסען, וואס לוינט זיך בעסער פאר דעם אפ־רייטאר: שטיק אדער וואך־ארבייט, דארף מען פארגלייכען צוויי אפרייטארס, פון וועל־כע איינער ארבייט פון שטיק און דער אנ־דערער פון וואך. 8) אייער משל מיט דאק־טוירים און דענטיסטען איז א נארישער. זיי זייגען נים קיין לויןארבייטער איבערהויפט. פון דעסטוועגען לאמיר אייך דא זאגען, אז אין גאר פארטגעשריטענע קרייזען פון דער פראפעסיאנעלער וועלט טראכט מען שטארק וועגען דעם, ווי אוועק־צומאכען מיט דער זאגענאנטער פריוואט־פראקטיקע, און איינפיהרען קהל'שע פראק־טיקע, אזוי אז אויך א דאקטאר זאל קענען זיין אויף דעמזעלבען סטאטוס, ווי אן אר־בייטער אין אלגעמיין. רוזוועלט האט נים געשריבען, ווען ער האט נאר געקענט, פון שטיק. ער איז געווען פאר א צייט אנגע־שטעלט מיט א באשטימטען געהאלט אין דעם „אוטלוק", נאכהער אין „מעטראפאליטען", נאכהער אין א צייטונג אין קענזעס. דער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט" אר־בייט נים פון שטיק, ווי איהר מיינט; ער וועט נים קריגען עקסטרא באצאהלט, ווייל דער ענטפער צו אייך איז אזא לאנגער. ער קען איין וואך אויספילען די גאנצע צייט־טונג, די צווייטע קיין שורה נים שרייבען, און זיין געהאלט איז דער זעלבער. ער איז א וואכען־ארבייטער. דער ביישפיעל מיט די בעאמטע איז נים געווען קיין וויץ. עס איז געווען אן אילוסטראציע פאר אייך און פיע־לע אנדערע, ווי ווייט וואך־ארבייט שטעהט העכער פון שטיק־ארבייט. 9) איהר האט א טעות, מיינענדיג, אז אלע בעאמטע דארפען וועלען די איינפיהרונג פון וואך־ארבייט, ווייל דאן וועלען זיי אויך קריגען בעסער באצאהלט. יע, געוויסע בעאמטע, נויטיגע, עהרליכע, וועלען געוויס קריגען בעסער באַ־צאהלט; אבער מיט דער איינפיהרונג פון וואך־ארבייט וועט די יוניאן אוועקגעשטעלט ווערען אויף אזא געזונטען באדען, אז גאר א היבשע ביסעל בעאמטע וועלען ארויספאַ־לען, ווייל עס וועט נים זיין וואס צו טאן פאר זיי, און וועלען מוזען געהן ארבייטען. 10) איהר זאגט, אז אהן א יוניאן לוינט זיך דעם באס בעסער האבען שטיק־ארבייט. זאל זיין אזוי. שטעלט זיך די פראגע, וואַ־רום האט די באסעס געלוינט צו האבען שטיק־ארבייט פאר די לעצטע ביין יאהר, זיינט די קלאוקמאכער יוניאן איז געווארען יע מעכטיג? די העכערונג פון די פרייזען אויף שטיק־ארבייט יעדען סעזאן איז נים ווערט קיין שום פולווער. זעהט איהר, די העכערונג פון פרייזען אויף וואך־ארבייט איז פון גרויסער באדייטונג. און אויב די יוניאן איז שטארק גענוג ארויפצוטרייבען דעם פרייז אויף שטיק־ארבייט, טו ווארום מוז זי עס בלייבען ביים שטענדיגען פרייז, ווען עס איז איינגעפיהרט וואכען־ארבייט? און וועט דער באס פרעגען: אויף וועלכען גרונד? וועט זיין דערזעלביגער תירוץ: ערשטענס, זייגען די ארבייטער מעהר איינגע־טריים, זיי מאכען מעהר ארבייט, מוזען זיי קריגען מעהר באצאהלט. און, צווייטענס, די פאדערונגען פון דעם ארבייטער — דער סטענדערד אוו ליווינג — שטייגען, מוז אויך דער ארבייטס־פרייז שטייגען.

אין א פרעמדער וועלט

(ערצעהלונג)

פון ש. ערדבערג.

וואך נאך וואך, טאג ביי טאג, שטעהט אויף אברהם יודין גאנץ פריה, ווארט א פאר שעה אלע מאל ביי אן אנדערען שאפ, טרייסט זיך און האפט:

— היינט, יא, היינט קריעג איך א דזשאב, עפעס זאגט מיר דאס הארץ, — היינט!

ווי פריה ער זאל זיך נישט פעדערן, טרעפט ער אלץ עטליכע ניכערע, פריה־ערדיגע פאר זיך. דער טויער עפענט זיך, ער געהט ארויף און — מען דארף שוין נישט. געהט ער ארונטער אין גאס און טראכט זיך:

— בעסער אזוי, וואס דען? ער וועט ליגען אין שאפ און אפפינסטערען די פאר יאהר? אברהם יודין אן ארביי־טער? א געלעכטער! אזא נאמען? — ניין. א, א פראפעסאר אין אן אוניווער־זיטעט, א גרויסער זשורנאליסט, א רע־דאקטאר — אברהם יודין, בעסער אזוי.

נאר אויב א פראפעסאר, א גרויסער זשורנאליסט, אדער נאר א רעדאקטאר איז אפשר געווען אביסעל צופיעל, איז ער אבער פון אן ארבייטער געווען גאנץ ווייט. צו זיבעצעהן יאהר האט ער גע־האט „סמיכה". אין עכליכע יאהר ארום אן אטעסטאט אויף אכט קלאסען, אנ־געלייענט א וועלט און געווען איידעל און צארט, ווי אין מילך געבאדען.

נו, און רענט? עסען? געהט ער מארגען ווידער זוכען ארבייט. האט דאך יעדער מענש זיין שעה. אברהם יודין האט ענדליך געקראגען א דזשאב.

— אהא, גאר נישט געפעהרליך. גאט פארלאזט נישט. ביים קאטער וועט ער שטעהן, גלייך לייגען די טרימינגס. אי, נאר פינף דאלאר א וואך? איז עס דאך אבער כמעט קיין ארבייט נישט. גענוג, גאנץ גענוג.

ער איז צו צום קאטער'ס טיש.

— ווי רופט מען אייך? — פרעגט איהם יענער.

— יודין, אברהם יודין.

— צום טייוועל! — ס'טוט איהם באנג, נאך וואס האט ער אויסגעזאגט דעם אמת'ן נאמען? נישט געקענט עפעס אויסטראכטען? נו, פארפאלען, ער האט שוין אויסגעזאגט: אברהם יודין.

— טו אוים דאס רעקעל — זאגט דער קאטער, — אזוי וועט איהר נישט קענען ארבייטען.

זאל זיין אזוי. שטעהט ער אין וועסט־הויזען מיט די ארבעל פון העמד. איי, וואס פאר א גרויסער שאפ — האט ער איצט ערשט דערזעהן — מיין גאט! און מיידלעך? הונדערטער. זיי קוקען צו איהם און קוקען, ער פארשעהמט זיך, ווערט רויט: אהן א רעקעל... די פאונ־טען פען שמעקט אין וועסט קעשענע, די פאונטיין פען מיט'ן מאנאגראם, וואס ער האט פון חברים באקומען א מתנה, ווען ער האט געקראגען דעם אטעסטאט...

— גערענק! — שרייב מיט איהר די דיסערטאציע — האבען זיי איהם אנ־געזאגט. — געוויס. ער וועט דאס טאן. די דיסערטאציע וועט ער מיט דער פען שרייבען. „סעדריצין און תלמוד" און — אפשר „די געשיכטע פון טרימינגס"?...

— ארבייט! ארבייט! — האקט איהם עפים אין מח — האסט געקראגען א דזשאב, היט איהם!

בויגט ער זיך איין, לייגט גלייך די טרימינגס און האט מורא די אויגען אויפ־צוהויבען.

— נארישע, שלעכטע מיידלעך! וואס קוקען זיי?...

— דיגער, שוין? נו, ס'איז גאר נישט. איידער די קוקסט זיך ארום. עפעס ברעכט דער רוקען? וויים איך וואס — ס'איז גאר נישט.

שפעטער פון אלע איז ער ארונטער, אז זיי קוקען אזוי... געקומען צוריק, לייגט גלייך, גלייך. די מאשין שניידט, שניידט... מ... מ... מ... ברומט זי.

— ליעבער גאט, ווען וועט שוין ווע־רען נאכט? באלד, באלד. שוין, ער האט נישט געווארט, ארונטער גלייך מיט אלע.

ער איז אהיים געגאנגען, אבגעגעסען און אריין אין בעט.

ליגט ער אזוי, מיט אפענע אויגען און טראכט:

— נאך וואס, אייגענטליך, איז ער גע־קומען נאך אמעריקא? אהא, שטודירען, לערנען פאר דאקטאר, ווערען א פראפע־סאר. אין דער היים זייגען אלע טויער־רען פארמאכט. דייטשלאנד? מוז מען האבען קורח'ס אוצרות. און אין פאריז איז דען בעסער? אמעריקא! וועלוועל פריקאשטשיק איז געפאהרען נאך אמערי־קא און געווארען א דאקטאר. גלייך לייגען, צונויפלייגען טרימינגס איז גאר נישט אזוי שווער, ער וועט פארדינען, לערנען, געלויבט דער אויבערשטער.

אויפגעכאפט זיך אין דער פריה, פיין. נאר נים געשלאפען, און א דאנק גאט, דארף זיך נישט ברעכען דעם קאפ זו־כען א דזשאב. ער האט וואו צו געהן, האט א דזשאב. מיטוואך נעהמט ער געלד, אויסגעצייכענט.

ער איז אריין אין שאפ ווי א ווינט, גלייך ארונטערגענומען דאס רעקעל, גע־קוקט שוין אפילו איבער'ן שאפ צו די מייד־לעך.

— יודין, ברענגט מיר די שנייד מא־שין — זאגט איהם דער קאטער — זי איז אין דער אנדערער רום.

— דורכגעהן פארביי די אלע מייד־לעך אהן א רעקעל? טראגען די שנייד מאשין ווי א שיק אינגעל?

און ווי איינער וואס געהט דורך צוויי שורות סאלדאטען און זיי האלטען אי־בער איהם זייערע ריטער, איז ער אן איינ־געבויגענער, רויט ביז איבער די אוי־ערען נאך דער מאשין געגאנגען.

און צוריק מיט דער מאשין? איין גאט איז זיין עדות! ווען די פאדלאגע ברעכט זיך אונטער איז גאר עפעס אנ־דערש. אוי, ווי גוט וואלט דאס געווען. ער וואלט אראפגעפאלען, אלע וואלטען אראפגעפאלען, אלע, אלע...

— זעה נאר, ווי דאס קריכט! —

דער שטעקען

פון ב. ראטהשטיין.

יאשקע דעם בעל עגלה'ס איז געוואַ־רען א נגיד.

יא, יא, יאשקע דער פוילער, דער לא יוצלח, דער שלימזל איז געווארען אן עושר, א גביר, פארמאגט שוין אפשר א מיליאנטשיק.

קענט איהר דאס באנעהמען? גלויבט זיך אייך דאס? באגרייפט איהר דאס כאטש?

יאשקע דער „בלייענער פויגעל", וועל־כער האט צו קיין זאך נים געטויגט, וועל־כער האט אין ערגעץ נים געקענט ארביי־טען, וועלכער האט זיך צו קיין שום מסחר נים געקענט נעהמען — אט דער יאשקע דעם בעל עגלה'ס איז היינט — א שררה, לעבט ממש ווי א גראף.

ווי אזוי איז דאס געשעהן, פרעגט איהר? אסור אויב איך וויים. און צו וואס איז עס דען נויטיג צו וויסען? נוי־טיג צו וויסען איז נאר, אז צו ווערען רייך דארף מען נים זיין קיין געניע, קיין חכם, קיין למדן. פארקעהרט. די זאכען שטע־הען אמאל אין וועג, שטערען אפט — ווי צו־גרויסע מעלות צו א מיידעל'ס שידוך.

— און סיי ווי סיי קריגט מען דאך די אלע און נאך א סך אנדערע מעלות מיט'ן פולען בייטעל, מיט'ן פעטען טייסטער. ווארים עס איז דאך א כלל, אז ווער עס איז רייך דער איז קלוג, דער איז שעהן און טוגענדהאפט.

וואס איך וויל זאגען איז נאר דאס, אז אט דער יאשקע דעם בעל עגלה'ס, וואס האט אמאל נים געהאט קיין פוטער צום ברויט און גאנץ אפט אויך נים קיין ברויט אהן פוטער; וואס האט קיינמאל אין זיין לעבען קיין לייטישען בגד אויף זיין לייב נים געהאט, און היינט קען ער יעדען טאג עסען א געבראטען היהנדעל מיט פוטער און זיך אנטאן אין די שעהנסטע בגדי אלרייטניק — אט דער יאשע איז פונ־דעסטוועגען נים אינגאנצען גליקליך.

און די אורזאכע דערפון איז א פשוט'ער שטעקען, א געוועהנליכער שפאַ־ציר־שטעקען וואס מ'קען קויפען פאר עט־ליכע גראשען, און מיט וועלכען לייטען באנוצען זיך ווען זיי שפאצירען אין גאס.

פאראן צרות אויף דער וועלט, גלויבט מיר!

צו שפאצירען אן אויסגעפוצטער נאך דער לעצטער מאדע אויף דער פינפטער עוועניו, אהן א שעהנעם שפאציר־שטעקען אין האנד, איז — איז — אז איך קען נאר קיין פארגלייך צו דעם נים געפינען.

ווארים ערשטענס באמבלען זיך ביי יאשע'ן נאך צוויי לאנגע הענד, און ס'איז נימא וואו זיי אהינצוטאן. אמאל, ווען ער איז נאך געווען א גרויסער קבצן, פלעגט ער פארלעגען די הענט אויפ'ן הינ־טען. היינט אבער לעבט ער אין אן אנ־דער וועלט, אין א וועלט מיט געוויסע אנגענומענע מידות און מנהגים, אין א וועלט וואו מ'איז נים קיין הפקר־קינד און מ'קען נים טאן וואס מ'וויל — אין א וועלט וואו מ'שפאצירט מיט א שטעקען אין האנד. ווי אפט, אך, ווי אפט פיהלט ער אז עס ציהט, אז עפעס שלעפט איהם צו פארלעגען די הענד אויף הינטען! אבער ער וויים, אז דאס טאר מען נים. דאן קומט איהם דער שטעקען שטארק צו־ניץ. מיט ביידע הענד כאפט ער זיך דאן אן איהם אן, אזוי ווי איינער וואס האלט אין פאלען כאפט זיך אן אן דעם ערשטען בעסטען אפהאלט.

צווייטענס, האט ער דעם שטעקען באַ־קומען א מתנה פון א זעהר אנגעזעהענעם מענש, און ער פיהלט, אז אחוץ דער מאַ־דע מוז ער מיטנעהמען דעם שטעקען אין וועג אריין, כדי נים צו באליידיגען זיין פריינד. ווארים צוליעב וואס האט יענער

קלאוק אפעריי̆טארס יוניאן לאק. 1

א. ל. ג. וו. י.

אפיס 238 פערטע עוועניו. טעלעפאן גרעמערסי 1063

א רעגעלער לאקאל מיטינג וועט אפגע־האלטען ווערען דיעזען שבת, דעם 19טען אפריל, 1 אוהר נאכמיטאג, בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.

ברידער, צוליעב דעם ביזי סיזאן זיינען קיין לאקאל מיטינגען ניט אפגעהאלטען געווארען און עס האבען זיך דארום אנגעקליבען פיעלע וויכטיגע פראגען צו פארהאנד־לען. איהר זייט דארום אויפגעפאדערט צו אטענדען דיע־זען וויכטיגען מיטינג אום צו פארהאנדלען דיעזע אלע פראגען.

עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1

פ. קאטלער, מענעדזשער מ. וואלבערג, טשערמאן

ס. דזש. רינגער, סעקרעטער.

אלע וויסט און דרעסמאכער

זיינען איינגעלאדען צו א

מאי פעסטיוואל און זיעג־באלל

געגעבען געווארען ביי

טאקערס און העמסטיטשערס

ברענטש פון דער לידיעס וויסט און דרעסמאכערס יוניאן לאקאל 25.

אין

פראגרעסס קאסינא, 28–30 עוועניו „איי" מיטוואך, דעם 30טען אפריל, 1919

מוזיק ביי יוניאן ארקעסטער.

טיקעטס 25 סענט. העט טשעקס 15 סענט

עס איז אייער פליכט צו אטענדען דעם

מוני מאס־מיטינג

אין

מעדיסאן סקווער גארדען

דעם 1טען מאי, 8 אוהר אבענד

מיר ערווארטען יעדען מעמבער פון דער אינטערנעשא־נאל צו זיין אנוועזענד ביים מיטינג.

לעזט

„די ארבייטערשאפט און גערעכטיגקייט אין דער מוני קייס."

(15 סענט א קאפי) .צו באקומען אין רום 82, ביבעל הויז, נ. י. סיטי.

אידישע און רוסישע פאלקס ליעדער

אלמא **גלוק** דיבאריהמטע סאפראנא

אפרים **צימבאליסט** דער באוואוסטער וויאלינ̇יסט

זונטאג נאכמיטאג, 20טען אפריל — אין היפאדראם.

טיקעטס פון 75 סענט ביז $3.00

ניו יארק: וועג יוגא מיוזיקאל סאסייעטי, 220 וו. 42טען סט., רום 1614; „פארווערטס" אפיס, 175 איסט בראדוויי.

בראנקס: סטוירן׳ס דזשועלערי סטאר, 1337 ווילקינס עוועניו; סודאקאוו׳ס סטאר, 442 קלערמאנט פארקייעי.

ברוקלין: קאץ׳ס דראג סטאר, 78 גרעהעם עוועניו.

בראנזוויל: לייבאר לייסעאום, 220 סעקמאן סטריט; לעווינסאנ׳ן מיוזיק סטאר, 1759 פיטקין עוועניו.

ארענזשירט פון דער „וועג יוגא מיוזיקאל סאסייעטי" פאר בראנזוויל לייבאר לייסעאום.

סקאטט ניערינג

האט אנגעשריבען א קארעספאנדינג־קורס וועגען

דער מענשליכער עלעמענט אין עקאנאמיקס.

3 מאנאטען־טעקסט־בוך און עקזאמי־נישאנס פאר 5 דאלאר.

5 אנדערע קורסען אין סאציאליזם, היסטאריע א. ז. וו. ביי אלדזשערנאן ליע, מאררים הילקוויט און אנדערע.

שרייבט צו:

RAND SCHOOL
7 East 15th St., Nw York City

טעל. ארטשארד 2186

שיטצען האלל

12 סט. מארקס פּליים

זעהר שענע און בעקוועהמע מיטינג רומס.

א סטריקטלי יוניאן הויז.

טוירטעלטויב & שייפער, מענ.

וואס יעדער מעמבער פון לאקאל 23 דארף וויסען און געדענקען וועגען קראנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעל־דעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אן אייער ריכטי־גען אדרעס, דעם פלאר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין באָרד, גיט אן דעם נאמען ביי ויע־מען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האספיטאל גיט אן דעם נאמען פון האספיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאג וואס איהר האט זיך אפיציעל גע־מאלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאן דאקטאר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאקטוירים, סערטיפיקייטס פון לא־דזשען אדער פאראיינען וועלען פאזי־טיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאקטאר׳ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאל אין וואך אין אפיס פון יוניאן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בא־רעכטיגט די וועלכע האבען איינגע־צאלט אמווינציגסטען פאר איין מא־נאט בעפאר ער אדער זי האט זיך גע־מאלדען קראנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאנאטען, ווערט איהר פאר־רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואך בענעפיט ווערט געצאהלט אויפ׳ן 10טען טאג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואנדער, מענעדזשער.

סטראטמאר פרעס

אפ־טו־דייט פרינטינג

447 פוירל סטריט, ניו יארק.

20

יאהר טרינקט שוין די וועלט קאלאמביא טהעע, און דערוייל האט מען נאך ביז יעצט קיין בע־סערע טהעע ניט אויס־געפונען — בלויז א י י ן סארט טהעע איז דא וואס שמעקט עטוואס רייכער, און דאס איז —

צוויעטאטשני טשאי

כשר לפסח

די בעסטע און געזונדסטע טהעע פיר׳ן מאגען.

צוויעטאטשני טשאי קומט אין נומער 240, נומער 300 און נומער 500.

הויפט ווערהויז פון קאלאמביא טהע, צוויעטאטשני טשאי, ווהייט לילי טהע, קאלאמביא קאפע און ווהייט לילי קאקא

185 דיוויזשאן סטריט

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערס.

90־484 6טע עוועניו, ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לענארד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

די יוניאן־קאאפּעראטיוו סאסייעטי

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן

פערקויפט אויסשליסליך

ווייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. ברע.

סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט, נ. י.

א פאלקס-טעאטער

פון דזשאזעף קאווען.

מאנכע פון די גרויסע ארטיסטען אויף דער ענגלישער ביהנע האבען שוין לאנג בעפאר געשטרעבט צו שאפען א פאלקס-טעאטער, וואו די ארבייטער זאלען קאנען זעהן גוטע, ליטעראַרישע פיעסען פאר בילינע פרייזען. דאס האט זיך זיי אבער בעפאר ניט איינגעגעבען. איצט איז אבער א נייע צייט, די צייט איז איצט רייף פאר אונטערנעהמונגען וואס זאלען זיין צום בענעפיט פון פאלק. די ארבייטער פון אומעטום נעהמען איבער דעם קאנטראל איבער דער וועלט אין זייערע הענד, און יענע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וואס האבען בלויז געדיענט די פריווילעגירטע קלאסען פאנגען אן פארשווינדען.

„די קונסט מוז זיך אנטוויקלען צוזאמען מיט'ן לעבען גופא.” דאס לעבען ווערט אפגעפרישט דורך דער קונסט, און די ריינע קונסט, דער אויסדרוק פון לעבען, באקומט פרישע בלוט. דאס אנקומען פון'ם פריהלינג גיט א נייעם טאן צום געזאנג פון די פויגעל, און דאס אנקומען פון דער פריהלינגס-צייט אינ'ם לעבען פון די ארבייטער מאסען האט געגעבען א נייעם טאן צו דער קונסט פון דער וועלט.

אלזא איינינע פון די גרויסע ארטיסטען אין דער טעאטער וועלט האבען דערהערט דעם רוף פון דער באלעבטער, נייער צייט און עס וועט געשאפען ווערען אן ארבייטער טעאטער. דער ארבייטער טעאטער קומט אלס אן אנזאג פון דער אנקומענדיגער נייער צייט, און זיין עקזיסטענץ וועט ווייזען, אז דאס נייע האלט ווירקליך אין אנקומען.

און מיר רופען אויס: אוועק מיט די פריווילעגיען פון טעאטער! אוועק מיט די הויכע פרייזען פאר טיקעטס, אוועק מיט די באקסעס, גאלעריעס, זייטיגע אריינגאנגען און אלע אנדערע ערנדריגונגען פון'ם קאמערציעלען טעאטער. דער טעאטער זאל זיין דער גייסטיגער לעהראנשטאלט און אמוזירונגס-פלאץ פון'ם פאלק. אין דעם טעאטער וועלען געוויזען ווערען בילדער פון'ם ווירקליכען לעבען, — אוועק מיט די שונד פלוידערייען! דער טעאטער וועט שטרעבען צו אנטוויקלען די אידעאלע שטרעבונגען פון דער מענשהייט און עס וועט זיך דארט אפשפיגלען די שעהנקייט פון לעבען.

דער פאלקס-טעאטער וועט זיך עפענען מיט א קאנפאקטער מאסע הינטער איהם. ער עפענט זיך אונטער'ן אויפזיכט פון די „יונייטעד לייבאר עדיוקיישאן קאמיטע”, וואס האט א מעמבערשיפ פון איבער 200,000. אין דער קאמיטע זיינען פארטראטען די פאלגענדע ארגאניזאציאנען: די אמאלגאמייטעד קלאָדינג ווארקערס, דער דזשאינט באארד, די פענסי לעדער גודס ארבייטער יוניאן, די פאריערס יוניאן, די דזשועלערי ארבייטערס יוניאן, די קעפמייקערס יוניאן, די ווימענס טרייד יוניאן ליעג, די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און דער ארבייטער רינג. עס איז דעריבער ניטא דער מינדסטער צווייפעל דאס דיזע גראנדיעזע אונטערנעהמונג וועט געקרוינט ווערען מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

דער טעאטער וועט געעפענט ווערען מיט דריי פארשטעלונגען אין אנפאנג פון קומענדען מאנאט אויגוסט. פיעסען וועלען געשפיעלט ווערען פון באריהמטע פארפאסער פון אן אינטערנאציאנאלער רעפוטאציע. די פיעסען וועלען געשפיעלט ווערען פון ערנסטע, אינטערנאציאנאלע אקטיארען און דער טעאטער וועט דירעקטירט ווערען פון ריטשארד ארדינסקי, ב. איידען פיינא און עמאנועל רייכער. מר. ארדינסקי איז גוט באוואוסט אין אמעריקא, אין אויך אין אייראפא, וואו ער האט געארבייט צוזאמען מיט דעם וועלט באריהמטען מאקס ריינהארט. מר. פיינע איז גוט באוואוסט אין אמעריקא און אין ענגלאנד, וואו ער האט ארגאניזירט קונסט-טעאטערע. וואס אמבאלאנגט מר. רייכער, ווערט ער אנגערופען „דער פאטער פון דעם מאדערנעם רעאלאזים”, ער איז איינער פון די גרינדער פון דער מאדערנער ביהנע.

ביז וואנען דער ארבייטער טעאטער וועט זיין בכח אויפצובויען אן אייגענעם, מאדערנעם טעאטער, וועלען די פארשטעלונגען דערווייל געגעבען ווערען אין א טעאטער וואס וועט נעדונגען ווערען פאר דעם צוועק. דער פרייז פאר טיקעטס וועט בערעכענט ווערען, אום בלויז צו דעקען די נויטינסטע אויסגאבען און עס וועט זיין איין פרייז פאר די טיקעטס פון אלע טיילען אין טעאטער. עס וועט קאסטען $1.50 א טיקעט פאר די אלע דריי באזונדערע פארשטעלונגען.

אום אפצושאפען פון טעאטער די צוטיילונג פון פריווילעגיעס און קלאסען און איינצופיהרען גלייכהייט צווישען די וואס וועלען באזוכען די פארשטעלונגען וועט איינגעפיהרט ווערען דער אוראן סיסטעם פון פאנאנדערטיילען די פלעצער. דער סיסטעם באשטעהט אין דעם, וואס די טיקעטס ווערען געצויגען דורך א גורל. ווי געמעס „מזל” עס וועט. אויסטראגען דארט וועט ער זיצען. מען וועט קאנען ארויסציהען באקס טיקעטס פונקט אזוי גוט ווי באלקאני טיקעטס. פארלויפיג איז דאס דאס איינציגע מיטעל וואו אלע האבען א גלייכען „טשענס” און קיינער קאן ניט אויסכאפען די בעסטע פלעצער. עס וועט אלזא הערשען פאלשטענדיגע גלייכהייט און אלע וועלען האבען די זעלבינע געלעגענהייט צו געניסען פון דער אמת'ער קונסט פאר'ן זעלבען פרייז.

עס קומט אן די צייט ווען עס וועלען זיין בלויז פאלקס טעאטערע. די ארכיטעקטארס וועלען וויסען ווי אזוי אזעלכע טעאטערע צו בויען. און מיט גרויס פרייד קוקען מיר פארווערטס צו יענעם טאג און עס פארשאפט אונז פיעל פארגעניגען וואס מיר זיינען צווישען די וואס העלפען יענע צייט זיך דערנעהנטערען. מיט גרויס פרייד קוקען מיר צו יענער צייט, ווען דער ארבייטער וועט קומען אין זיין טעאטער מיט זיין פאמיליע און פריינד און וועט געניסען פון דער העכסטער קונסט, פון דער שעהנקייט פון לעבען, וואס וועלען פארזיסען זיינע פרייע מינוטען נאך דער ארבייט. דער פאלקס-טעאטער וועט אויך זיין אן ערציהונגס-אנשטאלט, וואו עס וועט זיך אנטוויקלען און אויסעדלען זיין „איך”, וואו עס וועט רייכער ווערען זיין וויסען און קענען.

אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

דיזע וואך זיינען אלע אונזערע סענטערס געווען פארמאכט, דערפאר האבען אבער אלע אונזערע מעמבערס זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט און געגאנגען צו דער אפערא און אין די טעאטערע פאר וועלכע מיר האבען זיי באזארגט מיט באקוועמע סיטס פאר רעדוצירטע פרייזען.

אין טייפאגראפיקאל דזשורנאל, א צייטשריפט פון דער פרינטערס יוניאן, וואס איז געלעזען פון מעהר ווי 50,000 אמעריקאנישע ארבייטער, איז דיזען מאנאט געווען א גרויס ארטיקעל איבער אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט.

אין דער צייט וואס איהר וועט דיזע צייטלען לעזען, וועלען אונזערע שווים-קלאסען, אויף וועלכע אזוי פיעל מעמבערס ווארטען שוין, זיין געעפענט, און אלע מעמבערס, וועלכע האבען זיך איינגעשריבען, אויב זיי האבען קיין בריעף ערהאלטען, זאלען אזוי גוט זיין און קומען אין אפיס זיך רעגיסטרירען.

אין א קורצער צייט וועט אלע אונזערע אקטיוויטעטען אין די סענטערס און אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול נעמען אן ענדע פאר דעם סיזאן. עס איז ווינשענסווערט אז אונזערע מעמבערס פון איבעראל זאלען זיך דורכשרייבען מיט דער קאמיטע פאר נייע פלענער פאר דער צוקונפט, אדער קומען אין אפיס 31 יוניאן סקווער, זיך דורכצורעדען.

די באנאז עמבראידערי יוניאן, לאקאל 66 פון נויארק, האט געמאכט פיינע פארשריטע. א ספעציעלע קאמיטע איז ערוויילט געווארען און זי האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. זי וועט צוזאמען מיט אונז ארגאנזירען קלאסען, לעקטשורס, א לייברערי אין דעם לאקאל. די ערשטע לעקטשור וועט זיין אפריל דעם 25טען. א קאנצערט וועט זיין דעם ערשטען מאי.

שבת אוו. א רייכער קאנצערט

ערנעסטין סקאללא, די באוואוסטע רוסישע טענצערקע, וועט טאנצען שבת אבענד דעם 19טען אפריל אין גרויסען אדיטאריום פון וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט, אראנזשירט פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע פון דער אינטערנעשיאנאל.

א פראכטפאלער כאר פון 60 לייטע פון דעם פאלקס-כאר, אויסגעפיהרט פון לואיס פ. לאכנער, וועט זינגען ארבייטער-לידער. אלע פריינד וועלכע קענען דיזע לידער זיינען איינגעלאדען מיטצוזינגען. מרס. דזשאן אלפרעד וועט זינגען אידישע פאלקס לידער. אונזער בראנזוויל יוניטי סענטער וועט זיין רעפרעזענטירט דורך א גרופע פון 8-טענצערס אין ספעציעלע קאסטיומען טאנצענדיג א מינועט דענס פארבערייטעט פון מיס צארי רוט קאהן, די דירעקטארין פון יענעם סענטער. דר. נארמאן טהאמאס, דער ארויסגעבער פון דזשורנאל „די ווארלד טומארא” וועט רעדען איבער „דעם וועג צור פרייהייט”. ס. ליבערטי, עדיוקיישאנאל דירעקטאר וועט געבען א קורצען רעפארט פון דער ארבייט פון סיזאן.

ערנסטין סקאלא.

א ספעציעלע גוט אויסגעוויילטע מואווינג פיקטשור וועט געצייגט ווערען.

מיסס פאניא מ. קאהן, טשערמאן.

טיקעטס פאר דיזער אפעיר איז צוגעשיקט געווארען צו אלע לאקאלס, און אויב איהר ווילט קריגען א סיט זאלט איהר קומען פריה. אזוי ווי דער פראגראם איז זעהר רייך וועט מען אנפאנגען פונקט 8 אוהר. זעהט ניט צו פארשפעטיגען.

ס. ליבערטי,
עדיוקיישאנאל ארגאנייזער.

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאקאלס

אלע ענדערונגען אין די אדרעסען ווי אויך אלע אדרעסען פון נייע מעמבערס זאלען צוגעשיקט ווערען צום רעקארד-דעפארטמענט אויף די ספעציעלע סליפס, וועלכע ווערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג א מעמבער'ס אדרעס מוזט איהר אבער אנגעבען זיין געוועזענעם אלטען אדרעס. דאס איז נויטיג כדי צו פארמיידען אומזיסטע ארבייט פאר אייך און פאר אונז און אויך כדי צו האבען א בעסערען קאנטראל איבער אונזער מיילינג-ליסס.

עליאס ליבערמאן, מענעדזשער.

פלאנעווען גרויסע „דרייו” פאר'ן לאס אנדזשעלעס סאניטאריום.

דער קאנפערענץ וואס איז ניט לא
צוריק אפגעהאלטען געווארען פון פיעל
כלל-טוער אין האטעל אסטאר אין
אינטערעסען פון לאס אנדזשעלעס סאנ
טאריום האט שוין געבראכט גוטע ר
זולטאטען.

די אדמיניסטראטיווע קאמיטע, וואו
איז ביי יענעם קאנפערענץ ערוועהלט גע
ווארען, האט אפגעהאלטען א ספעציעל
מיטינג, און באריכטעט, אז זי האט שו
פערטיג אלע פלענער, וועגען און מיטל
ווי אזוי אנצופיהרען דעם קומענדען א
גאניזאציאנס קאמפיין.

די קאמיטע באריכטעט אויך, אז או
דעם פלאץ פון דעם געוועזענעם מענ
דזשער נייטען קאפלאן, האט זי ערוועהי
דעם יונגען ענערגישען כלל-טוער, דייוו
אבראהאמס אלס מענעדזשער פון לאס א
דזשעלעס סאניטאריום רעליעף אסאסי
איישאן, און צוליעב די גרויסע וויכט
טיגע ארבייט וואס מען אונטערנעהמ
האט זי באשלאסען צו נעהמען אן אפ
אין „הארץ” פון אידישען קווארטאל, 4
בויערי, אין קאמאנוועלטה באנק ב
דינג, קארנער ספרינג סטריט און פון ער
טען אפריל אן וועט דארטען זיין ד
הויפט אפיס.

דזשאזעף ס. מארקוס, דער פרע
דענט פון יונייטעד סטייטס באנק
איינשטימיג ערוועהלט געווארען א
טרעזשורער פון דעם אדמאנאסטראטי
קאמיטע.

די קאמיטע באריכטעט אויך, אז
האט באשלאסען צו מאכען חודש
אלס דעם ספעציעלען קאמפיין חודש
די איסטערן סטייטס, וואו עס זאל
פיהרט ווערען א ברייטע אגיטאציאן
מעמבערס און פאנדס.

עס ווערט באשלאסען דורכצופיה
א רייהע „בלומענטעג,” און „טעג דעי
אין יעדען וויכטיגען אידישען צענט
אנפאנגענדיג אין גרייטער ניו יארק
נערשטאג, דעם ערשטען מאי, שבת אב
דעם 3טען און זונטאג, דעם 4טען מא

עס ווערט אויך באשלאסען צו
היען נאך איינינע וויכטיגע כלל-טוער
דער אדוויזערי באארד.

די אדמיניסטראטיווע קאמיטע, ו
כע באשטעהט פון די הערען וויל
עדלין, דזשאזעף ס. מארקוס, פראפע
יצחק אייזיק הורוויטש, לעא וואלפ
אברהם שיפליאקאף, יוסף איראן,
לערנער, מאדאם אנא בירענבוים
זסיפ וואלינסקי, האט ענטוזיאס
אויפגענומען אלע פלענער פאר דער
טערער ארבייט און איז ענטשלאסען
מאכען דעם ארגאניזאציאנס קאמ
פאר א גרויסען ערפאלג.

דזשאהן פ. טאבין געשטא
בען.

דעם מאנטאג פארטאג איז געשט
בען דזשאהן פ. טאבין, דער פרעזיד
פון די בוטה און שוה ווארקערס.

אין זיינע יונגע יאהרען איז טא
געווען א סאציאליסט, א טיכטיגער מ
בער אין דער ס. ל. פ. און די לע
יאהרען האט ער זיך אבער גערעכענט
איינער פון די קאנסערוואטיווע אר
טער פיהרער אין אמעריקא.

28 יאהר צייט איז טאבין גע
פרעזידענט פון די בוטה און שוה ו
קערס. מיט זיין טעטיגקייט האט
זיך אבער וועניג ליעבע פארשאפט
דער ארבייטער באוועגונג אין אלגעמ
פאטש ער פלעגט ביי יעדער קאנווענ
פון זיין יוניאן ווידער און ווידער
וועהלט ווערען צום פרעזידענט אמט
די קאנווענשאנס פלעגען אויך גוט הי
זיין פאליסי אין דער פיהרערשאפט
דער ארגאניזאציאן.

די לעצטע עטליכע יאהר איז ער
קעווען קראנק און א צייט איז ער גע
אין א סאניטאריום.

טאבין איז אלט געווען עטליכע
פופציג יאהר.

True translation filed with thePostmaster at New York City onApril 18, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with theEnemy Act."

ווארום קויפען
וויקטאָרי נאָוטס?

וויקטאָרי נאָוטס מאכט אייער דאָלער טאָן א טאפּעלטע פליכט: איהר בארגט אייער געלט צו דער רעגיערונג און איהר פארזארגט די צוקונפט פון אייערע פאמיליען. אין עטליכע יאהר ארום וועט די רעגיערונג אייך אומקעהרען דאָס גאַנצע געלט וואס איהר האָט געליהען און נאָך מיט פּראָצענט.

ווען דאָס אונטערשרייבען פונ'ם וואפען־שטילשטאַנד וואָלט זיך פארצויגען מיט א פּאָר מאָנאטען מעהר, וואָלט איהר זיך געווען סובסקרייבט פאר מעהר ליבערטי באָנדס אנצו־פיהרען די מלחמה. סובסקרייבט זיך יעצט פאר דעם וויקטאָרי לאָון אום צו העלפען דער רעגיערונג אפּצאָהלען די חובות וואס זי האָט געמאכט אום וואָס ניכער צו ברענגען די ענדע פון קריעג.

פייערט דאָס אנקומען פון פריעדען דורך העלפען דער רעגיערונג אפּצאָהלען די חובות וואָס זי האָט געמאכט אין צייט פון קריעג. באָרגט צו די רעגיערונג.

די רעגיערונג דארף געלט צו באזארגען די קראַנקע, די פארוואונדעטע און פארקריפּעל־טע, די וועלכע האָבען „דאָרטען" אויסגעקעמפט אונזערע שלאכטען. העלפט אנקעל סעם באַצאָהלען זיי און אונזער חוב צו זיי.

אונזערע באָיעס האָבען געטאָן זייער טייל. מיר אמעריקאנער האָבען געקויפט באָנדס פון די ערשטע פיער לאָונס זיי צו העלפען. מיר האָבען געוואונען די מלחמה, מיר האָבען אבער ניט אפּגעצאָהלט אלע שולדען וואס מיר האָבען געמאכט די מלחמה צו געווינען, קויפט וויקטאָרי נאָוטס צו באצאָהלען דיעזע שולדען.

געדענקט דאָס די ווערט פּאפּירען פון די רעגיערונג פון די פאראייניגטע שטאַאטען זיינען די זיכערסטע אין דער וועלט. אינוועסטעט אין וויקטאָרי נאָוטס און האלט זיי.

איהר אינוועסטעט $50 איצט און איהר באקומט $50 ווען די נאָוטס זיינען דיו. דערווייל־ע ציהט איהר דעם אינטערעסט.

א וויקטאָרי נאָוט איז א קורצער טערמין ליבערטי באָנד—קויפט וויקטאָרי נאָוטס.

INVEST

GOVERNMENT LOAN ORGANIZATION
Second Federal Reserve District
LIBERTY LOAN COMMITTEE
120 Broadway • • New York

THOMASHEFSKY'S NATIONAL THEATRE

טעלעפאן ארטשארד 2612.

לכבוד פסח! לכבוד פסח!

אונזער גרויסער גאסט

מאד. בעסי טהאמאשעווסקי

פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטינע און אווענד, דעם 17טען, 18טען, 19טען און 20טען אפריל, מאנטאג און דינסטאג, מאטינע און אבענד, צווייטע טעג פסח,

אונזערע געסט: מאד. בעסי טהאמאשעווסקי, ה׳ בערנארד בערנשטיין, ה׳ יאזעף שעהנגאלד, ראזא גרינפעלד, יאקאב וועקסלער, מאד. גרינבערג, — אין א נייער גרויסער קאמעדי פון דעם בארימטען דראמאטורג, הערר משה ריכטער:

ווי מענער ליעבען

קאמעדי אין 4 אקטען, פון משה־ריכטער. מוזיק פון יאזעף רומשינסקי. סצענירט און אויפגעפיהרט פון הערר טהאמאשעפסקי, אויסגעשטאטעט פון י. האכשטיין.

מיטוואך אבענד, דעם 30טען אפריל, איין עקסטרע אווענד פאר אונזער דזשענעראל מענעדזשער לואיס גאלדבערג, צום ערשטען מאל אין טהאמאשעווסקי׳ס טעאטער, מאד. בעסי טהאמאשעפסקי, און ה׳ יאזעף שעהנגאלד אין לעאן קאברין׳ס קאמעדי

מינקע די דיענסט מויד.

ERON PREPARATORY SCHOOL
183-5-7 East Broadway

דזש. ע. איראן, פרינציפאל.

טאג און אבענד קלאסען אין אלע רידזשענטס, פארפערטיגט צום קאלעדזש, אין אויך קאמוירשעל סאבדזשעקטס.

לערענט זיך, אויב איהר ווילט זיך צושפעם דערשלאגען אין דער וועלט.



„נייזעל־רעסט" הייסט בעקוועמ־ליכקייט! די קאסט איז קליין — דער פערגעני־גען גרויס!

יעדער איינער וואס טראגט גלעזער — דארף נוצען א פריים וועלכע זאל פאסען זיין נאז, און זאל נים פעראורזאכען שמערצען אדער נערוועזיטעט.

דר. ב. ל. בעקער׳ס „נייזעל־רעסט" איז געשאפען געווארען צו פערמיידען די אלע שוועריגקייטען.

דר. בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

אויגען ווערען עקזאמינירט ביי די בעסטע אויגען־ספעציאליסטען.

GABEL'S THEATRE
235 Bowery, Tel. Orchard 4345
Harry Gotti, Business Mgr.

די לעצטע 2 וואכען פון מאקס געביל און זשעני גאלדשטיין אין געביל׳ס טעאטער!

פרייטאג אבענד, שבת און זונטאג מאטינע און אבענד, 18, 19, 20טען אפריל; מאנטאג און דינסטאג מאטינע און אבענד (2טע טעג פסח), 21טען, 22טען אפריל

ה. מאקס געביל, מיס דזשעני גאלדשטיין, ה׳ עליאס ראטהשטיין, מאד. לאוויץ, מיס סינקאף, מאד. פערקוויף, ה. סאמאילאף, ה׳ יאקאב גאלדשטיין, ה׳ פערקוויף, ה׳ בלייכער און ה׳ האלענדער אין

עדעלע נעפיהלען

צייטבילד אין 4 אקטען פון מאקס געביל (סוזשעט פון נ. זייקין.) ליריקס פון דזשעני גאלדשטיין, מיוזיק פון ארנאלד און פערלמוטער.

גאנצע בענעפיטס און טיקעטס פאר די מאנאטען מאי און דזשון — $105 טיקעטס פאר 25 דאלאר.

לעידים טיילארס און אלטערעישאן ארבייטער יוניאן לאקאל 80

ביים לעצטען מעמבער מיטינג איז באשלאסען געווארען אז יעדער מעמבער זאל גע'טעקסט ווערען מיט 5 דאלאר אום צו סנעקסטען סיזאן אויסצוקעמפען א 44 שטונדען ארבייטס וואך און אנדערע טרייד אויסבעסערונגען.

דער באשלוס פון דער יוניאן איז אז דיעזער 5 דאלאר אסעסמענט, וועלכער נעהמט שוין אריין דעם $1.50 אינטערנעישאנאל אסעסמענט זאל באצאהלט ווערען נים שפעטער ווי ביז דעם 15טען מאי.

ווארט נים אויף צום לעצטען, קומט און צאהלט אפ דעם אסעסמענט וואס אם שנעלסטען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 80

ה. הילפמאן, סעקרעטער.

IRVING PLACE THEATRE

אורווינג פליים און 14טע סטריט.
טעלעפאן, סטייוועסאנט 1351.
מאררים שווארץ, דירעקטאר.
איצט געשפיעלט — דער גרעסטער סוקסעס

פרץ הירשביין׳ס

דעם שמיעד׳ס טעכטער

יעדען פרייטאג אבענד, שבת און זונטאג מאטינע און אווענד און גאנץ פסח.

אונזער גרויסע סוקסעס ליעד פון שמיעדס טעכטער, „מיידעל, מיידעל, מיידעל, איך האב דיך אזוי ליעב" ווערט געגעבען פריי בלויז צו אונזערע מאכינע באזוכער גאנץ פסח.

דאנערשטאג אבענד, 1טען מאי סטרינדבערג אבענד.

מאריס שווארץ צום 1טען מאל אין אויגוסט סטרינדבערג׳ס

דער פאטער

אונזער נעקסטע פיעסע, אסקאר ווילד׳ס „דער אידעאלער מאן."

ריזע צייטונג

ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענגלישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די

אפ־טו־דייט פרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן, 5425 פראנקלין.

רעזארסעס איבער

$55,000,000.00

מעהר ווי 100,000 דעפאזיטארס

די סטייט באנק

זיכער — קאנסערוואטיוו — צופריעדענשטעלענד

מעמבער פון ניו יארק קלירינג הויז

די יונייטעד סטייטס גאווערנמענט, סטייט און סיטי און ניו יארק, און די יונייטעד סטייטס פאסטאל סייווינגס דעפאזיטען מיט אונז.

ווערט אויך איינער פון אונזערע דעפאזיטארס.

THE STATE BANK

שטארק ווי דער פעלזען פון גיבראלטאר

374 גרענד סטריט, ניו יארק

7 וועסט 26טע סטריט. 100 עסעקס סט. 1400 פינפטע עוועניו
158טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עוועניום
ברוקלין ברענטשעס:
גרעהעם עוו. און ווערעט סט., פיטקין און סטאן עוועניום.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. PRICE 3 CENTS | Friday, April 25, 1919. | פרייטאג, דעם 25טען אפריל, 1919. | No. 15

מען דעבאטירט נאך אלץ

די מלחמה צווישען די קלאוקמאכער פון איין זייט און די קלאוק מאנופעקטשורערס פון דער צווייטער, איז דערווייל נאך אלץ א מלחמה פון גייסט, פון אינטעלעקט. די ארענא, אויף וועלכער עס ווערט געקעמפט, איז דערווייל נאך א ריינע, א ציכטיגע; אנשטאט ברוטאלע אנגריפע, ווערען געברויכט פון ביידע זייטען ארגומענטען, און לויט דעם באריכט פון דער קאמיטע, האט ב. שלעזינגער, דער ראש המדברים, זיך גאר אויסגעצייכענט אין דעם לעצטען ארגומענטען-דועל, וואס האט שטאטגעפונען צווישען די צוויי סאב-קאמיטעס לעצטען דינסטאג.

מיר קענען דא נאר איבערגעבען אין אלגעמיינע שטריכען דעם ארגומענט, וועלכער דרעהט זיך אלץ ארום די פראגע פון וואך-ארבייט. מר. געצקי, דער פארשטעהער פון די באסעס, האט ווידער אמאל באטאנט דעם פונקט פון דער קלאוק-אינדוסטריע. לויט זיין באהויפטונג וועט וואך-ארבייט ממש דער'הרג'ענען די אינדוסטריע. דאס איז דאך אן אינדוסטריע פון סטייל, פון קאפריז, פון דער מינוט. אויף דעם כח עקזיסטירט זי. וואך-ארבייט וועט אבער מאכען אוממעגליך די אויספיהרונג פון די דאזיגע ספעציעלע איינגענשאפטען. די ארבייט וועט קיינמאל ניט קענען זיין אין צייט, ווען מען בעדארף איהר, און ווען די דאמען וועלען ניט קריגען דאס, וואס זיי פארלאנגען אויף דעם מאמענט, וועט עס זיין פארפאלען, און אזוי וועט ליידען די גאנצע אינדוסטריע. אט אזוי, אונגעפעהר, האט ארגומענטירט דער פארשטעהער פון די באסעס. ב. שלעזינגער האט אויף דעם געענטפערט, אז ערשטענס, איז שווער אנצונעהמען, אז די ארבייטער וועלען ניט פארטיג מאכען די סטיילס אין דער נויטיגער צייט, און אויף אזא אופן ניט זיין אימשטאנד צופריעדענצושטעלען אלערליי קאפריזען. זיינען עפעס דא ווייניג ארבייטער אין דער קלאוק אינדוסטריע? דער פאקט איז, אז אפילו דאן, ווען אין דער קלאוק-אינדוסטריע האבען זיך געצעהלט 60 טויזענד ארבייטער, האט דאך אויך מעהר, ווי א העלפט ארבייטער קיינמאל ניט געארבייט, טו וואו שטעהט עס געשריבען, אז אן אינדוסטריע נויטיגט זיך אין אזא רעזערוו-ארמיי? די צאהל ארבייטער, וואס איז איצט דא, איז פאלשטענדיג גענוג אויפצוכאפן די גאנצע ארבייט אין צייט. צווייטענס, פאר וואס קען עס ניט זיין, אז דער ארבייטס-סיזאן זאל זיך אנפאנגען מיט א מאנאט פריהער און זיך ענדיגען מיט א מאנאט שפעטער? ווארום איז עס נויטיג, אז די גאנצע ארבייט מוז אזוי ווי פארברענט ווערען אין דעם משך פון עטליכע וואכען? די ערפינדער פון די סטיילס וועלען אנהייבען טראכטען מיט א צייט פריהער, אויפמאכען סעמפעלס און ברייגנען זיי פריהער אין מארקעט אריין. און אונזערע דאמען וועלען זיך באלד, באלד מוזען צוגעוועהנען צו דעם, אויב זיי וועלען איינזעהן, אז אנדערש איז ניט מעגליך.

און דריטענס, אן אינדוסטריע, וועלכע באשטעהט אויף א קאפריז און פאדערט דערפאר די אויפאפפערונג פון מענשליכע לעבענס, איז ניט קיין אינדוסטריע, נאר א קללה, אן אומגליק. אזא אינדוסטריע שטעהט אויף א זעהר שלעכטען, שאקעלדיגען פונדאמענט. דער געזונטער פונדאמענט פון אן אינדוסטריע איז דער, אז פונקט, ווי זי דארף נעהמען אין אנבאטראכט די באדערפניסע און, אפשר, קאפריזען פון די קונדען, אזוי מוזען די קונדען אויך נעהמען אין אנבאטראכט דאס לעבען, דעם וואוילזיין פון די, וועלכע זיינען די שאפער פון דער אינדוסטריע. אהן אזא בעגענזייטיגע צוזאמענוויקלונג פון שאפער און קונד האט קיין אינדוסטריע קיין געזונטען באדען ניט, און דערפאר וועט וואך-ארבייט, פארקעהרט, ערשט געבען דער קלאוק-אינדוסטריע איהר נויטיגע פעסטקייט, באשטענדיגקייט. נאר, ווען אפילו די אינדוסטריע זאל אין אנפאנג עטוואס ליידען, איז אבער דער גליק, דער וואוילזיין, דער געזונד פון דעם ארבייטער עטוואס, וואס שטעהט העכער איבער אלע אזעלכע מעגליכקייטען, און די באסעס טארען ניט פארלאנגען פון די ארבייטער, אז זיי זאלען זיך פארדאמען צו אייביגע ליידען, צו אייביגער אונזיכערהייט, צו א כראנישער ארבייטסלאזיגקייט אין דעם נאמען פון א מאמענטאנער אונבאקוועמליכקייט.

אזוי אומגעפעהר האט ארגומענטירט ב. שלעזינגער. מען איז אבער נאך אלץ צו קיין רעזולטאט ניט געקומען. עס איז באשלאסען געווארען צו האבען נאך אזא מיטינג, און דאן זאל דער באריכט אויסגעארבייט און פארגעבראכט ווערען פאר דער אריגינעל - אויסגעוועהלטער הויפט-קאמיטע פון ביידע זייטען. און אט אויף יענעם מיטינג וועט דאס פאלען דער גורל: צי זאל עס קומען צו א ווירקליכער מלחמה, צי ניט. אויב די קלאוק מאנופעקטשורערס וועלען בלייבען איינגעשפארט און ניט נאכגעבען דער דאזיגער הויפט-פאדערונג פון דער יוניאן, דאן איז א קאמף אומפארמיידליך. אויב אבער זיי זאלען יע נאכגעבען דיזע פאדערונג, דאן וועט מען צוטרעטען צו די אנדערע פאדערונגען, די וויכטיגסטע פון וועלכע זיינען 44 שטונדען א וואך און דער אויסגעארבייטער וויידזש-סקייל פאר די בעלי מלאכות, און מען וועט ווייטער דעבאטירען, און אלץ מיט דער זעלבער מעגליכקייט פון יע אדער ניט קיין מלחמה.

זעלבסטפארשטענדליך האלט דאס ניט אפ די קלאוק מאכער יוניאן פון זיך צוגרייטען אלץ מעהר און מעהר צום קאמפיין, זי איז שוין צוגעגרייט. זי וועט ניט געכאפט ווערען דרעמלענדיג.

א גרויסער מיטינג אין א גרויסען טאג

דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן פאראייניגט זיין פייערונג פון ערשטען מאי צוזאמען מיט דער גרויסער מוני-דעמאנסטראציע אין מעדיסאן סקווער גארדען

די באוועגונג פאר דער באפרייאונג פון טהאמאס מוני פארשפרייט זיך ניט נאר איבער גאנץ אמעריקא, נאר אויך אין איירעפא. די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט איבער דער גאנצער וועלט פיהלט, אז מוני און זיינע חברים זיינען אונשולדיג פאר'משפט געווארען, דאס זיי ווערען געהאלטען אין פריזאן דורך א געמיינער פארשווערונג פון די קאליפארניער קאפיטאליסטען געגען דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג און שטארקער און מעכטיגער ווערט די פראטעסט-שטימע פון די ארבייטער, וואס פאדערט גערעכטיגקייט פאר מוני'ן און זיינע חברים.

פאר דעם זעלביגען צוועק ווערט איינגערופען א מאנסטער-מאסמיטינג דעם נעקסטען דאנערשטאג, דעם 1טען מאי, 8 אוהר אווענט, אין דעם גרויסען מעדיסאן סקווער גארדען, 26טע סטריט און מעדיסאן עוו. דער מאסמיטינג ווערט איינגערופען אונטער'ן אויפזיכט פון דעם אלגעמיינעם מוני קאמיטע פון גרייטער נויארק, מיט באריהמטע רעדנער פון א נאציאנאלער רעפוטאציע. אין דער ליסט פון די רעדנער געפינט זיך דער באוואוסטער ראדיקאל פריינק פ. וואלש און דזשאן פיצפאטריק, דער לייבאר קאנדידאט פאר מעיאר פון שיקאגא און נאך אנדערע.

ווי עס איז צו ערווארטען, וועט דער מאנסטער-מיטינג טראגען א דעמאנסטראטיווען כאראקטער. דאס וועט זיין א גראנדיעזע דעמאנסטראציע פאר יושר און גערעכטיגקייט. עס וועלען זיך דארטען צוזאמענקומען די בעסטע מענשען פון דער נויארקער ארגאניזירטער ארבייטער-וועלט צו פאדערן גערעכטיגקייט פאר מוני און זיינע חברים, פאר די מארטירער פון א געמיינער פארשווערונג פון א בינטעל קאפיטאליסטען אין סאן פראנציסקא.

און דער טאג, דער 1טער מאי איז זעהר פאסיג פאר אזא דעמאנסטראציע. דער 1טער מאי איז אן אינטערנאציאנאלער ארבייטער יום-טוב. אין דעם טאג ווערען איבער דער גאנצער וועלט דעמאנסטרירט די סאלידארישע געפיהלען פון דער ארבייטער-קלאס און עס פאסט זיך זעהר און זעהר דאס גראדע אין דעם טאג זאל געפאדערט ווערען גערעכטיגקייט פאר די פארפאלגטע, און ווי עס איז שוין באוויזען געווארען, אומשולדיג פאר'משפט'ע ארבייטער-פיהרער פון סאן פראנציסקא.

אין דערזעלבער צייט וואס דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין מעדיסאן סקווער גארדען, וועט א ספעציעלע קאמיטע פון אנגעזעהענע מענשען אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג זיין אין וואשינגטאן צו פארלאנגען פון דער רעגירונג, דאס די מוני קייס זאל ארויסגענומען ווערען פון די הענד פון די פארשווערער אין קאליפארניא. עס איז דאריבער ווינשענסווערט, דאס די דעמאנסטראציע אין מעדיסאן סקווער גארדען זאל זיין די גרעסטע וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען. דער ריזיגער האל דארף זיין איבערפילט און עס דארפען זיין איבערפלוס-מיטינגען אין די אלע ארומיגע גאסען. וואס גרעסער עס וועט זיין די דעמאנסטראציע אין ניו יארק אלץ א שטארקערען איינדרוק וועט דאס מאכען דארט אין וואשינגטאן.

זאלען די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן ניט פארפעלען צו קומען דאנערשטאג ביינאכט, דעם 1טען מאי, צו דער ריזיגער פראטעסט דעמאנסטראציע אין מעדיסאן סקווער גארדען. פרויען און מענער, יונג און אלט, — אלע, אלע דארפען קומען!

באזונדערס ציהען מיר דא די אויפמערקזאמקייט פון די מיטגלידער פון דער גרויסער קלאוק מאכער יוניאן.

דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן האט געפאסט א באשלוס צו פייערען דעם 1טען מאי אויף דעם מוני-מיטינג אין מעדיסאן סקווער; אזוי וועט דער מיטינג זיין פון דאפעלטען כאראקטער: אי פון א גרויסער מאי-דעמאנסטראציע פון די קלאוקמאכער און אי פון אן אלגעמיינער גרויסער מוני-דעמאנסטראציע.

די פיהרער פון דער אינטערנעשאנעל און גענעראל באראטונג

די אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן איז א גרויסער, א ריזיגער ארגאניזאציאן. זי האט א מיטגליעדערשאפט פון איבער 150 טויזענד מענשען. זי איז פארשפרייט איבער גאנץ אמעריקא און קענעדע. זי נעהמט אין זיך אריין פארשיעדענע אינדוסטריען, יעדע פון וועלכע האט איהרע באזונדערע פאדערונגען, נויטען, אויף וועלכע די אינטערנעשאנאל מוז זיך אפרופען. און דאך פארשיידען ווי עס זיינען די באדירפניסע, וואס זיינען אפהענגיג סיי פון דער פארשיידענהייט פון דער אינדוסטריע, סיי פון דעם מענשען-מאטעריאל און סיי אויף פון דעם פלאץ, פון די לאקאלע אומשטענדע, דאך די אינטערנעשאנאל ווערט געפיהרט פון אן אלגעמיינעם געדאנק, פון א געוויסען באשטימטען פלאן, וועלכע בילדעט אט פון די פארשיידענע צווייגען איין גאנצען פרעכטיגען בוים.

ווי אזוי אבער ווערט אט דער אלגעמיינער געדאנק און אלגעמיינער פלאן אויסגעארבייט? דערצו ווערען אנגעווענדעט פארשיידענע מיטלען, אבער איינע פון די וויכטיגסטע וואס האבען אן ענטשיידענדע ווירקונג אויף דעם לעבען פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל, זיינען די פערטעל-יעהרליכע צוזאמענקינפטע פון די פיהרער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע געהען אונטער דעם נאמען „דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד".

די דזשענעראל עקזעקוטיווע באשטעהט פון אלע וויים-פרעזידענטען, וואס ווערען אויסערוועהלט אויף דער קאנווענשאן, און זיי זיינען 13 אין צאהל, צו זיי קומט נאך צו דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל און דער דזשענע-

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 15 „גערעכטיגקייט"

זייט 1. מען דעבאטירט נאך אלץ. א גרויסער מיטינג אין א גרויסען טאג. די פיהרער פון דער אינטערנעשאנעל און גענעראל באראטונג — רעדאקציע.
זייט 2. די וואך — ש. י.
זייט 3. צום ערשטען מאי — ל. לאנגער. אן אייגענע זומער-היים פון די וועיסט מאכער יוניאן ל. 25 — רעבעקא סילווער.
זייט 4. די פארשטעהענדע ענדערונגען אין דער קלאוק אינדוסטרי — ל. פינקעלשטיין.
זייט 5. דער איבערגאנג פון קריעג צו פרידען אין דער וועיסט מאכער יוניאן — י. שעהנהאלץ. עקזאמינערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז. קורצע עמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייט 6. בריעף צום רעדאקטאר — בעלא סאלאסקא און פ. ס. מיטינג פון דזשאינט באארד.
זייט 7. די פרוי מיט טויזענדער יאהרען צוריק — דר. אסתר לוריע. די ניין טעג — עליאס ליבערמאן.
זייט 8. קאנצערט און באל פון פילאדעלפיער יוניטי סוירקל — עלען א. קענא. אינגעבארג (ראמאן) — ב. קעלערמאן.
זייט 9. ראמאן. וואס הערט זיך צווישען די באסטאנער קלאוקמאכער? — ב. קורלאנד.
זייט 10. פון רעדאקטארס באטין ביכעל.
זייט 11. שפייז פאר דער הונגעריגער אייראפא — דזשוליעט סטוארט פאינטן.
זייט 12. דער ערשטער מאי אמאל און היינט — מ. קאלטשין. „פראהיבישאן" (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. א פרעהליכער שפאציר (א בילד) — יענטע סאראדצקי.
זייט 14. די קונסט צו גרעפטען — א. זעלדין. די פרויען-וועלט — ראזע בעדריק.
זייט 15. דזשענעראל סטרייק קאמיטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן.
זייטען 16, 17, 18, 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. צוויי מיטינגען — א טעמע דער פארטער. די סיטואציע אין [illegible]

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן אין ניו יארק

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען: די חברה משכיל אל דל באדאנקט דעם דזשאינט באארד פאר די 25 דאלער וואס מען האט זיי געגעבען אויף מצות הטים.

דער סעקרעטער לעזט פאר אן איינלאדונג צו א קאנפערענץ וואס וועט אפגעהאלטען ווערען אום צו פראטעסטירען געגען דעם צושריפט וואס מעיאר דזש. פ. היילאן האט געשיקט צו דער באארד אוו אלדערמען פארלאנגענדיג אז א געזעץ זאל געפאסט ווערען, וועלכער זאל ניט ערלויבען צו פיהרען מיטינגען אין אנדערע שפראכען אויסער ענגליש. — די איינלאדונג ווערט אנגענומען.

דער סעקרעטער לעזט אויך פאר א צושריפט פון דעם דזשענעראל אפיס פון אונזער אינטערנעשיאנאל אין וועלכען עס ווערט ערקלערט וואס דער סעקרעטער בר. א. באראף האט געמיינט מיט זיין בריעף צו לאקאל 17 וועגען דער פראגע פון דיזים נעמען ביי פינישער. נאך דעם ווי דער צושריפט ווערט פארגעלעזען, ערקלערט ברודער העלער אז לאקאל 17 וועט זיך אונטערווארפען אונטער דיזער אויסטוישונג פון דעם דזשענעראל סעקרעטער.

לאקאל 17 ווערט אנגעפרעגט ווארום זיי שיקען ניט קיין דעלעגאט צו די קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס. ברודער העלער ערקלערט, אז אזוי ווי דער דזשאינט באארד האט שוין איין מאל באשלאסען אז די קערפערשאפט וועט פארטרעטען לאקאל 17, דארום האבען זיי ניט געפונען פאר נויטיג צו אפאינטען איינעם פון זייער לאקאל. דער ברודער ערקלערט אז זייער לאקאל האט פול צוטרויען צום דזשאינט באארד אין פארטרעטען זייער לאקאל ביי די קאנפערענצען.

די קאמיטע וועגען ערשטען מאי באריכטעט, אז זיי רעקאמענדירען צום דזשאינט באארד דאס דער ערשטער מאי זאל געפייערט ווערען דורך א רייהע מאסמיטינגען.

באריכט פון דער קאנפערענץ קאמיטע מיט דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן.

די קאמיטע באריכטעט אז דער צווייטער קאנפערענץ וואס איז אפגעהאלטען געווארען מיט דער אסאסיאיישאן אין באצוג די פאדערונגען פון דער יוניאן איז פארנומען געווארען מיט רעדעס וואס עס זיינען געהאלטען געווארען פון איינינע מאנופעקטשורערס. אין זייערע רעדעס האבען זיי געוויזען אן אפאזיציע געגען וואך־ארבייט פאר פארשידענע אורזאכען. פון זייערע רעדעס האט מען געקענט ארויסנעמען אז די מאנופעקטשורערס האבען ניט אין זינען דעם וואלזיין פון די ארבייטער, נאר זיי האבען אין זינען זייערע אייגענע אינטערעסען. דאס האבען איינינע מאנופעקטשורערס אינדירעקט ערקלערט. וואך־ארבייט און קירצערע שטונדען וועט שאפען א מאנגעל אין ארבייטער, און אזוי ארום וועט דער קלאוק מאכער ווערען אן אינדעפענדענט מענש. די רעדעס וואס די מאנופעקטשורערס האבען געהאלטען געגען וואך־ארבייט האט באוויזען פאלגענדעס:

דער קלאוק מאכער וועט מוזען קריגען וואך־ארבייט מעגען אפילו די מאנופעקטשורערס זיין ווי דאגעגען. אונטער א סיסטעם פון וואך־ארבייט וועלען די קלאוק מאכער לעבען ווי מענשען, דארום ווילען ניט די מאנופעקטשורערס אז וואך־ארבייט זאל הערשען אין טרייד.

ברודער שלעזינגער האט בלויז געענטפערט מיט איינינע שטארקע ארגומענטען געגען די אלע רעדעס פון די מאנופעקטשורערס. עס איז באשלאסען געווארען, אז א סאב־קאמיטע פון ביידע צדדים זאלען זיך נאך אמאל צוזאמענקומען די טעג, און מיט דעם איז דער קאנפערענץ געווען צו ענדע.

און מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

קלאוק מאכער יוניאן גרייט זיך צו א קאמפף

די קלאוקמאכער שטעהען שוין באוואפענט. אלץ איז שוין פארטיג פאר'ן קומענדיגען דזשענעראל סטרייק. די ריעזיגע מאשינערי פון די פארשיעדענע דזשענעראל סטרייק קאמיטעס איז שוין פארטיג, און איז יעדע מינוט גרייט אריינווארפען זיך מיט לייב און נשמה אין דעם קאמף, און פייטען ביז'ן סוף.

די שטימונג צווישען די ארבייטער גופא איז זעהר א געהויבענע. דאס איז געווען צו זעהן אפילו פאר א בלינדען אויף די פארשיעדענע מאס־מיטינגען וואס זיינען צונויפגערופען געווארען פון די קלאוקמאכער ארבייטער וואו די נייע פאדערונגען זיינען פארגעלייגט געווארען און איינציגווייז באשפראכען געווארען. אלע פאקטען זיינען אויף אלע מיטינגען איינשטימיג אנגענומען געווארען. א מערקווירדיגע באגייסטערונג און אן ענטוזיאזם, וואס האט צו זיך זיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג, הערשען איצטער אין דעם קלאוקמאכער טרייד. אלע מחות זיינען אנגעצונדען, און אלע הערצער האבען אויפגעפלאמט מיט א גרייטוויליגקייט און איבערגעבענהייט צו דער יוניאן, און א גלויבען אין איהרע פיהרער. אלע, סיי די יוניאן בעאמטע, סיי די קלאוקמאכער אליין, זיינען גרייט אריינצוווארפען זיך מיט לייב און לעבען אין דעם קאמפף און פייטען ביז'ן סוף, ביז וואנען די גערעכטע פאדערונגען פון די קלאוקמאכער וועלען נאכגעגעבען ווערען, — מיט אנדערע ווערטער, ביז א פאלשטענדיגען זיעג.

אן דער שפיץ פון דער גאנצער סטרייק מאשינעריע שטעהט די דזשענעראל סטרייק קאמיטע, פון וועלכער בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל איז טשערמאן, י. פיינבערג, טשערמאן פון דער דזשאינט באארד, איז וויים טשערמאן, און ל. לאנגער איז סעקרעטער. אלע עקזעקוטיוו מעמבערס פון די פארשיעדענע לאקאלס, צוזאמען מיט די מעמבערס פונ'ם דזשאינט באארד, שטעלען צונויף די מעמבערשיפ פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

די דזשענעראל סטרייק קאמיטע ווערט פאנאנדערגעטיילט אין אן אנצאהל אנדערע קאמיטעס, צוליעב אן ערפאלגרייכער און פינקטליכער אויספיהרונג פון דער ארבייט. יעדע פון דיזע קאמיטעס וועט זיך אפגעבען מיט א באזונדערען טייל פון דער סטרייק־ארבייט. די פאלגענדע פערזאנען זיינען די בעאמטע פון די פארשיעדענע קאמיטעס פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע:

פינאנס קאמיטע.

פ. קאפלאוויץ, טשערמאן; האזא, סעקרעטער.

ארגאניזאציאנס קאמיטע.

ס. מעיז, טשערמאן; רובין, אסיסטענט טשערמאן.

פיקעט קאמיטע.

ברעסלויער, טשערמאן; יאטשיגראסי, וויים טשערמאן; מארגאליעס, סעקרעטער.

אוט אוו טאון קאמיטע.

ל. לאנגער, טשערמאן; לובינסקי, סעקרעטער.

ספיקערס קאמיטע.

י. פיינבערג, טשערמאן; רענדע, וויים טשערמאן; מ. וואלבערג, סעקרעטער.

לאא קאמיטע.

לעפקאוויץ טשערמאן; עהרענצווייג, אסיסטענט.

אינפארמיישאן קאמיטע.

ווינער, טשערמאן; קוק, יאקאבינסקי, שענפעלד, ווילארדי, סלוצקי, אייכנער — אסיסטענטס.

סעטעלמענט קאמיטע.

זינגמאן, טשערמאן; מ. פינקעלשטיין, סעקרעטער; נינפא, וויים טשערמאן.

רעליעף קאמיטע.

ה. וואנדער, טשערמאן; העלער, סעקרעטער.

הארלעם דיוויזשאן.

רובינבוים, טשערמאן; מאריקאנדא, אסיסטענט.

ברוקלין דיוויזשאן.

ניסענעוויץ, טשערמאן; בארקאן, אסיסטענט; קערעטענוטא, סופערווייזאר; סאנטא רודטא, אסיסטענט.

בראנזוויל דיוויזשאן.

באביטץ, טשערמאן.

דזשוירזי סטייט דיוויזשאן.

קאטלער, טשערמאן; מאנגאטי, סעקרעטער; ברוק, טשערמאן פון דער נוארק דיוויזשאן.

דאס זיינען די נעמען פון די הויפט־בעאמטע פון די סטרייק קאמיטעס. זיי וועלען געהאלפען ווערען אין זייער ארביים פון די מיטגליעדער פון זייערע קאמיטעס, וועלכע זיינען צוזאמענגעשטעלט פון מעמבערס פון פארשיעדענע לאקאלס.

די נעמען פון אלע מיטגליעדער און די פארשיעדענע קאמיטעס וועלען זיין פארעפענטליכט אין די „גערעכטיגקייט" נעקסטע וואך.

די פראטעסט באוועגונג געגען מעיאר היילאן'ס גזירה

לעצטען זונטאג בייטאג איז אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ אין „פארווערטס" האל צו נעמען א טיכטיגע שטעלונג געגען די שענדליכע גזירה פון מעיאר היילאן צו פארבאטען אין נויארק מיטינגען אין „פרעמדע שפראכען". ווי עס האבען געוויזען די קרעדענשעלס פון די דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ, זיינען דארט געוועזען פארטראטען 170 ארגאניזאציאנען.

דער גאנצער אידישער אימיגראנטען־קווארטאל מיט זיין פיעל־פארביגקייט, פארשידענארטיגקייט אין שיכטען און קלאסען איז געקומען צו פראטעסטירען געגען דער גזירה וואס באצוועקט צו פארוואנדלען די שטאדט נויארק אין א מאסקווא אדער פעטראגראד אין דעם רעזשים פון צאר.

עס זיינען דא דעלעגאטען פון אינ. ארדען ברית אברהם לאדזשען. עס זיינען דא לאדזשען פון ארדער בני ברית. עס זיינען דא פארשטעהער פון גאליציאנער פארבאנד און פארשטעהער פון די פראגרעסיווע גאליציאנער ארגאניזאציאנען. עס זיינען דא פארטרעטער פון די קלאוק מאכער לאקאלס, פון די אמאלגאמייטעד לאקאלס, פון די געווערקשאפטען און איהרע יוניאנס, פון די סאציאליסטישע פעדעראציאן, פון די פועלי ציון. בקיצור, אלערליי סארטען פאראיינען און סאסייעטיס זיינען געקומען זאגען זייער ווארט און אויסדריקען זייער ענטריסטונג געגען דער באליידיגונג, וואס דער מעיאר האט געווארפען דעם אימיגראנטען קווארטאל אין זיין טרויעריג־בארימטען בריעף צו דעם פרעזידענט פון דער באארד אוו אלדערמען.

נאך דעם ווי די קאנפערענץ האט אויסגעהערט עטליכע רעדנער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען מאיר לאנדאן, אלדערמען וולאדעק, טשארלס אורווין און אנדערע טוער אין אונזער באוועגונג, איז מען גלייך צוגעטראטען זיך צו ארגאניזירען. א רייהע קאמיטעס זיינען דאן ערוויילט געווארען איינצוארדנען די ארבייט וואס דער קאנפערענץ דארף טאן אום צו ווירקען אז די באארד אוו אלדערמען זאל ניט וואגען דורכצופיהרען די גזירה פון מעיאר און די גזירות פון דעם מעיארס חברים אין דער באארד אוו אלדערמען.

די קאנפערענץ האט אויך געשיקט א טעלעגראמע צו יודזשין דעבס אויסדריקענדיג איהר סימפאטיע צו איהם וואס ער דארף געהן אויף די עלטערע יאהר אין פריזאן.

נאך די רעדען האט דער קאנפערענץ זיך באלד גענומען צו פראקטישער ארבייט. עס איז ערוויילט געווארען אן ארגאניזאציאנס קאמיטע און א „וועיס און מינס" קאמיטע אין עס וועט דא אנגעפיהרט ווערען א שטארקע פראטעסט־באוועגונג, דורך ריזיגע דעמאנסטראציעס געגען דעם מעיאר'ס שענדליכע גזירה.

עס איז אויך געמאכט געווארען אן אפיעל פאר געלד צו פינאנסירען די פראטעסט באוועגונג און גלייך אויפ'ן פלאץ איז געזאמעלט געווארען די סומע פון הונדערט און פופציג דאלער אין קעש און געגויע הונדערט דאלער אין פלעדזשעס.

געלד פאר דיזער באוועגונג דארף נאך ערשט אריינקומען. יעדע יוניאן, יעדע ארגאניזאציאן וועט פאר דעם ביישטייערען.

אלס טרעזשורער איז ערוויילט געווארען אלדערמען ב. וולאדעק און אלע געלדער זאלען געשיקט ווערען אויף דעם אדרעס: ב. וולאדעק, 175 א. בראדוויי.

די פראגע וועגען דעם מעיאר'ס גזירה איז אויך אויפגענומען געווארען לעצטען שבת ביי נאכט אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן. די פאלגענדע רעזאלוציאן איז אנגענומען געווארען, וועלכע איז צוגעשיקט געווארען צום באארד אוו אלדערמען:

„נעמענדיג אין אנבעטראכט דאס אייער קערפערשאפט דארף האנדלען וועגען דעם „ארדינענס" וואס מעיאר דזשאן פ. היילען האט אייך צוגעשיקט, וועלכע איז געווען געדרוקט אין דער טעגליכער פרעסע פון נויארק, נעמליך, דאס ק
פאבליק מיטינגען זאלען ניט אפגע
טען ווערען אין קיין שפראך א חוץ
ענגליש.

„נעמענדיג אין אנבעטראכט
אונזער ארגאניזאציאן, באשטעהענד
50 טויזענד מענער און פרויען, ווע
קומען פון פיער אדער מעהר באזונד
נאציאנאליטעטען, און די מעהרסטע
זיי, כאטש זיי זיינען בירגער פון לא
קאנען ניט פיהרען זייערע מיטינגען א
אין זייער מוטער־שפראך;

„נעמענדיג אין אנבעטראכט
אויב דער „ארדינאנס" זאל אנגענו
ווערען, וואלט אריינגעבראכט כאאס
מיספארשטענדניס צווישען אונזערע מ
בערס אויף די מיטינגען, אויף וועלכע
דארפען דיסקוטירען זייערע טר
פראבלעמען, און דאס קאנען זיי ריכ
ניט טאן, סיידען אין זייער אייגען לש

„זיי עס דאריבער באשלאסען א
צופארערען דעם באארד אוו אלדער
ניט צו מאכען דאס פאר א געזעץ;
וואלט אוננעהייער פיעל געשאדעט
זער ארגאניזאציאן און דאס וואלט א
אונטערגראבען די דעמאקראטישע א
סטיטוציעס פאר וועלכע די בעסטע
שען אין אמעריקא האבען געקעמפט
זיך אויפגעאפפערט".

ל. לאנגער,
סעקרעטער דזשאינט באא

עס שמעקט מיט קאמ

(שלוס פון זייט 1)

נען דעם. אבער די באסעס ווייסען,
קאמפפס־פעהיג עס איז די קלאוקמאכ
יוניאן. זיי האבען נאך ניט פארגע
דעם לעסאן פון דריי יאהר צוריק.
ווייסען, אז די קלאוקמאכער־יוניאן
איצט כמעט הונדערט פראצענט ארגא
זירט; זיי ווייסען, וואס פאר א מעכט
טעטיגקייט עס געהט פאר אין דער יונ
און — דאס מוז מען די באסעס צ
בען — זיי ווענדען אן אלע כחות אויס
קומען מיט גוטען, ווייסענדיג אז מיט
זען וועלען זיי גארניט מאכען.

זיי האבען אפילו אין דעם משך
די פארהאנדלונגען יא געגעבען אנצו
רעניש אויף א געוויסער אונאייניגק
איבער וואך־ארבייט. זיי האבען אנגע
זען אויף דעם אדווערטייזמענט, וואס
ערשינען אין אזא אונפאסענדער ציים,
„פארווערטס", אבער שלעזינגער האט
גלייך געענטפערט, אז ער פארטרעט
גאנצע יוניאן, און אז זיי זאלען זיך
איינריידען קיין פונעלעך אין בוזים.

און די באסעס אליין ווייסען, אז
עס וועט קומען צו א קאמפף, וועט
זיין א קאמפף פון א ריעזיגער, אונ
זיגבארער מאכט. דארום זייער טא
ראנץ און זייער געדולד.

אבער פארלאזען זיך אויף דעם
מען ניט. עס האנדעלט זיך דאך דא
גען זעהר וויכטיגע אינטערעסען פון ב
דע זייטען, און די יוניאן, די קלאוק
כער יוניאן, וויים.עס, און האלט זיך
אלץ מעהר און מעהר פארברייטען,
מוז טאן יעדע יוניאן, וואס איז צי
באוואוסט און וואס ווייס, אז דער ב
טער מיטעל צו פארמיידען א קאמפף, א
מעגליך, איז צו זיין יעדע מינוט פ
באריים פאר איהם.

און די באסעס ווייסען עס. זיי
סען, אז די קלאוקמאכער זיינען ענטש
סען צו קריגען אלע זייערע געשטעל
פאדערונגען. און זיי ווייסען, אז כא
דער קלאוקמאכער, ווען עס איז נאר מ
ליך, וויל ניט קיין קאמפף, אבער צו ני
כער צייט שרעקט ער זיך ניט אפ פא
קאמפף, ווען ער איז דורכאוים נויט
זיי ווייסען, אז די יוניאן איז אויסגעצ
כענט ארגאניזירט. זיי ווייסען, אז ה
טער דער יוניאן שטעהט אן אינטער
שאנאל, איינע פון די ריעזיגסטע אר
ניזאציאנען, וואס די ארבייטער־באוועג
האט אויפגעבוים, און וועלכע האט ער
דורכגעמאכט א רייהע פון קעמפפע
אלע געוואונען, און איז דערפאר ארו
געקומען פון זיי נאך שטארקער, ווי
עס־איז פריהער.

זיי ווייסען עס, און דאס קען אפ
פיהרען דערצו, אז עס זאל נאך אל
געשליכטעט ווערען אויף א פריעדלי
אופן. אבער זיכער זיין אין דעם קען
ניט. פארקעהרט, דאס ריכטיגסטע
דאס קליגסטע איז צו ערווארטען א קא
און צו זיין וואס מעהר, וואס בעסער פ
באריים פאר איהם.